STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02980

FUN DERVAYTNS

Zevi Hirschkan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כ ל ל - ב י כ ע ר

צבי הירשקאַן

פון דערווייטנס

עטיודן

כלל-פאַרלאַג
בערלין, 1922 תרפ"ג

Klal-Verlag / Berlin SW 68 / Markgrafenstr. 73

Copyright by Klal-Verlag, Berlin, 1922.
Gedruckt in der Klal-Druckerei, Berlin.

אינהאַלט:

I. וואַנדערער:

דער בשמימניק . . . . ז. 11
„סואר״ . . . . „ 51
דער קיניג-פּאַלאַץ און דער מאַרק . . . . „ 73
פאַרוואַגלטע . . . . „ 95
דער איד און דער הויף-דינער . . . . . . „ 111

II. וועגן:

דער אידישער שריפטשטעלער . . . . . . „ 133
גאונעשע צוועקמעסיגקייט (ר׳ מענדעלע מוכר-
ספרים) . . . . „ 145
דער לעצטער זאָגער (שלום-עליכם) . . . . „ 153
דער הייַנטוועלטיגסטער אידישער שרייבער
(י. ל. פּרץ) . . . . „ 169
כבוד מלכות (טעאָדאָר הערצל) . . . . . . „ 189

III. שטראָמען:

א פאַרגליווערט פאָלק . . . . „ 211
ווילדקייט . . . . „ 227
די טראַגעדיע פון א געדאַנק . . . . . . „ 237
די לעצטע מארקיזן . . . . „ 247
א נייע רוסישע רעליגיעזע סעקטע און אידישע
אינטעליגענטן . . . . „ 259
געטער-קריגן . . . . „ 275

פונם מחבר

איך ווענד זיך צו די לייענער פון אָט דעם בוך — אויב אַזוינע וועלן זיך געפינען — נאָר מיט איין און איינציגער בקשה: בעתן לייענען כסדר האָבן אין זינען, אַז כמעט דער גאַנצער בוך איז אָנגעשריבן געוואָרן אין דער צייט פון וועלט־קריג און ערשטן יאָר רוסישער רעוואָלוציע. אַפילו די טעמעס און די געדאַנקען, וואָס אין פלוג האָבן זיי, דוכט זיך, ניט קיין דירעקטע שייכות צו אָט דער צייט, זיינען אויך דורכגעדרונגען מיט איר אַטמאָספער.

איך שטרייך עס אונטער אָט פאַרוואָס: מיר וואָלט זיך זעהר וועלן, אַז די לייענער זאָלן נעמען אָט די צייט, ווי אַ פאַקטישן מעטאָד אין זייער פאַרהאַלטן זיך צו אַלץ, וואָס דאָ איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן, און ניט משפטן סתם און אַבסטראַקט, ווי וועגן זאַכן, וואָס ווערן געשריבן אויסער צייט און אויסער רוים, דאָס הייסט: גלאַט אין דער וועלט אַריין.

דרעזדן, 8. 5. 1922

I

וואַנדערער

דער בשמימניק
(ליטע)

בּאַ אונז אין שטעטל — אַ בּלאָטיגער און איינזאַמיק פאַרוואָרפענער העק אין דער ליטע — האָט זיך געלעבּט אַ איד אַ תּושב, וואָס האָט געהייסן זרח דער בּאָבּע קונעס אָדער זרח דער בּשמימניק. געקרוינט האָט מען אים מיט אָט די בּיינעמען דערפאַר, ווייל בּיז די מיטעלע יאָרן, אַן ערך בּיז אַ יאָר פערציג, אויבּ ניט נאָך העכער, האָט ער זיך כּסדר געשפּייזט דערהויפּט פון דעם, וואָס די מוטער זיינע קונע — אַ פּיצינקע אירעניטשקע מיט אַ גרויסן טשיפּיק פון גרינליכע פּאַווע־פּערערן אויפן קאָפּ, און אַ רופנע, תּמיד עפּעס אַ יום־טובדיגע, אַ בּאַוועגליכע און אַ פּאַרהאַוועטע, אַ חזקה־וואַרטערין בּאַ די געהויבּענע און רייכע קימפּעטאָרינס און אַ סאַרווערין אויף אַלע נגידישע שמחות — פלעגט געבּן אויף דער הוצאה סיי מיט בּאַרן געלט און סיי מיט גרייטער שפּייז, וואָס זי פּלעגט אָנבּרייגנען רענצלעכווייז פון די בּרית־טישן און פון די חתונה־קיכן. און נאָכדעם, אַז די מוטער איז פּלוצלינג געשטאָרבּן — אויף אַ בּרית, זיצנדיג אַן אויסגעפּוצטע און עפּעס ווי אַ קוואַטערין, נעבּן סעודה־טיש מיטן טשיפּיק אויפן קאָפּ,

דערוואָרגן זיך מיט אַן עוף־ביינדל — און זרח איז גע־
בליבן לגמרי אַ יתום — אגב, אַלע זיינע יאָרן אַ שטאַרק
נאָכגעגעבענער בן־יחיד געווען, אַ געמאָסטענער און אַ
געוואוינענער, — האָט ער און זיין גאַנץ הויז־געזינר
דערנערט זיך פון אַ בשמים געוועלבל, וואָס אים איז
איבערגעבליבן בירושה אינאיינעם מיט אַ שינדל־געדעקט
שטיבעלע אינם באָד־געסל און מיט אַ ביסעלע כלי־בית
פונם אייגענעם שווער, וואָס איז צענדליגער יאָרן נאָכ־
אַנאַנד געווען דער חברה־קדישה־שמש, עין־הרע־אָפּ־
שפּרעכער, זייגערמייסטער און שטענדיגער נאַכט־שומר
פון אונזער שטעטל... און אָט אויף אַזאַ אופן האָט
זיך עס אָט דער איד זרח ווי ניט איז געשטופּט און גע־
שטויסן זיין לעבן און איינקומעניש און קיינמאָל, אגב,
אַפילו אין די שטאַרקסטע פרעסט און אין די ערב־פּסחס
ניט באַקלאָגט זיך און ניט געקריגט ניט אויף גאָט און ניט
אויף לייט. קיין בעל־מטופּל איז אָט דער זרח ניט
געווען — עס האָט זיך עפּעס געמאַכט אַזוי, אַז סך־הכּל
אויפן פינפטן אָדער זעקסטן יאָר נאָך דער חתונה איז
זיין ווייב עפּעס ווי פון דער העלער הויט פלוצלינג
פּאַראַליזירט געוואָרן, און אָט דעריבער טאַקע אינגאַנצן
נאָר צוויי קינדער פאַרמאָגט און ביידע דוקא טעכטער, —
און אַן איינגן שטיבל האָט ער דאָך געהאַט און אין
לוקסוס־זאַכן, לויט זיין עצם טבע, האָט ער זיך בכלל ניט
גענויטיגט, און דער דורכגעגאַנגענער מעת־לעת האָט
אים פון תמיד אָן גאַנץ ווינציג געקימערט, און וואָס איז
שייך דעם קומענדיגן טאָג, איז דען אויך אַ דאגה, ווי
מען קומט אים דורך?..

און בכלל פון גרויסע קאָפּדרייעניש האָט אָט דער איד זרח טאַקע קיינמאָל ניט געוואוסט. טאָג איין, טאָג אויס, עפּעס ווי אַ קאַרגער חלפן נעבן מטבעות־טישל, פלעגט ער עס זיצן, אָט דער זרח, פּינקטליך און כסדר, אַפילו אין די קורצע טבתדיגע פרייטאָגס און פראָסטיגע אָוונטן, אין זיין בשמים־געוועלבל, עפּעס אַ פאַרשטופּט און פאַרשטעלט ווינקעלע צווישן די גאַלאַנטעריי־קראָמען און גויאישע בייגל־טישעלאַך נעבן דעם פּוילישן קלויסטער. אָט דער בשמים־האַנדל איז, אגב, געווען פאַר זיין גאַנצן עצם מהות ממש ווי געבוירן און געמאָסטן, כמעט גאָר ניט פאָרצושטעלן זיך אַנדערש.

אַן איידעלער איד, אַ שוואַכער און אַ דאַרער, דערצו נאָך אַ שטיקל הויקערל מיט אַ צונויפגעצויגענעם האַלז; אַ קליין קעפּעלע, באַדעקט מיט אַ פּלאַטשיק און ברייט היטעלע פון סאַמעט מיטן ראַשעק שטענדיג אַלכסונדיג באַם אויער; אַ ציגן־שפּיציג בערדעלע און דינינקע פּיסעלאַך, ווי באַ אַ העזעלע; געקליירט פּונקט עפּעס ווי „פּישקע דער קרומער” נאָך דער חתונה: אויסגעפּראַנטעוועט אין אַ געקווייטעלטן און טשערקעסן כאַלאַטעלע — אַ מתנה פאַרן זאָגן משניות באַ דער מטה פון אַ שטעטלדיגן גביר—און מאָנצינקע געלע און קינדערשע הענטעלאַך. עפּעס דאָס גאַנצע פיגורל אַזוינס, וואָס איז בכלל ניט צוגעפּאַסט פאַר האַמעטנע מסחרים מיט שווערע פּעק, אָדער טאַפּן שעפּסן און קעלבלאַך אויפן מאַרק, צי אַרומטראָגן זיך מיט פעלעכלאַך און בינטלאַך חזיר־האָר. אַן איידעלער איד איז געווען אָט דער זרח. פלעגט ער זיך זיצן אָט אַזוי כמעט טאָג ווי נאַכט אין זיין פאַרשטופּט

און פאַרשטעלט ווינקעלע צווישן די גאַלאַנטערײ־קראָמען און גויאישע בייגל־טישעלאַך נעבן דעם פוילישן קלויסטער און פאַרטראַכטערהייט אַרײַנקוקן אינם „סדר־הדורות“, צי אינם „צמח־דוד“ אָדער אינם „אַבקת רוכל“. געהאַט זעהר אַ שטאַרקע נייגונג צו געשיכטע און צו גאַזעטן. און דערבײַ אונטערברומען און טאַראַרייקן פאַר זיך עפּעס אַ סקאַרבאָווען ניגון פון „בר־כוכבא“, צונזערס אַ ליד, „שולמית“, אָדער אַ שטיקעלע „לאל עורך דין“. און ציהענריג מיט די נאָז־לעכער, פלעגט ער אײַנזאַפּן אין זיך די שמעקעדיגע בשמים־ריחות ווי יום־כפור די חלשות־טראָפּנס, זיצנדיג צווישן די „אויפגעקלערטע“ אין חדר־שני.

און אַז די עלטערע טאָכטער האָט שוין דערגרייכט צו בגרות־צייט פון שטיין אין שידוכים, און וועגן דער קלענערער איז שוין אויך געוואָרן צייט טראַכטן וועגן אַ תכלית, האָט זרח זיך אָנגעשטרייַנגט און אַביסעלע טאַקע פאַרגרעסערט דאָס געשעפט זיינס. ער האָט אָנגעהויבן צו האַלטן בײַ זיך אינם געוועלבל כשרע זייף און גליצערין, ראַקעטן־שוועבעלאַך און ווענדקעס, געהאָפּטענע תפילים־זעקעלאַך און סטרונעס צו פידלען, פרשיות און גאָלמעסערס, נעגעלאַך צו סופרים־טינט און קאָלאָרעס קאָרטן, דעם קיסרס פּאָרטרעטן און אַלע בילדער פון „כל גאוני ישראל“, עטליכע עקזעמפּלאַרן פון „ראָבינזאָן קרוזאָ“ אין העברעאיש, אַ פּאָר „כור עונים“ אָהן טאָוולען און דעם רמבמס ביאָגראַפיע אין רוסיש מיט אַ בית־המקדש־מפּה אָנשטאָט אַ שער־בלאַט און נאָך פיל און פיל אָט אַזוינע איידעלע און שיינע

מאַטעריעס, וואָס דאַרפן האָבן אַ בעלן און אַ מבין. און אָפּשפּאָרנדיג תּכליתדיג נאָכן פּריון פון יערן מין צו עטליכע פּרוטות אין אַ באַזונדער פּושקע אויף נדן פאַר דער עלטערער טאָכטער און אויף מלבושים פאַר דער קלענערער, האָט זיך זרח בעצם געלעבט רוהיג און שטיל, ווי פריהער, אַלס אַן איינאונאיינציגער בשמימ־ניק פון שטעטל: עפּעס שטענדיג שטאַרק שוה בשוה מיט זיך גופא און העכסט צופרידן פונם דעליקאַט־ציכטיגן געשעפט זיינעם, וואָס האָט אים קיינמאָל קיין אומכּבוד ניט פאַרשאַפט און נאָך אויך מיט אַ גאַנץ נשקשהדיגער חיונה באַזאָרגט אַזוי, אַז עס האָט אַפילו אויף זייטיגע הוצאות געכאַפּט.

פון די פאַרשטויבטע און פאַרשמוציגטע מאַרק־מענשן, דאָרפס־הענדלער און שפּייז־קרעמער האָט זיך זרח דער בשמימניק גדלותדיג און מעשה גרויסער מיוחס שטענדיג געהאַלטן פון דערווייטנס: כּסדר געחברט זיך בלויז נאָר מיטן אַפּטייק־קרעמער, אַן אַלטער בחור פון אַ יאָר פופציג מיט אַ גרוי און פראַנצויזיש געשאָרן בערדל, אַ הויכער און אַ סוטולער, תּמיד געקליידט אין אַ סורדוט מיט אַ געקעסטלט וועלאָסיפּעדן־היטעלע אויפן קאָפּ און מיט בלויע אָנגערונצלטע שפּאַקולן אויף אַ פּיצינק נע־זעלע, און דערצו נאָך אַ טויבליכער, און סיי זומער און סיי ווינטער, עפּעס ווי אַ שווינדזיכטיגער, מיט אַן אַרומגעבונדענעם האַלז און אין האַלב־טיפע קאַלאָשן. איז אָט מיט דעם אַפּטייק־קרעמער איינאיינעם פלעגט עס ס'רוב זרח דער בשמימניק בשותפות אַריינקוקן אין דער „הצפירה“ און באַטראַכטן דערביי יערער נייס אויף

עטליכע אופנים, אָדער פירן לייכטע און געמיטליכע שמועסן וועגן מעריצין, צי דערציילן איינער דעם אַנדערן פאַרשיידענע שכלדיגע איינפאַלן פון די וועלט־באַ־רימטע פראָפעסאָרן סיי אין דאָקטאָריע סיי אין פילו־סופיה, אָדער האַמפּערן זיך, הגם זעהר פריינטליך און לייטיש דערפאַר, וואָס אָט דער אַלטער בחור, דער אַפּטייק־קרעמער, האָט געהאַלטן איין רעה מיט גרעצן, אַז צווישן די נביאים זיינען געווען צוויי ישעיהוס, און דערצו נאָך תמיד עקשנותדיג געטענעט, אַז דער גראַף ליעוו טאָלסטאָי איז אפשר ניט קיין קלענערער מענש פון רש״י און פון הלל הזקן...

און כאָטש זרח דער בשמימניק האָט זיך ניט מיט אַלעמען געחברט, פונדעסטוועגן איז ער געווען שטאַרק חשוב און אָנגעזעהן אומעטום, סיי אינם שטעטל בכלל, און סיי אין בית־המדרש בפרט. זרח איז געווען אַזאַ סאָרט איד, וואָס האָט פאַרמאָגט בטבע זעהר פיל באַחנעוודיגע און צוציהענדיגע מעלות: אַ מענש כמעט אַ ליידינגייער און אַ בנעימותדיגער, וואָס זאָגט זיך קיינמאָל ניט אָפּ פון אַ שמועס, ווי לאַנג אָט דער שמועס זאָל זיך ניט פאַרציהען. און מיט אַ גלאַטן שכל־הישר, אַ שטילער און דערצו נאָך אַ שטיקל פּזרן: יערן חדש פלעגט ער באַזאָרגן דעם רב און דעם אייגענעם מנין מיט נייע און פרישע הברלה־בשמים אַזוי פּינקטליך, פּונקט אַשטייגער, ווי ער פלעגט קיינמאָל ניט פאַרגעסן, זינט ער איז געוואָרן אַ בשמימניק, צוגרייטן אַ באַזונדער פעקעלע זאַפרען און צימערינג פאַר די אייגענע ערב־שבתדיגע מאכלים יערן פרייטאָג. און חוץ דעם, וואָס

מען האָט זיך צו זרחן אַזוי חשיבותדיג פאַרהאַלטן, פלעגט מען אים נאָך אויך שטאַרק מקנא זיין און, קוקנ־ריג אויף זיין פירונג, טענען צו זיך אַליין:

— פרנסה ווי פרנסה... אָבער עפעס אַ קינדער־שפיל צו זאָגן אַזאַ רוהיגקייט? ממש טאַקע מנוחה פון אַ מאָנאַרכע...

אָט אַזוי האָט עס זרח דער בשמימניק געפירט זיין וועלטל פיל יאָרן כסדר, און עס קאָן טאַקע גרייליך זיין, אַז אויף אַזאַ אופן, געאַכט שטאַרק פון לייטן און שמח בחלקודיג פאַר זיך, וואָלט ער זיך געלעבט רוהיג און שטיל, ציכטיג און איידל ביז אין טיפער עלטער אַריין און וואָלט נאָך אפשר אויך דערהאַרט אייניקלאַך און אוראייניקלאַך — די גאַנצע פאַמיליע זיינע, נאָך פון דור־דורות האָט זיך ראָך אויסגעצייכנט מיט אַריכת־ימים — אויב מיט אים וואָלט פלוצלינג אַ מעשה ניט פאַסירט, עפעס גאָר אַ מאָדנע מעשה, און פאַר אַזאַ סאָרט פאַרשוין כמעט טאַקע אַן אומגלויבליכע.

איינמאָל, תיכף נאָך פורים, ראָס איז האָט זיך שוין ערטערווייז געהאַט דורכגעבראָכן און דער ניט אינ־גאַנצן צעגאַנגענער שניי איז געוואָרן בלאָטיג און שוואַרץ. אין די נידעריגע ערטער האָבן כאָרכלענדיגע ריטשקע־לאַך אָנגעהויבן צו פליסן. און געהאַלטן האָבן זיך שוין די זון־וואַרעמדיגקייט און די טאָגיגע ליכטיגקייט עפעס רויערנדיג און ניכרדיג. מענשן, עפעס ווי אָקאָרשט נאָך אַ קריינק אַרויסגייענדיג אין דרויסן, האָבן זיך אָנגעהויבן אַזוי לאַנגזאַם צו באַוועגן. גויים האָבן זיך באַוויזן מיט גראָב־אייזנס און אירן מיט בעזמענרלאַך. אויף די

נאַקעטע גערטנער און ניט פאַרבויטע פּלעצער האָבן זיך אויסגעשטעלט בהמות און עופות. און אָט דער זעל־ביגער זרח דער בשמימניק האָט זיך אין מיטן דערינען פאַרטראַכט און, טראַכטנדיג, דערטראַכט זיך — ווי אַזוי, אגב, ער איז עס געקומען צו אָט דעם רעיון, בלייבט נאָך ביז היינטיגן טאָג פאַר אַלעמען אַ סוד, — אַז אין אונזער שטעטל, וואָס איז אַזוי רייך אין חורבות: עטליכע אַלטע בית־עולמס און גריבער, היילן און האַלב־איינגעפאַלענע בתי־מדרשים און נעסטן פאַר בעטלערס, סיי אייגענע און סיי פרעמדע — וואַלגערן זיך אונטער דער ערד, ממש ווי מיסט, אוצרות גאַנצע פון מטבעות קופּערנע און מטבעות זילבערנע און גאָלדענע, שררהש געפעס און ניקעלנע צוימען, אַראַבישע זאָטלען און אַפילו פערלדיגע האַלזבענדער. און אַז ווען עס געפינט זיך עפּעס אַ רעכטער בעלן מיט קאָפּ און מיט שכל און גראָבט אויס אָט די אַלע אוצרות פון דאָרטן, ניט שפּאָרנדיג דערביי ניט קיין טרחה און ניט קיין הוצאות, — איז עלול, אַז אין איין מעת־לעת, ממש ניט אַרומקוקנדיג זיך, וואָלט ער געוואָרן אפשר דער גרעסטער עושר פון דער וועלט... אָט אַזוי האָט זיך עס פּלוצלינג און שוין כמעט אויף דער עלטער זרח דער בשמימניק דערטראַכט, עפּעס ווי דורך אַ נבואה. אמת, קיין גרויסן רעש האָט ער גלייך דווקא ניט געמאַכט דערפון: זרח האָט געהאַלטן, אַז אויב עפּעס אַן ענין שמעקט מיט עשירות, דאַרף מען עס פירן בסוד און ניט פונאַנדערפויקן עס אין אַלע גאַסן אויף טעלער־לאַך. פונדעסטוועגן האָט ער זיך דאָך געפּרובט עטליכע

מאָל אין בית־המדרש צווישן מנחה און מעריב, בעת דער עולם איז מעשהדיג און מרשדיג אויפגעלעגט, און עס איז וואַרעם, און עס איז רוהיג, און די הייגג־לאָמפּן זיינען אָנגעצונדן און לייכטן דורך די לוסטרעס, — עפּעס אַזוי זיך פאַרבייגייענדיג ווי כּדי אַראָפּצוואַרפן פון זיך אַ חשד, פונאַנדערשמועסן מיט די עלטסטע און מיט די קליגסטע, אַז לויט זיין אייגענער השערה, און ווי די סברא איז טאַקע דערצו מחייב, דאַרף און מוז זיין דאָס שטעטל אונזערס ממש אויסגעבעט מיט אוצרות: אָט דאָ זיינען דאָך עס גאָר פאַרצייטן דורכ־געגאַנגען די טאָטערן און די טערקן, די שוועדן און די רוסן, און נאָכדעם האָט זיך דאָ אויך אָפּגעשטעלט אַפילו נאַפּאָלעאָן אַליין, מאַרשירנדיג קיין מאָסקווע דורך סמאָלענסק. הײנט די פּוילישע פירשטן און מאַגנאַטן מיט זייערע ווייבער און פּלגשים, וואָס האָבן אַזוי ליב געהאַט צו פיינען און צו פּוצן זיך, און אַפילו די קנעכט און די פערד, סיי אין די צייטן פון מלחמה און סיי אין צייטן פון שלום. ווינציג דען, אַשטייגער, האָבן זיי עס דאָ אַלע אינאיינעם איבערגעלאָזט?.. און אויס־הערנדיג אָט די אַלע טענות פון זרח דעם בשמימניק, האָבן דעמאָלט אָט די אַלטע און קליגסטע לייט פונם שטעטל תיכּף מורה געווען, אַז על פּי שכל דאַרפן און מוזן אָט די השערות זיין גאַנץ ריכטיג: די אַלע פאַקטן, וואָס ער האָט דאָ אויסגערעכנט, קאָן דאָס טאַקע קיינער ניט אָפּלייקענען.

און אָט דער איר זרח איז לסוף געוואָרן נאָך אָט די שמועסן נאָך מונטערער בּאַ זיך גופא און נאָך שוויינג־

ריגער און סורותדיגער פאַר דער וועלט. לגמרי עפּעס ווי אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. האָט מען אויף אים געקוקט און פּשוט אָפּחידושן זיך ניט געקאָנט: וואָס האָט עס דאָ פּאַסירט?... רוכט זיך אַן איינענער מענש, אַ שטעטלדיגער, אַ לייבליכער, און געוואָרן אַזש לגמרי ניט צו דערקענען: עפּעס בעת ער רעדט מיט עמיצן, קוקט ער זיך אַרום אויף אַלע זייטן, ווי אויספאָרשנדיג און מיט חשד. אָנגערונצלט פּונקט, אַשטייגער, ווי ער וואָלט עפּעס אין אַ פרעמדער מדינה אַריינגעפאַלן. אָט אַזוי אומגעריכט פאַר אַלעמען האָט זיך עס זרח דער בשמימניק, וואָס איז געווען אַזאַ מעורב בין הבריות, פונם כלל אָפּגעשיידט. און ממש טאַקע מיט אַלץ האָט ער זיך עפּעס פאַרענדערט: אַלע זיינע יאָרן, רוכט זיך, אַזאַ רוהיגער פאַרשוין געווען, מיט געמאָסטענע טריט: אַ בשמימניק — און גאָר אין מיטן דערינען עפּעס געוואָרן מבולבול ווי אַ שעפּס, שטאַרק פלינק־בריהדיג, שטענדיג פאַרהאַוועט, שפּרינגט, לויפט, דאָס סאַמעטענע היטעלע אַריבער די אויגן, און שעהן לאַנג האָט ער עפּעס אָנגעהויבן זיך צו פאָרקען אין גריבער און אין בלאָטעס, קריכן מיט די הענט אין אַלע אומריינע ערטער נעבן די בתי־מדרשים און נעבן די קלויסטערס אינם שטעטל גופא ווי אויך נעבן די בית־עלמינס און די פּוילישע „מאָהילניקעס" הינטערן שטעטל... צי אָט, אַשטייגער, אַלע אידן, יונג און אַלט, זיינען פאַרנומען מיטן קומענדיגן פּסח: ווער עס דינגט, למשל, באַצייטנס אַ בינטל כריין און ווער עס קויפט אַ צענדליג אייער אָדער אַ בעזים און נאָך פיל אַנדערע נויטיגע זאַכן. און

דאָס ריינגעניש און דאָס קויפעניש גייען צו עפּעס אַזוי ישוב־הדעתדיג און יום־טובדיג געהויבן. נאָר זרח דער בשמימניק, עפּעס ווי אַן איינאיינציגער „יוצא מן הכּלל", שטייט בעת מעשה אַ פאַרזינדיגטער און אַ וואָכעדיגער און גריבלט זיך און פּאָרקעט זיך איינזאַם און טרויעריג אין די קאַלדראָבענעס און אין די רינשטאָקן. אין אָט די מינוטן זעהט ער אויס, פּונקט עפּעס ווי אַ גוי אַ בעטלער, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אום ראש־השנה, בשעת תּקיעות אויף אַ בית־המדרש־הויף און זוכט דאָרטן ביינער און שמאַטעס פון אַלטוואַרג... בכלל איז זרח דער בשמימניק עפּעס אין אַ רעטעניש פאַרוואַנדלט געוואָרן: אָט האָט ער שוין דאָס געוועלבל כּמעט אינגאַנצן פאַרשלאָסן און שטענדיג אָנגעהויבן זיך אַרומצושלעפּן מיט משכּנות צום וואָכערניק. אַפילו דאָס בעטגעוואַנט און דעם סאַמאָוואַר פאַרזעצט, און פון אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך נאָר, מאַכט ער צו מזומן געלט: אַפילו עטליכע בענש־לייכטער, אַ נייעם טלית און אַ תּנ"ך מיט מענדעלסאָנס ביאור פאַרקויפט. מאָרגע: פּונקט עפּעס ווי ער וואָלט זיך גופא אָרער אַ קינד דאַרפן ראַטעווען פון אַ סכּנהדיגער מחלה און זוכט מיטלען, ניט שאַנעווענדיג קיין שום חפץ, כּדי ראַפּטאם לויפן צו אַ גרויסן דאָקטאָר ערגעץ־וואו אין מרחקים אין אויסלאַנד.

און אינם שטעטל האָט מען ממש פון קליין ביז גרויס נאָכגעקוקט זרח דעם בשמימניק, וואו ער פלעגט זיך נאָר קערן און ווענדן. און דאָס באַוואונדערן אים פון אַלעמען האָט מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער געשטייגט.

— פלאי־פלאים! וואָס קומט עס דאָ פאַר מיט זרח דער באָבע קונעס?.. אפשר קלייבט ער זיך גאָר אָפּ־צופאָרן אין אַפריקע אָדער אין אַמעריקע?.. נאָר צוליב וואָס באַהאַלט ער זיך עס אַזוי?

אַפילו דער אַפּטייק־קרעמער, אַט דער אַלטער בחור און קמצן, וואָס קיין שטעטלדיקער ענין פלעגט זיך צו אים ניט צוקלעפּן ממש אויף אַ האָר — אַפילו שרפות און מגפות — האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען טאָג־טעגליך מיט זרח דעם בשמימניקס מאָרגנס אויפ־פירן זיך, פונקט ווי מיט די „צפירה"־נייעס. נאָר זרח איז געווען שטאַרק באַ זיך און עפּעס ווי מיטן גאַנצן שטעטל געררייצט זיך: זיין פריהערדיגע השערה איז באַ אים סוף כל סוף טאַקע אין אַן אמונה־שלמה פאַר־וואַנדלט געוואָרן, און ער האָט אַזוי געשוויגן, שטאַלץ און ניט מאַכנדיג מיט קיינעם קיין מחזקות, ביז וואַנען דער סוד האָט זיך במילא און פאַר אַלעמען פלוצלינג אַנטפּלעקט.

...אסרו־חג פון פסח איז עס געווען. אַ פריהצייטיגער פריהלינג האָט זיך עפּעס ווי אומבאַמערקט אונטער־גערוקט אָט דאָס יאָר. אינם שטעטל איז שוין געווען לג־בעומרדיג טרוקן. באַ די אַלט־געזעסענע און תקיפע בעלי־בתים — די ריכטיגע מבינים אויף לופט און אויף פרישקייט — האָט מען שוין די דאָפּעלטע פענסטער אַפילו אַרויסגענומען. אויף די קושאַקעס, אָנשטאָט דער ווינטערדיגער שוואַרצער וואַטע, אויסגעבעט אויף געלן

זאַמד און באַשאָטן מיט קאָלירנדיגער קאָנפעטי און באַפּוצט מיט חדר־אינגלעשע בלוי־פּאַפּירענע אָקרענ־טעלאַך, לאַמטערנדלאַך, חנוכּה־ליכטעלאַך, בּוטשאַנעס, האָט מען איצט אויסגעשטעלט און אויסגעלעגט בּלומען־טעפּעלאַך און קריגעלאַך מיט שטעכעדיגן אייער, הרסים און אַלטע פאַרדאַרטע לולבים און פאַרשיידענע שפּילעכלאַך מיט צאַצקעלאַך. פריהלינג אויף דער וועלט. גאָר עפּעס וואָלקנדיג און קאַלטליך, ווי בּאַ אַן ערב־האָגל. אַן אָנגערונצלט און קאַפּריזנע ווינטל ווייעט פון די פּוסטע פעלדער, פון די אָקאָרשט פאַרזייטע גערטנער, פון די הינטערשטעטלדיגע ווינט־מילן און פונם צע־פלייצטן טייך. בּערדיגע אידן און נאָך גאָר כּמעט אינגלאַך, זקנים און חתנים שפּאַצירן זיך אום איבּער די ליידיגע גאַסן און אויפן פּוסטן און שטויבּיגן מאַרק, עפּעס ווי אויף מאָרגן נאָך אַ יריד. געלאַסן און פאַר־טראַכט, די הענט פאַרלעגט אויף אַהינטער, און מיט אויסגערוהטע און גלאַנצנדיג־אויסגעוואַשענע פּנימער. עפּעס אַ נאָך־יום־טובדיגער און קהלתדיגער אומעט שוועבּט איבּער אַלץ און איבּער אַלעמען. אָט אַזוי האָט עס דאָ אויסגעזעהן בּעת מעשה.

ערשט אין מיטן דערינען האָט זיך בּאַוויזן אויפן מאַרק, נעבּן די יאַטקעס, זרח דער בּשמימניק, עפּעס ווי אומ־געריכט אַן אָנגעפּאָרענער אורח, אָנגעטאָן, מעשה ערנסטער וועג־מענש, אין אַ פּיניש היטל מיט אַראָפּ־געלאָזענע אויערלאַך, צוגויפגעבּונדן מיט שנירלאַך אונ־טערן בּערדל, און מיט אַ ווייבּערשער פּאַטשיילע אויפן האַלז און אין אַ וואַטעריגער און אויסגעריבּענער שמאַטע,

כמעט אָהן אַן איבערשלאַק. די לענגן פֿאַרגאַרטלט און פֿאַרקניפּלט מיט אַ דיקן שטריק, און צווישן דעם שטריק — אַ האַק און אַ לאָפּעטע. אויף די הענט וואָלענע זאָקן אָנשטאָט הענטשקעס, און אין די הענט — אַ פֿאַרפּל־זיפּ און מיט אַ טאָרבעלע אויף די אַקסלען. און דער גאַנצער גאַנג זיינער: געציילטע, וואָגיג־פֿויערשע טריט, אַזוי גאוהריג און צופרידן. אַלע, וואָס האָבן אים דערזעהן, זיינען אַזש נשתּומם געוואָרן פֿון זיין מאָרנעם אויסזעהן, פֿאַרוואונדערט און געלעכטעריש האָט מען אויסגעשריען פֿון אַלע זייטן:

— ר׳ זרח, וואוהין האָט איר זיך דאָס אַרויסגעלאָזט אָנגעפּעלצט, ווי אַ שמענדריק מיט אַזאַ „צידה לדרך״... ... וועלדער האַקן?... קברים גראָבן?... פֿאַר ענונות נרבות קלייבן?...

נאָר זרח דער בשמימניק האָט זיך אַפֿילו אויף אַ רגע ניט אָפּגעשטעלט, פּונקט ווי ניט אים גאָר מיינט מען עס. קיינעם אַפֿילו מיט אַ תּנועה ניט געענטפֿערט, בלויז אָנגעכמורעט זיך פֿון אָט דער באַגעגעניש מיטן גע־לעכטער פֿונם אסרו־חגעדיג אויפֿגעלעגטן און לצנות־טרייבנדיגן המון. דאָס שפּיציג בערדל זיינס האָט אַ ציטער געטאָן. און ווי אויסמיידנדיג דעם מאַרק מיט זיין עולם, האַלטנדיג די אויגן אַראָפּגעלאָזט, די שפּיציגע און דינינקע אַקסעלאַך צונויפֿגעצויגן, איז זרח זיין וועג ווייטער געגאַנגען. ברוגזדיג אָנגעבלאָזן איז זרח אַרויפֿ־געגאַנגען אויפֿן לאַנגען און קיילעכדיגן הויף פֿונם „עטאַזש״ פּונקט אַנטקעגן שעכט־הויז און הקדש — אַ

דריי־שטאָקיגע חורבה אָהן פענסטער און אָהן אַ דאַך, מיט האַלבע און שימלדיגע אויווגס אינעווייניג, ווי מצבהדיגע קברים־מייערלאַך אויף אַלטע און פאַר־וואָרפענע בית־עולמס. עפּעס אַ רעשט פון אַ פאַר־צייטיגן שטעטלדיגן פּריץ, וואָס איז אומגעקומען מיט אַלע זיינע קרובים, יורשים און פריינט אין דער צייט פון אַ פוילישן אויפשטאַנד, און פון רעמאָלט אָן איז עס אָט אַזוי פאַרבליבן אויף דור־דורות אַ הפקר־בנין אָהן אַ גואל און אַ שום השגחה. ווי תּמיד איז אָט דער הויף פונם „עטאַזש" אויך היינט געווען אָנגעוואָרפן און אומ־ציכטיג אָנגעשלײדערט. אויף יערן טריט האָבן זיך דאָ געוואַלגערט שערבלאַך פון די פאַרפּסחדיגע צעבראָכענע חמצדיגע כּלים, טרפה־עופות, געפּגרטע קעץ און, ווי אין אַ רינשטאָק, אייער־שאָלעכץ אויסגעמישט מיט פאַר־שיירעגע שיריים פון ווינטערדיגע מאַכלים, וואָס זיינען קאַליע געוואָרן, אָפּגעפּליקטע און אָפּגעבריטע הינט מיט אונטערגעבראָכענע פיסעלאַך האָבן גערדרעמלט. עטליכע ציגן האָבן זיך געפּיטערט, חזרים האָבן זיך גע־ריבן, און אין דער מיט פונם הויף איז געשטאַנען אַ צעבראָכענער קעסל פון אַ באָד, וואָס איז אָפּגעברענט געוואָרן נאָך מיט יאָרן־לאַנג צוריק, און אויך אַנדער קהליש אַלטוואַרג. נעבן אָט דעם קעסל און אַלטוואַרג עפּעס אַן אַלטע קרוע־ובלועדיגע גויע מיט אַ קליינער און רויט־דורכגעלעכערטער וואונד אָנשטאָט אַ נאָז. זי איז געזעסן אויף דער ערד, די פיס אונטער זיך מיט אַ קליין און בלינד הינטל אין שויס, ווי וואַרעמענדיג זיך צווישן אַנאַנד, און געטונקט שוואַרץ ברויט אין בראָנפן,

אַליין געגעסן עס עפּעס, ווי שמעכלענדיג און שלינגענדיג, און אויך אינם מיילעכל פונם קליינינקען און בלינדן הינטל געשטופּט, קיצלענדיג עס דערביי. עס איז געווען אַזוי עלנדיג און אַזוי פאַרלאָזט נע־ונעריש: אַן איינגעזעסענע חורבה־ווּיסטעניש!

נאָר אָט איז זרח דער בשמימניק אַריינגעקומען. פּונקט עפּעס ווי אַ זיכערע האַנט פון אַ פעסטן בעל־הבית האָט זיך דאָ פלוצלינג דערפילט. אויפן הויף פונם „עטאַזש" האָט זיך גלייך אָנגעהויבן צו באַמערקן עפּעס אַ ישוב־באַוועגליכקייט. מיט אַ ברייטקייט און תּקיפות פון אַ יורש האָט זיך זרח צעשריען מיט אַזוינע קולות און גוואַלדן אויף דער אַלטער גויע, אַז זי האָט קוים דאָס בלינדע הינטל פאַרכאַפּט, און ווי זי איז געזעסן אָפּגעהעקלט און פונאַנדערגעקנעפּלט, אָט אַזוי אויטוו אַנטלאָפן געוואָרן. די דרעמלענדיגע הינט האָט ער אַרויסגעיאָגט. די חזירים מיט די ציגן אַרויסגעטריבן. און בלייבנדיג נאָכדעם אויג אויף אויג מיט זיך אַליין, עטליכע מאָל זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע פיר זייטן, אַרומגעטאַפּט זיך שפּאַרזאַמדיג און ניט געאיילט. פּונקט ווי בעת ער פלעגט סאָרטירן די סחורה אינם בשמים־געוועלבל, האָט ער איצט פונאַנדערגעלעגט אויף דער ערד די פאַרפל־זופּ, די האַק, די לאָפּעטע און נאָך שמיריש געציינג. מיט דער זעלביגער רוהיגקייט אַראָפּ־גענומען פון די אַקסלען דאָס טאָרבעלע. פונם טאָר־בעלע האָט ער אַרויסגענומען אַ צעבויגענעם און טעמפּן גראָב־אייזן אָהן אַ הענטל, אַ האַק־מעסער מיט זעג־ציין און פאַוואָלינקע אָנגעהויבן צו פּויזן און צו קלעטערן אויף

אַלע פיר איבערן גאַנצן הויף אין דער לענג און אין דער ברייט. פון קיינעם ניט געשטערט, האָט ער גענומען נישטערן און זוכן, גריבלען און פּאָרקען אין אַלע לעכער און שפּאַלטן פון דער חורבה. און גריבלענדיג זיך און פּאָרקענדיג אָט אַזוי אין אַלע ווינקעלאַך, פון אומעטום שלעפּן הויפנסווייז שטויב, מיסט און זאַמד. אָט די הויפנס שטויב, מיסט און זאַמד נאָכדעם איבערזיפּן פּאָרזיכטיג עטליכע מאָל מיט דער זיפּ, וואָס ער האָט געבראַכט. דערביי באַקלערן יערן שטיינדל און שערבל מיט קאָפּ און מבינותדיג, האַלטנדיג דאָס לינקע אויג צונויפגעברעמט, פּונקט עפּעס ווי אַ כשר־פרומע אידענע באַטראַכט אַן איי, וואָס זי איז חושד אין אַ בלוטס־טראָפּן. און אין מיטן דערינען פלעגט זרח אָפּשטעלן זיך עפּעס ווי פאַרחידושט און, דריקנדיג מיט די שטאַרצנ־דיגע אַקסעלאַך, אַריינלייגן אַ האַנט אין בוזים אַריין און אַרויסציהען פון דאָרטן אַ פּאָר שפּאַקולן מיט שטריקלדיג־געפלאָכטענע האָלאָבלעלאַך. עפּעס צאַפּ־לענדיג מיטן בערדל אַרויפהאַקן אָט די האָלאָבלעריגע שפּאַקולן אויף דער נאָז, וואָס איז, אגב, עפּעס ווי צו להכעיס זיין פיגורל, רוקא געווען אַ לאַנגע און אַ ריקע און מיט פיל גולקעלאַך און ווימפּערלאַך אָנגעזעצט. ווי אין אַ יריעהלע מיט פּיצינקע רש״י־אותיותלאַך, פלעגט זרח טיף, לאַנגזאַם און שאַלהדיג איינקוקן זיך מיט ביידע אויגן עפּעס אין אַ פּאַרראָסטע בלעכל אָדער פּאַרצעליי־שערבל, איבערדרייענדיג עס דערביי עפּעס ווי קווינק־לענדיג זיך עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד פון איין זייט אויף דער צווייטער. אָט אַזוי אַלץ אַרומגעפּויזעט און אַרום־

געקלעטערט, פֿאָרזיכטיג איבערגעזיפּט און נאָכאַנאַנד באַטראַכט אָט די אויסגעגראָבענע „מציאות“, ניט אויפֿהויבנדיג זיך פֿון דער ערד, און אַפֿילו אַ רגע ממש ניט אָפּרוהענדיג זיך.

און נאָך האַלבן טאָג האָט שוין טאַקע דאָס גאַנצע שטעטל, ממש פֿון עק ביז עק, און אַפֿילו אין די גויאישע הינטער־געסלאַך און אינם מושב־זקנים אויפֿן שול־הויף געדעשט און געטומלט מיט זרח דער באָבע קונעס און מיט זיין אומגעהערטן און מאָרנעם איינפֿאַל, פּונקט עפּעס ווי מיט אַ פּנקסדיגער געשעהעניש. זיין סוד איז שוין, לגמרי, און פֿאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען: „אוצרות זוכט ער עס און עשירות וויל ער כאַפּן“...

די חשובסטע און אָנגעזעהענסטע בעלי־בתּים, וואָס פֿירן תּמיד שטאַט און וואָס האַלטן בכלל ניט פֿון חכמהלאַך און איבערשכלדיגע ווערטעלאַך, האָבן עפּעס בכיון אויסגעמידן צוגיין אין אָט דעם טאָג אַפֿילו פֿאַרביי דעם „עטאַזש“, עפּעס ווי נעבן אַ פֿרישן אומגליק, כּדי ניט אָנצוטרעפֿן זיך אויג אויף אויג מיט זרח דעם בשמימניק. אָט דער זעלביגער זרח דער בשמימניק, וואָס איז אַלע זיינע יאָרן, אַפֿילו נאָך בחור־וויַז, געווען אַזאַ שטאַרקער בר־דעת אַ איד, דערצו נאָך אַ מושלם און גענִיט אין דער וועלט און אין אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר אויף דער וועלט, ליגט גאָר איצט אויסגעצויגן עפּעס ווי אַ בלאָ־דעה אין מיטן העלן טאָג אויף אַ חורבה־הויף צווישן חזרים, שמאַטעס און צעבראָכענע כּלים און טרייבט אַזוינע אומגעלומפּערטע המצאות. און פֿלעגט ווער עס איז פֿון אָט די חשובסטע און אָנגע־

זעהענסטע בעלי־בתּים בעת מעשה יאָ דורכגיין פֿאַרבײַ דעם „עטאַזש“ — ס'רוב על פּי נויט — פֿלעגט ער נאָר עגמת־נפשדיק אויסזיפֿצן זיך און רחמנותדיק מיטן קאָפּ צושאָקלען. פֿאַרשטעלנדיק דאָס פּנים, עפּעס ווי פֿון אַ אייגענער חרפּה פֿלעגט מען מאַכן דערבײַ אַ חשבון מיט זיך גופֿא און טרויעריק אַרויסדרינגען פֿון אָט דער געשיכטע אַ מוסר־השכּל: אָט צו וואָס פֿאַר ווילדע שטותערייען עס קאָן ברענגען די ביטערע תּאווה צו געלט...

עפּעס אַזש אַ מרה־שחורה איז אויפֿן גאַנצן שטעטל אָנגעפֿאַלן. בלויז נאָר די אינגלאַך־שרצים, סײַ די אָרעמע, סײַ די רײַכע, האָבן זיך אין אָט דעם טאָג געפֿילט נאָך בעסער, איידער אַפֿילו אין די גרעסטע קינדערשע ימים־טובים. פֿאַרלאָזט אַלע חדר־שנירינגע און הינטער־שטעטלדיגע שטיפֿערייען מיטן שפּיל אין מכירת־יוסף און אין קאַנטאָניסטן־כאַפּערס. מחנות־וויז, מיט די ל״ג־בעומרדיגע ביקסעלאַך, מיט די תּשעה־באָבריגע באַרעלאַך, מיט די פּורימדיגע קאַלאַקאָטקעס און גראַגערס און מיט שטעקנס און פֿאָמעלעס צונויפֿגעקליבן זיך אינאיינעם אַרום דעם „עטאַזש“ עפּעס מיט אַזאַ שמחה, פּונקט ווי קאָמעדיאַנטן וואָלטן דאָ בעת מעשה באַוויזן קונצן. שפּרינגענדיק און העזהדיק גאָר, פּונקט עפּעס ווי צו אַן אייגענעם גוט־ברודער, אָדער ווי צו אַן אַלטן שטעטלדיגן משוגענעם, האָבן די חברה־לײַט פֿון דערווײַטנס געקרימט זיך און געשטעלט נעז צו זרח דעם בשמימניק, קלאַפּנדיק און פֿײַפֿנדיק דערבײַ צום טאַקט מיט זייערע „כּלי־זין“ און שפּילעכלאַך, מיט די שטעקנס און מיט די פֿאָמעלעס:

— ר׳ זרח, טייערינקער, איר זוכט, וואָס אַ פּריץ האָט פאַרלאָרן?... דעם פּאַראַיאָרינן שניי זוכט איר, מורנו ר׳ זרח?...

פונקט אָבער ווי יום־כּפּור צו נעילה, וואַרטנדיג מיט אַ שווערן געמיט אויפן לעצטן גזר־דין, איז זרח דער בשמימניק אויסגעתעניתדיג און בלייך, איינגעבויגן און עפּעס ווי על־חטאיג איצט געווען פאַרטיפט און אַריינגעטאָן אין זיך און אין זיין אַרבעט. און אַפילו כאָטש מיט אַ בליק קיינעם ניט מהנה געווען, פונקט עפּעס ווי גאָר נישט ניט זעהענדיג און גאָר נישט ניט הערנדיג, וואָס עס קומט פאָר בעת מעשה הינטער אים און אָן אַ זייט.

ביז נאָך דער שקיעה האָט ער עס דאָ אָט אַזוי כסדר געפּאַקוטעוועט און אַרומגעבלאָנדזשעט. וואָס ווייטער אַלץ טיפער און שטאַרקער געקראָכן עפּעס ווי אין אַ תהום. און באַם סוף פונם טאָג אַזוי ווייט פאַרקראָכן, אַז ער האָט זיך עפּעס לגמרי ווי אויסגעצוימט און אויסגעטאָן, סיי פון גאָט און סיי פון לייט. אַפילו קיין מנחה דעם טאָג ניט געדאַווענט. נאָר אָט איז די זון שוין איינגאַנצן אונטערגעגאַנגען. דער סוף־חודש־ניסנדיגער הימל האָט זיך עפּעס ווי אַ שוואַרצע און פייכטע משא אויפן קאָפּ און אויפן גאַנצן גוף אַרויפגעלעגט. פון אַלע זייטן האָט זיך אָנגעהויבן ציהען אַ דריקנדיגע און דראָהענדיגע סומנעקייט, פונקט ווי פונם מאַרקעדינגן בלויען קלויסטער אין דער ערשטער נאַכט פונם קריסטליכן פּסח. פאַרדעקט מיטן ריקן חושך, האָט אַן ערב־רעגנדיגער צעטומלטער ווינט פלוצלינג אָנגע־

הויבן צו שמייסן אין פּנים אַריין מיט פּאַפּוסעס, דראַ־ניצעס, שמאַטעס און זאַמד. און זרח דער בשמימניק האָט זיך, עפּעס ווי מיט ישוב־הדעת רייבנדיג דעם שטערן און פאַרדראָסיג, פון דער ערד אויפגעהויבן. מיט דער ווייבערשער פאַטשיילע איינגערעקט זיך. די כלים מיטן געצייג אין טאָרבעלע איינגעפּאַקט פּינקטליך און שאַנעווענדיג, מעשה זייגערמייסטער. דאָס טאָרבעלע אויף די פּלייצעס פּאַוואָלינקע אַרויפגענומען. פעסט דאָס שטריקל אַרום די לענדן פאַרגאַרטלט. צווישן גאַרטל די האַק מיט דער לאָפּעטע אַריינגעשטעקט. די וואָלענע זאָקן אויף די הענט אַרויפגעצויגן, פּונקט ווי פריהער אין אָנהויב טאָג, בעת ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג. און אָט אַזוי ווי ער שטייט און גייט, אין די שמאַטעס אָנגע־פּעלצט, אַ פאַרהאָרעוועטער און אַ פאַרשמוצטער, עפּעס ווי אַ יאַרישלעווער ערב־פּסחדיגער מצות־טרעגער, מיט דרעמלענדיגע, איינגעמאַטערטע טריט אַוועקגעלאָזט זיך מעריב דאַווענען און ספירה ציילן אין זיין אייגענעם בית־מדרש אַריין.

אין בית־מדרש האָט מען בעת מעשה געלערנט „עין יעקב“. עס איז געווען גרויס און ליכטיג. שמערל, דער אַלטער שוחט, אַ טאַטע פון רייכע קינדער, אַ הויכער זקן מיט פּינקלדיג גאָלדענע האָלאָבליעדיגע שפּאַקולן אויף דער נאָז, מיט אַ לאַנגער, פראַנטיש אויסגעקעמטער גרויער, פריציש־צווייעקיגער באָרד, אָנגעטאָן אין אַ ריפּסענעם סורדוט און מיט אַ פוטערנעם שטריימל אויפן קאָפּ, — איז געזעסן חשיבותדיג אויבן אָן אַרום־גערינגלט מיט אַן עולם אידן ס׳רוב אַלטעטשקע, ציכ־

טיגע און שמייכלענדיגע, געווענע גרויסע וואַלד־סוחרים, און פאַר זיי די מעשיות פון רבה־בר־ברחנאן געזאָגט: אַ מעשה עפּעס וועגן אַ געלעכל פון אַן איי, וואָס האָט פאַרטרונקען גאַנצע זעכציג שטעט פון דער רוימישער מלוכה אין די צייטן פון נירון קיסר. אַ מעשה, ווי ער, רבה־בר־ברחנא, האָט אָפּגענאַרט די שומרים פון גן־עדן, בעת די צדיקים זיינען שפּאַצירן אַרויסגעגאַנגען און אינעווייניג אַריינגעכאַפּט זיך. און נאָך פיל אָט אַזוינע געשיכטעס. עס איז געווען עפּעס אַזוי לייכט און מסיבהדיג, אַנגענעם און שפּילנדיג. פּונקט ווי עס וואָלט, אַשטייגער, היינט געווען אַ חנוכה־נאַכט, און זיי, שמערל מיט אָט דעם גאַנצן עולם, שמייכלען אין די בערד און מאַכן עס דאָ אַ שאָך, אונטערזינגענדיג דערביי מיט אַ גמרא־ניגון.

און אָט מיט דער לייכטקייט און ליכטיגקייט, זויבער־קייט און מסיבהדינקייט, וואָס האָבן עפּעס ווי גרויסהאַל־טעריש און גביריש געבלאָזן פון זיך, האָט זיך עס זרח דער בשמימניק באַגעגנט פלוצלינג, ווי נאָר ער האָט די שוועל פונם בית־המדרש אַריבערגעטראָטן. עפּעס ווי פון עמיצן פאַרשעמט און באַליידיגט, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן הכנעהדיג, מיט שפּיץ־פינגערדיגע טריט, שטיל און אומבאַמערקט צום מלמדישן טיש נעבן אויוון צוגעשאַרט זיך און אַנידערגעזעצט זיך, אָפּגעזונדערט אויף אַ באַנק, ווי אַ פרעמדער בעטלער. אַ היפּשע ווײַלע איז ער עס אָט אַזוי געזעסן. געשאָקלט זיך און געוואָרפן זיך, מורמלענדיג עפּעס דערביי מיט די ליפּן האַלבע ווערטער, ווי פון שלאָף. פון קיינעם ניט אָנגעזעהן

און פון קיינעם ניט באַמערקט. אינאיינעם אָבער מיט זרח דעם בּשׂמימניק גופא האָט זיך דאָ אין בּית־המדרש אויך אַריינגעטראָגן עפּעס אַ בּעטלערישער און שטיקיריגער ריח פון טאָרבּע און פון שימל־כליומפּער, פון צעפּוילטע שמאַטעס און פון בּלאָטע. אָט דער ריח האָט זיך לאַנגזאַם און פּאַוואָלינקע צעפּויזעט אין אַלע ווינקעלאַך. און די נאָכגעגעבּענע און ציכטיגע זקנים, אָט די געוועזענע גרויסע וואַלד־סוחרים און מקפּידים אויף לופט, האָבּן עס טאַקע בּאַלד מבינותדיג דערשמעקט און דערטאַפּט מיט זייערע איידעלע נעז און מיט זייערע פיינע חושים. עפּעס ווי אָפּשטופּנדיג פון זיך אָט די איידעלע רבּה־בּר־בּרחנאָ מעשׂיות, וואָס האָבּן זיך אָקאָרשט אַזוי קונציג געשפּינט און געקנוילט, האָט אָט די גאַנצע שיינע מסיבּה אָנגעהויבּן עפּעס ווי שטרייננ בּריקת־חמצדיג צו זוכן מיט די אויגן, שווייגנדיג דריקן מיט די אַקסלען, און מיט אַלע כּחות שנאָרכן מיט די נאָז־לעכער, כּדי די לופט אָנצוטאַפּן. און אָט אַזוי טאַפּנדיג און אויסקוקנדיג, אָטעמענדיג און שנאָרכנדיג, געפּאַקט און דערזעהן טאַקע זרח דעם בּשׂמימניק, אָט ווי ער זיצט און דרעמלט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ בּאַם מלמדישן טיש נעבּן אויוון, פּאַרלאָזט און פּאַרוואָרפן, אָנגעפּעקלט מיט אַ טאָרבּע אויף די פּלייצעס, און בּאַ דער זייט פונם געקניפּלטן גאַרטל שטעקט אַרויס אַ האַק מיט אַ לאָפּעטע, ווי בּאַ אַ רייפן־שלאָגער. עפּעס ווי אַ נסתּר און גלות־אָפּריכטער פונם מעזעריטשערס און פונם קאָריצערס צייטן, האָט בּעת מעשׂה דאָ אויסגעזעהן זרח דער בּשׂמימניק מיט זיין גאַנג און תּנועות.

— זרח, וואָס איז עס מיט דיר?... שפּאַצירסט זיך גאָר אום מיט העק און מיט לאָפּעטעס אין הלוס איבער די בתּי־מדרשים? איי, זרחל, גאָר געגומען און אַ רוצח־היער געוואָרן אויף די עלטערע יאָרן?... — האָט זיך שמערל דער אַלטער שוחט צעלאַכט אין זיין לאַנגער און פּריצישער באָרד מיט אַ קלונגן און ברייט־האַרציגן געלעכטער. אַרויפגערוקט רוהיג און תּלמיד־חכמריג דעם פוטערנעם שטריימל אויף דער פּאַטילניצע. אַראָפּ־גערוקט וועלטליך־עלעגאַנט די פינקלדיג־גאָלדענע האָלאָב־ליעדיגע שפּאַקולן פון דער נאָז און איבערגעלאָזט זיי היינגען חנעוודיג און פראַנטיש אויף איין אויער, שמייכ־לענדיג און גביריש־גערולדיג געוואַרט אויף אַ תּשובה. און בשותּפות מיטן אַלטן שוחט, דעם נגיד און דעם חכם, וואָס פּאַרמאָגט אַזוינע באַרימטע קינדער, האָבן זיך אויך אָט די אַלע שיינע אידן און מיוחסים חשיבות־דיג און איינגעהאַלטן צעשמייכלט.

זרח דער בשמימניק אָבער האָט אויף דעם ליצנות פון דער יחוסדיגער מסיבה אַפילו מיט אַ וואָרט און תּנועה ניט געענטפערט. אויפגעהויבן זיך, צעטומלט און אָנגעשראָקן, די אויגן צעפוריעט און אויסגעגלאָצט. עפּעס ווי אַן אַלטער און שטילער מרה שחורה, בעת ער באַגעגנט זיך מיט אַ חברה קונדסים, וואָס לויפן נאָך מיט שטעקנס און מיט קולות, — האָט זיך זרח, אָנכאַפּנדיג זיך פאַר די לעפּלאַך פון די אויערן מיט די הענט, האַסטיג און איינגעהויקערט, אָהן מעריב און אָהן ספירה, פונם בית־המדרש אַרויסגעמאַכט. געלאָזט זיך לויפן, ווי פון הינט נאָכגעיאָגט. און אַזוי געלאָפן,

ראַטעוועגדיג זיך, ביז זיין היים אין באָר־געסל, אוטוז און ניט אָפּשטעלנדיג זיך, עפּעס ווי פּלאָנטערנדיג זיך אין די שמאַטעס און אין דעם שטריק, וואָס האָט זיך אָפּגעגאַרטלט.

און פון אָט דעם אָוונט אָן און ווייטער איז זרח דער בשמימניק געוואָרן אינגאַנצן עפּעס אַ מחוץ־למחנהדיגער: מיט קיינעם ניט באַגריסט זיך. אַפילו זיין אַלטן און טייערסטן פריינט דעם אַפּטייק־קרעמער אָנגעהויבן כסדר אויסצומיידן. אויף די גרעסטע שטעטלדיגע שמחות, ווי אַ חנוכת־הבית פון אַ נייעם בית־המדרש אָדער אַ סיום פון אַ רייניגקייט, אַ פוס ניט אַריינגעשטעלט. שבת און יום־טוב אויך אָנגעהויבן צו ראַוונען גאָר באַ זיך אין שטוב אָהן אַ מנין, אַפילו צו קריאת־התורה ניט געקאַרטשעט! אָפּגעשיידט זיך פון אַלעמען און פון אַלץ. פונקט עפּעס ווי ער, זרח, וואָלט גאָר געווען אַ מסור אָדער בכלל אַ נישטיגער פּאַרשוין, וואָס טאָר זיך ניט ווייזן צווישן קהל און האָט מיט קיינעם קיין שום מגע ומשא ניט געהאַט.

... אָט אַזוי האָט זיך עס געצויגן טאָג איין, טאָג אויס אַ גאַנץ זומער: פונקט ווי אונזערע פּאַרצייטיגע שבטים פלעגן כסדר איבערוואַנדערן פון איין אָרט אויפן אַנדערן מיטן גאַנצן האָב און גוטס, זוכנדיג פיטערונג און ברונימער פאַר פי און קעמלען, אַזוי האָט זרח דער באָבע קונעס אַ גאַנץ זומער כסדר אַרומגעוואַנדערט און אַרומגעשלעפּט זיך מיט זיין גראָב־אייזן און האַק־מעסער,

טאָרבעלע און לאָפּעטע פון איין חורבה אין דער צווייטער.
וואו, אַשטייגער, האָט ער זיך ניט אויסגעוואַלגערט?...
אין אַלע בלאָטעס און קאָלדראָבענעס, וואָס ווערן אַפילו
אינם חורש תּמוז ניט אויסגעטריקנט איז ער אויסן געווען.
אין אַלע זומפּן און ליימיגע גריבער, וואוהין אַפילו די
מוליערס און די טעפּערס לאָזן זיך זעהר זעלטן אַראָפּ.
נאָך גאָר אינם אָנהויב באַגינען, ערשט אַ בלאַסק אויף
טאָג, בעת די תּיקון־חצותניקעס ותיקין־דאַוונערס שלאָפן
נאָך געשמאַק, פלעגט זרח, ווי אַ כשרער און געטרייער
שכיר־יום, אָנגעפּעקלט און באַוואָפנט אויף זיין שטייגער,
אַרויסטרעטן אויף דער אַרבעט, ס׳רוב הינטערן שטעטל,
און אומקערן זיך צוריק אַלע מאָל ערשט דעמאָלט, ווען
שטערן פלעגן זיך שוין באַווייזן אויפן הימל און אידן
פלעגן שוין לויפן בהפזונדיג דאַוונען מעריב. און קומענ־
דיג אַהיים צוריק, קוים האַלטנדיג זיך אויף די פיס פון
אָט דער לאַנגטאָגיגער און שווערער אַרבעט, פאַרשמוצט
און פאַרשוואַרצט מיט דעם געצייג און מיטן טאָרבעלע,
וואָס פלעגט זיין יעדן טאָג אָנגעלאָדן און אָנגעפילט,
ווי די ברויט־קאָטאָמקע פון אַ ערליכן גויאישן פאַסטוך
אין די שבתדיגע און יום־טובדיגע פריהמאָרגנס —
פלעגט זיך זרח דער בשמימניק פונדעסטוועגן ניט פאַר־
גינען אַראָפּנעמען די שווערע און פאַרבלאָטיגטע שטיוול
פון די פיס און צושפּאַרן זיך, אָפּרוהען. ניט געקאָנט
פועלן באַ זיך אַ שמועס טון פאָטעריש מיט די טעכטער—
אַ פּאָר מוידן עפּעס ווי אַ גלייכער צווילינג.ביידע
געזונטע, הויכע און יאָרעררדיגע, תּמיד אין פּוך און
פעדערן איינגעטונקט און פאַרשלומפּערטע און פונאַנ־

רערגעהעקלטע מיט צעשויבערטע געלע האָר, רויטע און מיט זומערשפּרינקעלאַך אויף די פּולע און פּוכקע פּנימער. צי כאָטש פון יוצא וועגן אויספרעגן די „היץ" אָדער מיט די אייגענע הענט, ווי זרח פלעגט זיך פירן, איידער ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן די אוצרות, אַ טאַפּ טון דעם שטערן פון דעם פּאַראַליזירטן ווייב — אַ געלע, פלאַטשיקע און פאַרגליווערטע פרוי, אַ לאַנגע און אַ שווערע, וואָס איז געלעגן שטענדיק מיט צוגעמאַכטע אויגן סיי זומער, סיי ווינטער אויף אַ קאַנאַפּע נעבן די גאַסיגע צוויי פענסטער מיט אַ טיש אַרומגעצוימט און איינגערעקט אין טראַנטעס און ווינטערדיגע מלבושים, כסדר סקריענדיג מיט די ציין. זרח האָט קיינמאָל ממש קיין פרייע מינוט ניט פאַרמאָגט: ניט בלויז באַטאָג, בלאָנדזשענדיג און וואַנדלענדיג אויף די פּוסטע פעלדער, אין די וויסטע חורבות און גריבער, פלעגט זרח זיין פאַרנומען און פאַרטון מיט די געפונענע „אוצרות", ער פלעגט זיך אויך ניט צעשיידן מיט זיי אַפילו שוין שפּעט אין דער נאַכט, זיצנדיג אונטער דער אייגענער סטעליע, באַ זיך אינם איינגען און טפח־אויף־טפחדיגן שטיבעלע נעבן דעם פּאַראַליזירטן ווייב, וואָס סקריעט מיט די ציין, און נעבן די צוויי דערוואַקסענע און לאַנגע, יאָרעררידיגע און געל־האָריגע טעכטער, וואָס פלעגן תמיד שלאָפן ביידע אינאיינעם אויף דער פּאָדלאָגע, שווער־גופיג און פעסט געאָרעמט און אויסגעשפּרייט, כמעט נאַקעט, איבער דער גאַנצער לייַנג און ברייט פון דער ירושה־דירה, אַז עס פלעגט ניט אויסגבלייבן אַפילו כאָטש אַ ליידיג-סטעזשקעלע, וואו דורכצודראַפּן זיך און דורכצו־

קלעטערן. אַמאָל האָט זרח דער בשמימניק גענומען און אויסגעטראַכט פּלוצלינג עפּעס פאַרשיירענע און מאָרגנע־קונציגע „וואַסערלאַך“ אַזוינע, וואָס ער פלעגט אַליין מיט די אייגענע הענט און זעהר פאָרזיכטיג, וועגנדיג און מעסטנדיג, צוגרייטן לויט אַן אַפּטייקערשן רעצעפּט: פון האַרט־פאַרטריקנטן ליים, צונויפגעמישט חרוסתדיג מיט ווייסן קרייד און זענעפט מיט לימענע־זאַפט, וואַלעריאַן־טראָפּנס, יאָדערס פון וועלישע ניסלאַך און נאָך אַנדערע מינים, גענומען פון זיין בשמים־געוועלבל, אויסגעווייקטע אין שאַרפן עסיג און דער־נאָטוראַט. מיט אָט די מאָרגנע קונציגע און חרוסת־דיגע „וועסערלאַך“ פלעגט זרח דער בשמימניק גאַנצע נעכט מיט חשק און התמדה פוצן און רייבן, רייניגן און שלייפן די „אוצרות“, ביז עס פלעגט זיך באַווייזן אַ שעמערירנדיגער, כמעט דורכזיכטיגער גלאַנץ אויף די קרעציגע שטיינדלאַך און אויף די בלעכלאַך, אויף די אייזנדלאַך און אויף די קאָלירנדיגע ברענגלעזלאַך, וואָס ער פלעגט אָנקלייבן אין טאָרבעלע און אין די קעשענעס אין די לאַנגע און הייסע זומער־טעג, כסדר אַזוי אויף־זיין, פונקט עפּעס ווי אַ פאַרצייטיגער בלעכער, אַ ירא־שמים און בן־תורה, אין די ערב־פסחדיגע נעכט באַם כשרן די סאַמאָוואַרן און אַנדערע כלים, הגם עס האָט געמעגט דונערן און בליצן, האָגלען און רעגענען.

און אינם שטעטל האָט מען אָנגעהויבן בּיסלעכווייז און פאַוואָלינקע עפּעס ווי איינצולעבן זיך מיט אָט דעם אויף־זיין פון זרח דעם בשמימניק און מיט זיינע „וועסערלאַך“ באַנאַכט, און מיט זיינע וואָגלענישן און

טאָרבעלע אויף די פּלייצעס באַטאָג. פּונקט אַשטייגער, ווי מען האָט זיך איינגעלעבט אויך מיט אַנדערע שטעטל־דיגע אידן, וואָס זיינען, דוכט זיך, אָקאָרשט געווען געוויינטליכע מענשן, ווי אַלע, און פּלוצלינג גאָר פאַר־וואַנדלט געוואָרן עפּעס ווי פון דער העלער הויט אין גוואַלדיגע עין־הרע אָפּשפּרעכערס און מומחהדיגע צייך־פאַררייידערס. די קליינוואַרג בראש מיט „די פייערדיגע שרצים", פאַרנומענע איצט גאַנצע טעג מיט פיש־כאַפּן און מיט גנבענען עפּל פון די בוימער, מיט באָרן זיך און שלעפּן פענכערס פון די יאַטקעס, כּדי צו לערנען זיך שווימען, האָבן פּשוט קיין פרייע צייט ניט געהאַט אַרומצוקוקן זיך אויף זרח דעם בשמימניק, נאָכלויפן אים און דערצאָרענען. און אַפילו די באַטראַכטע בעלי־בתּים און סתם דערוואַקסענע און קלוגע אידן — צווישן זיי, אגב, אַזוינע זיילן, ווי שמערל דער אַלטער שוחט, דער מרינה־חכם, און דער אַלטער בחור, דער אויפּ־געקלערטער אַפּטייק־קרעמער, — אָנקוקנדיג פון דער־ווייטנס אין אַ משך פון עטליכע חדשים זרחס מסירת נפש און זרחס אמונה, האָבן שוין לסוף אויך אָנגע־הויבן עפּעס ווי גלויבן און מיט אָפענע דבורים כּמעט עס אַרויסגעזאָגט פאַר אַלעמען, סיי אויפן מאַרק און סיי בין מנחה למעריב אין בית־מדרש, אַז עפּעס וועט דאָ יאָ אַפּנים אַרויסשפּרינגען באַ דעם בשמימניק. אויפּ־געהערט צו שפּאָטן:

— שמועסט, אַ איר, אַז שפּאַרט זיך איין טאַקע מיט אַן אמת!...

און אַלע שטעטלדיגע חשובים, כּמעט אָהן אויסנאַם, און אַפילו די אַרומיגע ישובניקעס, ווי אויך די אָנגע־פּאָרענע ישיבה־בּחורים און רוהיגע קעסט־איידעמס — משכּילים האָבּן פּשוט ניט געקאָנט דערוואַרטן זיך און געציילט די סעקונדן, ווען ווען עס שוין נעמען אַ סוף צום גאַנצן ענין מיט זרח רעם בּשמימניק, וועלכער האָט אַלעמען די מחות פאַרטומלט. זיי האָבּן גע־מורמלט צו זיך אַליין אויפגערעגט און מיט כּעס:

— די נשמה האָט ער שוין אַרויסגעצויגן, דער שלימ־מזלדיגער הויקער... זאָל אים שוין זיין נענוג צו גריבּלען זיך ווי אַ וואָרים...

אָט אַזוי אומגעדולדיג און בּאין בּרירה האָבּן עס אַלע געוואַרט, בּיז עס וועט נעמען אַן עק צו אָט דער געשיכטע, וואָס בּאַ אונז אינם שטעטל האָט מען שוין פיל יאָרן אַזוינס ניט געהערט און ניט געזעהן.

און סוף כּל סוף האָט מען זיך טאַקע דערוואַרט: ימים־נוראים צייט האָט זיך זרח דער בּשמימניק איינ־מאָל אין אַן אומעטיגן און אַ רעגנדיגן פאַרנאַכט מיטן טלית און תּפילין אונטערן אָרעם און מיט אַ גרויסן און פולן זאַק אָנגעלאָדן אויף די פּלייצעס אַרויפגעזעצט אויף אַ פורל און דוקא עפּעס אויף אַ גויאיש פורל, ווי אויסבּאַהאַלטנדיג זיך פון די אידן, מיט קיינעם ניט געזעגנט זיך און כּמעט ווי בּין מנחה למעריב פונם שטעטל נעלם געוואָרן. לויט דעם קלאַנג, וואָס עס איז אַרויס, האָט ער זיך עס אַוועקגעלאָזט אין ווילנע אַריין מאַכן אַ טאָלק מיט זיין אייגנס.

...און ווי נאָר זרח דער בשמימניק איז נעלם געוואָרן — פון דער ערשטער רגע אָן — האָט מען אויף אים אינם שטעטל ממש די אויגן אויסגעקוקט. זרח אָבער איז עפּעס ווי אין אַ תּהום אַריינגעפאַלן. חדשים גאַנצע זיינען דורכגעגאַנגען. ס'האָט זיך ווינטער אָנגעהויבן. ווי דער שטייגער איז, פרעסט זיינען געקומען און געפאַלן. צענדליגער קאָרטנוואַרפערס און טרעפערס, מגידים און חזנים, נשרפים און סתם דורכגייענדיגע בעטלערס האָבן זיך עפּעס ווי לויט אַ אָפּמאַך געביטן איינע מיט די אַנדערע, כּדי ניט מסיג גבול זיין. און וואָס מיט זרח רעם בשמימניק טוט זיך, האָט בתוך קיינער ניט געוואוסט און אַפילו פאָרשטעלן זיך ניט געקאָנט. — וואו געפינט ער עס זיך?... ווי לעבט ער עס?... אין קול ואין עונה.

נאָר פאַרשיידענע מעשיות האָט מען וועגן אים דערציילט, און די מעשיות גופא עפּעס אומגעלומפּערטע. אָט איין מעשה: זרח בשמימניק האָט דורך אַ אירענע, וואָס פאַרקויפט רעטשיטשניקעס, עפּעס דערטאַפּט אין ווילנע אַ באַוואוסטן פּריץ, וואָס שטאַמט פון די גראַפן פּאָטאָצקים — איין משפּחה מיטן גר־צדק — און דער פּריץ האָט עס צוליב זרחן פיל גיטער און פערד פאַרקויפט און האָט די „אוצרות" פאַר אַ גרויסן סכום געלט אָפּגעקויפט. האָבן זיך אָבער גזלנים דערוואוסט פון דער געשיכטע און זיינען אָנגעפאַלן אין מיטן דער נאַכט אויף דער אַכסניה, וואו זרח האָט זיך אָפּגעשטעלט נעכטיגן און שבת האַלטן — עפּעס באַ אַ ווילנער

טליתניק, — אַלעמען מיט אייזערנע קייטן צונויפגעבונדן און מיט זיך צוגענומען זרחס זשופּעצע, וואו דאָס גאָלד און די אַסיגנאַציעס זיינען געווען איינגענייט. און איצט טוט זיך חושך. דער גראַף קערט איבער ממש די וועלט: פּיסקאַלן און פּאָליציי, פּוסנייער און רייטער האָט ער פונאַנדערגעשיקט מיט פּאַפּירן געשטעמפּלט פון אַ גענעראַל איבערן גאַנצן לאַנד, איבער די דערפער און וועלדער זוכן די גנבים. און זרחן האָט אָט דער גראַף דערווייל אַריינגענומען צו זיך אין דירה אַריין און האַלט אים אויס מיט אַלדאָס גוטס.

און אָט אַ צווייטע מעשה: דער ווילנער גובערנאַטאָר, אגב, אַ שטאַרקער אוהב־ישראל, האָט זיך עפּעס, במקרה דורכן שטאָטישן ראַבינער, דערוואוסט וועגן זרח דעם בשמימניק און וועגן זיין ענין און אונטער דער שמירה פון קאַזאַקן, כּדי קיינער זאָל אים זרחן אונטערוועגס ניט אָנרירן צו שלעכטס און מיט אַן אומזיסט באַן־קוויטל, אָפּגעשיקט אין פּעטערבורג, אַז מלוכה זאָל אים אויסהערן און אויספרעגן. און אויב עס וועט זיך טאַקע אַרויסווייזן באמת, אַז די „אוצרות" זיינען ניט קיין אויסגעטראַכטע און אויך ניט קיין גענגבעטע, זאָל מען אָט דעם אידן, וואָס הייסט זרח, באַלוינען מיט געלט און מיט אַ מעדאַל און אים, און זיינע קינדער, און אייניקלאַך, און אַפילו די אוראייניקלאַך און ביזן לעצטן שורש אַריינלאָזן פראַנק און פריי אין מאָסקווע, פּונקט ווי סוחרים פון דער ערשטער גילדיע. זיצט ער עס זרח אין פּעטערבורג און וואַרט אויף אַ תשובה פון דער מלוכה.

און נאָך אַנדערע מעשיות פון אָט דעם זעלביגן נוסח. קיינער האָט שוין אָבער ניט געגלויבט אין אָט די אומגעלומפּערטע מעשיות, און מען פלעגט זיי שוין דערציילן געלעכטעריש און ווערטלענדיג זיך, ווי מען דערציילט איינפאַלן פון משוגעים אָדער גוזמאות פון ליגנער. אַפילו די עכטע שטעטלדיגע תמימים און קאַלטבלוטיגע פאַרשוינגען, ווי די בית־המדרשדיגע אונטער־שמשים און די חדרים־באַהעלפערס, האָבן שוין אויך עפּעס ווי קלוגעריש און שעלמיש אונטערגעשמייכלט, הערנדיג אָט די מעשיות וועגן זרחן.

און זרח דער בשמימניק איז עפּעס טאַקע גאָר ווי איינגעזונקען און פאַרפאַלן געוואָרן. אינם שטעטל האָט מען אים שוין אָנגעהויבן ביסלעכווייז אַפילו צו פאַרגעסן. דערווייל איז אויך זרחס גאַנצע פאַמיליע עפּעס ווי אויסגעמעקט געוואָרן פון דער וועלט: חנוכּה אין דער נאַכט פון דעם פינפטן ליכטל, בעת כּלי־זמר האָבן געשפּילט אין די רייכע הייזער און אָרימע אידן האָבן זיך משמח געווען אין די בתי־מדרשים און אומעטום איז געווען לוסטיג און יום־טובדיג, איז פּלוצלינג זרחס פאַראַליזירט ווייב געשטאָרבן, פאַרשטומט און סקריעדיג מיט די ציין. און זרחס ביידע טעכטער, אָט די צוויי יאָדעריגע און רויטע מוידן מיט די זומער־שפּרינקעלאַך אויף די פּנימער, וואָס זיינען געווען צווילינדיג געראָטן איינס אינם אַנדערן, — האָבן תּיכּף נאָכן שבעה־אויפשטיין פאַרלאָזט ראָס שטעטל און אַוועק, לויט זייערע רייד פאַרן אָפּפאָרן צו די שכנות, קרובים אויפזוכן און עפּעס גואלים געפינען. אויסגעפאַרקויפט אויף געלט

און אויסגעביטן אויף מלבושים אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געפונען אין שטוב, ביז אַ זוים. די פוסטע דירה האָבן זיי איבערגעלאָזט אויף הפקר, די פענסטער פאַרקלאַפּט מיט סוכּה־ברעטלאַך און אויף דער טיר אַ שלאָס אויפגעהאַנגען.

און פּלוצלינג, פּורים־צייט איז עס געווען, האָט זיך זרח דער בשמימניק אַליין געבראַכט צו שלעפּן. אַ פראָסט איז געווען אַ שבטאָווער און אַ שטעכנדיגער. געקו־מען איז זרח פאַרנאַכט מנחה־צייט, בעת דער מאַרק איז שוין געווען פּוסט, ס׳רוב געוועלבלאַך און קראָמען מיט די אייזערנע שטאַבעס פאַרריגלט און פאַרשלאָסן, דאָס גאַנצע שטעטל האָט ממש אומגעשוועבט אין קוימען־רויך. זרח האָט געשפּאַנט, פּונקט ווי אַ פרעמ־דער, איבערן שטעטל און סומנע איינגעקוקט זיך אין די הייזער און אין די שטיבלאַך. די, וואָס זיינען געשטאַנען בעת מעשה אין דרויסן, האָבן אים די ערשטע רגע אַפילו ניט דערקענט און פאַרחידושט באַוואונדערט: „ווער איז עס אָט דער איד?״ ... כּמעט אַפילו ניט געהאַט דעם אָנבליק פונם פריהערדיגן און פאַרצייטיגן זרחן: אָפּגע־ריסן און הויל־נאַקעט, עפּעס מיט אַ זומערדיג מיצל אויף זיין קליין קעפּעלע, די גרויס האָריגע ברוסט אָפן. אויף די פּיס פּויערשע לאַפּטיעס מיט צוקערשטריקלאַך צוגעבונדן. אָט אַזוי האָט ער עס געשפּאַנט און גע־שאָקלט עפּעס מיטן מיצלדיג קעפּעלע אויף לינקס און אויף רעכטס, ווי באַגריסנדיג זיך מיט עמיצן. און דערקענענדיג אים, פלעגט זיך יערערער כאַפּן פאַרן קאָפּ און פאַרן האַרצן פון ווייטאָג און פון עגמת־נפש:

כמעט אָקאָרשט איז דאָך זרח געווען אַזאַ איידל און ציכטיג אידעלע, תּמיד תּלמיד־חכמריג אויסגעפּוצט, ווי אַ טעקעלע. אַפילו אין דערוואַכן פלעגט פון אים אויך שטענדיג שמעקן מיט בשמים. און אַט וואָס פון אים איז געוואָרן. ס׳אַר אַ געשטאַלט ער האָט באַקומען אויף דער עלטער! קיינער איז אַפילו נעהענטער ניט צוגע־טראָטן אויסשטרעקן זרחן אַ „שלום־עליכם". עס האָט זיך עפּעס ניט געוואָלט זיין קיין שליח פון שלעכטע בשורות. ער וועט שוין אַליין פון אַלץ דערוויסן זיך!

נאָר בלויז עטליכע נייגעריגע בעלנים פון די מאַר־קעריגע מעקלערס און אַ פּאָר אַלטע ווייבער זיינען נאָכגעגאַנגען זרחן פוס טריט פון הינטן. זיי האָבן אים פון אויג ניט אַרויסגעלאָזט. און אַט איז זרח דער בשמימניק שוין אין באָד־געסל אַריין און געבן זיין איינגן שטיבעלע אָפּגעשטעלט זיך. עפּעס הינטיש פּויזנדיג און שמעקנדיג, עטליכע מאָל דאָס שטיבעלע פון אַלע פיר זייטן אַרומגעגאַנגען. ווי שטיפעריש און שנעלנדיג מיט די שפּיץ־פינגער געבראָכן די אייז־ליכטעלאַך פון דער נידעריגער סטרעכע און פון די דרויסנדיגע קושאַקעס. די פאַרפראָרענע פאַקליע צווישן די בערוועגעס אין די ווענט געטאַפּט און געשטופּט, מעשה תּכליתדיגער בעל־הבית און געניטער אומן־ייד. עטליכע מינוטן האָט עס ראָ זרח דער בשמימניק אָט אַזוי עפּעס ווי פאַר זיך אַליין באַוויזן קונצן.

און אַט איז זרח געוואָרן אַזוי ערנסט און פאַרטראַכט. דאָס מיצלריגע קעפּעלע פאַרריסן און אויפגעהויבן צום לויטערן און פאַרגליווערטן הימל. מיט איין האַנט די

אויגן פֿאַרדעקט, מיט דער צווייטער האַנט יאושריג און הפקרדיג אַ מאַך געטאָן אויף זיין ירושה־שטיבל, וואָס איז געשטאַנען פּוסט און די פֿענסטער מיט סוכּה־ברעטלאַך פֿאַרקלאַפּט, פֿון אַלע זייטן אַרומגערינגלט און פֿאַרשלאָסן. אַפּילו ניט פֿרעגנדיג בּאַ קיינעם: „וואָס איז דאָ געשען?״, האָט זיך זרח צוריק אין שטעטל אַוועק־געלאָזט. איצט איז ער געגאַנגען עפּעס מיט אַזוינע פֿעסטע און וואָגיגע טריט, פּונקט ווי אין יענעם פֿריה־מאָרגן, אסרו־חג פֿון פּסח, בעת ער איז אַרויסגעגאַנגען דאָס ערשטע מאָל קלייבן די „אוצרות״. און פֿאַרבּיי־גייענדיג דעם בית־המדרש איז זרח אינעווייניג אַריין, אינם חדר שני אויפֿן לעזשאַנקע־אויוון אַנידערגעלעגט זיך מיטן קאָפּ אויף אַ שייט האָלץ און צונויפֿגעצויגן מיט די קני כּמעט אונטערן בּערדל.

און זרח דער בּשמימניק איז אָט אַזוי פֿאַרבּליבּן אין בּית־המדרש.

וואָס מיט זרחן האָט פּאַסירט דאָרטן אין ווילנע אָדער ערגעץ וואו אין אַן אַנדער אָרט, ווייסט קיינער ניט. פּונקט ווי קיינער ווייסט ניט, וואו זיינע צוויי טעכטער זיינען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן.

פֿרומע ווייבּער און סתּם אידענעס מיט צעבּראָכענע הערצער און מיט שווערע מזלות טראָגן אים אַריין יעדן טאָג, אַפּילו אויך אום שבּת אַ שטיקל בּרויט און אַבּיסל געקעכטס. זיי ווישן דערבּיי מיטן פֿאַרטוך די טרערן פֿון די אויגן. מען טענעט זיך אום פֿאַרדראָ־סיג: „אָט די בּאָבּע קונע, אַ ליכטיגן גן־עדן זאָל זי

האָבן, האָט געראַרפּט איצט אַרויסקריכן פון קבר און אַ קוק טון אויפן שיינעם סוף פון איר טייערן בן־יחיד״, — טענען זיי זיך אוים און גייען אַוועק. יערן ערב ראש־חורש ברייננט מען אים פונם ביקור־חולים אַ פּאַרלאַטעט העמר, אַ געריכט קעמל. נאָר זרח אַליין טרעט כמעט קיינ־מאָל ניט אַראָפּ פונם לעזשאַנקע־אויוון. ער רעקט זיך זעלטן ווען אָפּ און רערט מיט קיינעם ניט. אַפילו רעם רב פונם שטעטל אָדער שמערלן דעם אַלטן שוחט ענטפערט ער אויך ניט, בעת זיי שטעלן אים שאלות. בלויז ווען ניט ווען צעשמייכלט ער זיך און מורמלט צו זיך אַליין עפּעס האַלבע און מאָדנע ווערטער, וואָס קיינער פאַרשטייט זיי ניט און קיינער באַנעמט ניט.

"סוואַר"
(פּאַריז)

אין פּאַריז איז עס געווען.

אַ גאַנץ היפּשע צייט בין איך דאָ געוואָרן כמעט אַ טאָג־טעגליכער אַריינגייער אין אַ שיינקל, וואָס געפינט זיך אינם לאַטייניש קוואַרטאַל אויף אַן אָן־אַ־זייט־געסעלע הינטער דעם פּלאַץ „סאַן זשענעוויעוו".

אָט דאָס געסעלע, אגב, איז עפּעס אַן אויסטערליש געסעלע. לויט פאַרשיידענע מעשיות, וואָס פיל פראַנצויזן דערציילן, איז עס פאַרצייטן, מיט הונדערטער יאָרן צוריק גאָר געווען אַ „לאָך פון דער אידישער געטאָ". און ווערליג ווי אָט דאָס געסעלע זעהט אויס, זיינען אַפּנים אָט די מעשיות טאַקע ניט קיין אויסגעטראַכטע: עס איז קליין און עס איז שמאָל און עס ציהט זיך עפּעס באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, פון ביידע זייטן, פּונקט ווי מיט אַ שפּיציגן מויער אין דער מיט.

בכלל, דוכט זיך, אַז דאָס געסעלע איז ווי אומגערן און נאָר אויף דערווייל געבויט. טאַקע עפּעס גאָר ווי אַ פאַרצייטיגער אידישער מאַרק אין די מעריב־אייראָפּייאישע לענדער: כסדר נידעריגע הייזלאַך מיט שטאָקיגע און פּיצינקע סאַלקעס, ווי אויבער־שטיבלאַך פאַר

גאָטספאָרכטיגער התבודדות און פאַר וואָכער־משכּנות; שפּייז־געוועלבלאַך; ברוינליך שמוציגע פאַרגליווערטע רינשטאָקן, פאַרצויגן אויבן־אויף, ווי מיט אַ גרינליכן געוועבּ; יאַטקעס; גרינסן אויף וועגעלאַך; משונהדיגע הייזעריגע קולות מיט זידלערייען פון די שוואַרצוואָנציגע מאַרקהענדלערינס מיט די בלויע און שוימיגע ליפּעלאַך. און שיינקלאַך — ממש אָהן אַ צאָל — כּמעט אין יעדער שטוב, באַ יעדער טיר און אויף יעדן טראָט.

אָט דאָס שיינקל, „סואַר" האָט עס געהייסן, וואָס איך פלעג אַזוי אָפט רעמאָלט באַזוכן, האָט אויסגעזעהן פּונקט ווי אַלע אַנדערע שיינקלאַך פון אָט דעם געסעלע. דרויסן: אַ ברייטע און קאָלירטע שויב, וואָס איז תּמיד עפּעס ווי מיט קאַלעך אויסגעשמירט און אָנגעזייפט; אינעווייניג — אַ לאַנגער און שמאָלער קאָרידאָר מיט פיל טישלאַך און מיט טאַבורעטן. און באַם סאַמע עק נעבן די „באַזונדערע צימערלאַך" און משקאות־שרענק־לאַך — עפּעס אַ מין עסטראַדע; אויף דער עסטראַדע נעבן אַ הויכן שטענדער מיט נאָטן: אַ פליכיגער, שוואַרצבערדיגער און פירקאַנטיגער רומענער, וואָס רימפּלט אויף אַ פידל וואָלאַכישע ניגונים און שווייצע־רישע בערג־יאָדלען. אויף דער וואַנט, וואָס אַנטקעגן אָט דער עסטראַדע, הייננט, ווי אין אַלע אַנדערע שיינקלאַך פון אָט דעם סאָרט, אַ סקאַרבאָווע בילד: אַ שקיעהדיגער זומער־פאַרנאַכט, אַ רויט מאָן־פעלד, איינ־געטונקט פון אַלע זייטן אינם זונען־אונטערגאַנג. און אין מיטן פעלד אַ שניי־ווייסער אָקס מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ. אויפן אָקס זיצט רייטנדיג און פאַר־

שמאַכט אַ נאַקעטע פרוי מיט פונאַנדערגעלאָזטע בּלאָנדע האָר און מיט פאַרבּיסענע ליפּן. זי צערטלט אים אָט דעם אָקס און האַלזט אים.

בּאַטאָג אין אַלע צייטן פון יאָר איז דאָ אין „סואַר“ די געסט נאָר אויף די פינגער צו ציילן. און דאָס אויך צופעליגע. אָפּט, דוכט זיך, פאַרבּלאָנדזשעטע און פאַרוואָגלטע. אָט אַ „טיפּ“ פון די געדונגענע שטענדיג בּראַוואָ־פּאַטשערס אין אָפּעראַ־קאָמיק, — ס׳רוב אין אַ צעלעכערטן צילינדער, ווי אַ זיפּ, אין אַ מין סמאָקינג, אָהן אַ קראַוואַט — ער זיצט בּהרחבה מיט אַ גלאָז בּיר אין דער האַנט און דערציילט כמעט פאַר די פּוסטע ווענט, נאָר עפּעס אַזוי איינגעגלויבּט און מיט אַ בּרייטן טאָן פון אַ פּאַרלאַמענטאַרישן רעדנער. ער דערציילט „פּיקאַנטע געשיכטעס“ וועגן די פאַרשטאָרבּענע קאָקלענס און וועגן סאַראַ בּערנאַר, און „שטאַרק קאָמפּראָמעטירנדיגע סודות“ וועגן די פראַנצויזישע מלוכה־פירערס און מיניסטאָרן. אָדער דראָזשקאַרעס, וואָס שפּרינגען דאָ אַריין, דורכפאָרנדיג פאַרבּיי, און מאַכן אין „סואַר“ אַ קערטל, אַ טענצל און כאַפּן דאָ אַ גלעזל ווייַן מיט סאַלאַט פאַרבּיסן. צי עפּעס אַ קאַפּריזנע אַלטעטשקע פון דער חברה אויסלייזונגס־אַרמיי, אַן אָנגעבּלאָזענע, אַ צעקנייטשטע, אין אַ שוואַרצן טשיפּעק, פאַרבּונדן מיט אַ רויטן שלייף אונטער אַ שפּיציג גאָמבּעלע, און מיט אַ פעלערינקע פון קאַשעמיר אויף די אַקסלען. זי זיצט דאָ אין אַ ווינקל אָפּגעזונדערט און איינגעהויקערט אין פאָר מיט אַ הינטל עפּעס, ווי אין צווייען איינגעשפּאַנט, און בּיידע לעקן מאַקאַראָנעס פון

איין טעלער. און נאָך פאַרשווינען פון אַט דעם סאָרט. בעת־מעשה: וואָכעדיג און פוסט, פרעמד און גענעצנדיג, פונקט עפּעס ווי אין אַ מושב־זקנים צווישן די נײַ־אָנ־געקומענע, איידער זיי האָבן נאָך באַוויזן צו באַקענען, דורכשמועסן זיך צווישן אַנאַנד, און צעשיידן זיך אין באַזונדערע חברות.

נאָר אָט אָבער איז די זון אונטערגעגאַנגען. דער פּאַרק „לוקסעמבורג" און „זשאַרדען דע פּלאַנט" און אַלע איבעריגע גערטנער שליסן זיך צו. די פאַבריקן און וואַרשטאַטן פאַרמאַכן זיך. פון די מעטראָפּאָליטענען און אָטאָבוסן שיטן זיך מענשן ווי זאַמד, עס הויבט זיך אָן דאָס פּאַריזער נאַכט־לעבן. אַלט און יונג, מאַן און ווײַב זוכן פאַר זיך אַן אייגן און געמיטליך ווינקל, וואָס זאָל נאָר צו זיי אַליין געהערן, — און דעמאָלט באַקומט אויך דאָס שיינקל „סואַר" זײַן שטענדיג חזקה־פּובליקום.

ווערליג ווי אינם לאַטײַנישן קוואַרטאַל איז איינגעפירט און איינגעשטעלט — אַ סברא, אַז נאָך פון לודוויג דעם 14־טנס צײַטן אָן — איז „סואַר" דער הויפּט־פּונקט, ווי אַ נאַכט־שיינק פאַר די סאָרבאָנע־סטודענטן און זייערע גריזעטינס.

די סטודענטן מיט די ברוין־סאַמעטענע רונדע היטע־לאַך אָהן ראַשיקעס און אין די לאַנגע און קורצינקע מייטקעלאַך ביז די קני. זייערע געליבטע — אַלע דורכאויס עפּעס, ווי לויט איין פאַסאָן געקליידט: אין בלוויזכע טוניקעס און די אויבערשטע העלפט פון די קערפּערס מיט אַ ראָזינן טול פאַרדעקט. און אויסער

זיי זעהר זעלטן, אַז מען זאָל זיך דאָ באַגעגענען באַנאַכט עפּעס מיט אַ זייטיגן מענשן. פּונקט עפּעס ווי זיי וואָלטן אַלע אינאיינעם געהערן צו אַזאַ מין סעקטע, וואָס היט זיך שטרייגג אָפּ פון אַ פרעמדר אויג. „שטובינגע" און אייגענע זיינען דאָך דאָ אַפילו די נאַכטיגע בלומענ־פאַרקויפעריגס, וואָס זעהן אויס, אגב, אַזוי צנועהדיג און באַשיידן, פּונקט עפּעס ווי די באַיאָרנט־סטאַלע זינגעריגס אין אַ קלויסטער־פּראָצעסיע: גאָטספאָרכטיג געקליידט, אין בלוזעס און קאָפּטעלאַך מיט הויכע קראַגנס, מיט לאַנגע אַרבל מיט מאַנקעטן; אויף די קעפּ: אַזשורענע, נאָר שוואַרצע ערנסטע שאַלן. אָט די בלומענפאַרקויפעריגס גופא האָבן עס אַמאָל, אין זייער יוגנט, אויך אָט דאָ אינם „סואַר" מיט סטודענטן אין פאַרגעניגנס די נעכט פאַרבראַכט, און זיי זוכן ניט פאַר זיך קיין נייע ערטער, אַפילו איצט אויף דער עלטער, בעת זיי זיינען שוין געגנויט צו ציהען חיונה פון דעם, וואָס זיי שטעלן צו רויזן און מאָן־פיסטאַשקעס פאַר די, וואָס האָבן נאָך זייער פרישקייט ניט אָנגעוואוירן.

און טאַקע, אפשר מחמת דעם אַלץ, שפּירט זיך עס דאָ, אינם נאַכט־שיינק פון נאָך דער שקיעה אָן עפּעס אַ מין משפחה־לעבן: אַלע דורכאויס אייגענע,נאָהענטע.

נאַכט און נאַכט אָט אַזוי — ס׳רוב ביזן גרויען באַגינען. נאָר אָט אַ מאָרגנע געשיכטע. ממש עפּעס אַ שטיק פאַרבלענדעניש:

יערע נאַכט, פּונקט רעמאָלט, בעת אָט די לוסטיגע סטודענטן און זייערע פרייליכע מיידלאַך שטופּן זיך אַזוי צופרידן און משפּחהדיג אין זייער איינענעם איינקומעניש

אין „סואַר“, שטויסט זיך דאָ אַריין עפּעס אַ הויכער איר, נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, מיט אַ לאַנגער און שוואַרצער הערצל־באָרד, געקרייזלטע פּיאות, לאַנגע רינע און גלאַנצנדיגע, ווי שוואַרץ־זײַדענע קנויטעלאַך, און אין אַ „פּוילישער“ קאַפּאָטע, אַ לאַנגע ביז די נעזלאַך פון די שיך, און מיט אַ שפּאַנאָלישן הוט מיט אַ ברייטער סטיינגע אויפן קאָפּ. ער איז אָנגעלאָרן פון אַלע זייטן, פון פאָרנט און פון הינטן, אַז קיין איין פרייען אבר, רוכט זיך, ניט צו געפינען, פּונקט עפּעס ווי אַ קאַטויר־לישער פּאַקוטניק... און ניט באַגריסנדיג זיך מיט קיינעם, שלעפּט אַראָפּ אָט דער איר די שווערע פּעקלאַך פון זיך און נעמט זיך עפּעס פּאָרקען און גריבלען, גריבלען און פּאָרקען, צווישן זיי אַזוי לאַנג און פּאַוואָלינקע, טאָפּנדיג און לופטערנדיג מיט די הענט און מיטן מויל, ביז עס באַווייזט זיך, סוף־כל־סוף, אַ מאָרנע און קונציגע פּיראַ־מידע צונויפגעשטעלט פון כלערליי סחורות און פאַרבן: שאָקאָלאַד און פּאַרפום, סטיינגעס און זאָקן־בענדלאַך, פּיסטאַשקעס און האָרנאָדלען, גלעקעלאַך פאַר הינ־טעלאַך און בייטשעלאַך, מייערקעפּלאַך און אָנזיכטס־קאַרטן פון דער גאָרער וועלט, ארץ־ישראל־בילדער און פאָטאָגראַפיעס פון די שמרונישע כהנים־גדולים, ברעטעלאַך פון דער מוטער רחלס קבר און מאַלפּעלאַך, ספּעציעלע קאַרטן „אין טאַנגאָ־קאָנווערטן“ און נאָך זאַכן, פּשוט ניט אויסצוציילן און ניט אויסצורעכענען. און ווי נאָר אָט דער איר פאַרטיגט זיך עס אָפּ מיט אָט די מלאכות און הכנות, שטעלט ער זיך עפּעס אַוועק נעבן זיין קונציגער „פּיראַמידע“ און טרעט פון איר ניט

אָפּ, ממש אויף אַ שפּאַן, ביז דער גאַנצער עולם גייט זיך ניט פונאַנדער. ער שטייט, אָט דער פּאַרשוין, די גאַנצע צייט און קוקט עפּעס אין איין ווינקל מיט אַ פאַר־גליווערט און צוליב־שמייכעלע, פּונקט ווי ער וואָלט געוועין גרייט יעדע רגע עפּעס אַ סוד אויסצוזאָגן, און רייצט זיך דערווייל בכיון מיט אַלעמען... אַפילו אַ וואָרט רעדט ער מיט קיינעם ניט, און דער „האַנדל" גופא קומט אויך פּאָר עפּעס אויף שטום־לשון: קיינער איז אים אויך קיינמאָל ניט מזכּה אַפילו מיט אַ ווענדונג. און צו באַוואונדערן: לגמרי, פונדעסטוועגן, עפּעס ניט צו באַמערקן, אַז עמיצער זאָל כאָטש דאָ באַוואונדערן אָט דעם אידן, אָדער זאָגן אים עפּעס אַ שלעכט וואָרט. פּונקט, אַשטייגער, ווי ער וואָלט דאָ אויך געווען גאָר אַ שטובּיגער און לייבּליכער מענש.

פּינקטליך, יעדע נאַכט, חוץ פרייטאָג, באַווייזט ער זיך דאָ אין אָט אַזאַ געשטאַלט. קיינמאָל ממש אַפילו אויף אַ האָר און מיט אַ תּנועה ניט פאַרענדערט. און איך, אגב, האָב אויך קיינמאָל מיט אָט דעם אידן אַ וואָרט ניט אויסגערעדט, און ער האָט מיך, דוכט זיך, אַפילו גאָרניט באַמערקט. פונדעסטוועגן, דער־זעהענדיג אים, פלעג איך זיך יעדעס מאָל דערפילן אָט דאָ אינם נאַכט־שיינק עפּעס מעשה־תּקיף און ווי אין אַ ירושה־היים: צייטנווייז פלעגט זיך מיר דוכטן באַשיימפּערליך, אַז איך בין מגולגל געוואָרן, אַשטייגער, אין דער צייט פון די „בעלי־תּוספות" און „חכמי־צרפת", און אַז אָט דער הויכער יונגער מאַן, מיט דער לאַנגער און שוואַרצער הערצל־באָרד אין דער „פּוי־

לישער״ קאַפּאָטע און מיטן שפּאַנאַלישן הוט מיט דער ברייטער סטייִנגע אויפן קאָפּ, וואָס שטייט אינם לאַטיינישן קוואַרטאַל בײַ דער טיר פון פרייליכן הייזל נעבן דער פּלערליי־סחורות־און־פאַרבן פּיראַמידע און בײַטראַכט אַלעמען שטענדיק מיט אַ פאַרגליווערטן און קלוגערישן צוליב־שמייכל, איז, אייגנטליך, אפשר גאָר דער אמתער און דער אייציגער בעל־הבית פון דאַנען. און אָט די אַלע לוסטיגע מענער און פרויען זיינען בעצם גאָר פרעמדע.

„סעניאָרן״ און „סעניאָרינעס״, וואָס פאַרזאַמלען זיך אין געטאָ צו זייער אידישן מלוה און שיינקער און פאַרשפּאַרן זיך בשתיקה און נאָר צווישן אַנאַנד, הוליען אַ נעכטל.

...און אָט אין אָט דעם „סואַר״ און צווישן אָט דעם עולם האָט איינמאָל פּאַסירט אַזאַ גשיכטע:

עס איז געווען די ערשטע נאַכט פונם סטורענטישן זומערדיגן בין־הזמנים, אַן עכטע פּאַריזער פריהלינג־נאַכט מיט אַלע „הידורים״, און ווי גאָט האָט פאַר איר געבאָטן: שוואַרצוואָלקנדיג און זוריג, אומרוהיג און רייצנדיג. און אויף די גאַסן און אויף די געמאַרקן פונם לאַטיינישן קוואַרטאַל האָט אין אָט דער נאַכט ממש אַזוש די ערד געשאַלט פון שמחה.

מחמת פרויען און מענער, פאַרפלייצטע אין קאָנפעטי און בלומען, האָבן דעמאָנסטרירט, און פלאַקערנדיגע שטורקאַצן און פאַרשיידנקאָלירנדיגע לאַמטערנדלאַך

האָבן זיי דעם וועג באַלויכטן; פּאַיאַצן, פאַרגרימירטע, ווי רוסישע קאָזאַקן, מיט לאַנגע געלע בערד און פאַר־שטעלטע, ווי רויטע אינדיאַנער, האָבן געטאַנצט און געשפרונגען; גאַסן־זינגער מיט פליטן אין די הענט האָבן טרובאַדורן־לידער רעקלאַמירט; רייטער מיט קו־פערנע פּאַנצערס אויף דער ברוסט און העק בײַ די זייטן, לויטן פראַנצויזישן קאָרפּאָראַנטן־שטייגער פון דער שול־יוגנט אין די צייטן פונם מיטלאַלטער האָבן, ווי אַלטע גרענאַדערן, געמאַרשירט אַרום דעם פּאַנטעאָן; פאָנען מיט אויפשריפטן פון וואָלטערס אַפּיקורסותדיגע אַפאָריזמען האָבן געפלאַטערט, און קאַראַהאָדן פון די סאַן־זשערמען און גראַנד־בולוואַר־דאַמען, וואָס זײַנען געקומען צוליב אָט דעם סטורענטישן יום־טוב, האָבן זיך געדרייט, וואַלסירנדיג אונטערן פרײַען הימל.

עפּעס מיט דער יוגנט־לוסטיגקייט פון די ווינטערדיגע קאַרנאַוואַל־טעג און מיט דער מונטערקייט פונם זומער־דיגן „קאַטאָרזשווי"*) האָט דאָ אין אָט דער נאַכט בעת מעשה געווייעט אין אַלע ווינקעלאַך. בלויז אין „סואַר" נאָר, הגם עס איז געווען אין אָט דער נאַכט נאָך מער געפּאַקט מיט פּובליקום ווי תמיד, — סיי מיט אייגענע און סיי מיט פרעמדע — און באַלויכטן איז עס געווען חגעוודיג־שפּילנדיג, עפּעס גרין־בלויליך, אויפן שטייגער פון אַ מאָגמאַרטעריש קאַבאַרע, און פון אַלע זייטן, סיי פונם דרויסן און סיי פונם אינעווייניג, האָבן זיך אַנטקעגן געטראָגן נאַפּאָלעאָן דעם ערשטנס מאַרשן, אויסגעמישט

*) דער 14־טער יולי, דער טאָג, ווען דאָס פאַריזער פאָלק האָט די באַסטיליע־פעסטונג אײַנגענומען.

מיט קאַרמאַניאָל און מאַרסעליעזע, — ראָך האָט פונ־
דעסטוועגן דאָ געהערשט עפּעס אַזאַ דריקנדיגער און
אָנגעשטריינגטער אומעט, פּונקט טאַקע ווי אין אַ פּאָרט־
קרעטשמע אינם גרויען באַגינען, ווען די שיפן לאָזן
זיך אַוועק אין די ווייטע ימים.

די זעלבע סטודענטן, וואָס האָבן אָט דאָס יאָר זייער
שטודיום שוין איינגאַנצן פאַרענדיגט, גרייטנדיג זיך
איצט באַצייטנס צו פאַרשיידענע מלוכהשע און פּאָ־
ליטישע פּאָסטנס און צו אַ סאָלידן און אָנשטענדיגן
לעבן, — האָבן זיך עס צונויפגעזאַמלט אין אָט דער
פרילינג־נאַכט אין זייער פאַמיליען־הויז אין „סואַר" דאָס
לעצטע מאָל, און אפשר טאַקע שוין אויף אייביג אָפּ־
צוזעגענען זיך מיט אַלע זייערע קינדערשע שטיפערייען
און יוגנט־ליבעס.

ס׳אַר אַן אויסטערליש און רירנדיג בילד דאָס איז
געווען:

פאָרלאַכוויז זיינען זיי זיך געזעסן, די גריזעטינס באַ
די סטודענטן אויף די קני, און עפּעס ווי אונטער דער
השגחה פון די אַלטע בלומענפאַרקויפערינס, וואָס האָבן,
אגב, אין אָט דער נאַכט, ווי אויף אַן אייגענער משפחה־
שמחה אַזוי יום־טובדיג און קרוביש־האַרציג געסאַרווערט
באַ די טישלאַך פון „סואַר", אָנשטאָט די שטענדיגע
קעלנערינס —, פאַרטרויערט און פאַרדאַגהט, ווי יונג
פּאָר־פּאָלקיש צווישן אַנאַנד געשושקעט זיך, ווי איבער־
לאָזנדיג אַ פאַמיליען־צוואה...

היפּש עטליכע שעה האָט עס דאָ אינם נאַכט־שיינק
געדויערט, אָט אַזאַ פאַרגאַפטער צושטאַנד. די גאַנצע

צייט האָט קיינער פון אָט די פאָרלאַך קיין הויך קול ניט אַרויסגעלאָזט. אַפילו די „פרעמדע“ און די לחלוטין־זייטיגע מענשן האָבן אויך ממש קיין איבעריג וואָרט ניט אַרויסגערעדט. עפּעס ווי אָפּהיטנדיג זיך פון אַריינ־צוקריכן אין די „אינטים־שטוביגע“ סודות פון אָט די „פאַמיליען־לייט“. און עס האָט זיך געדוכט בפּועל־ממש, אַז אָט דאָס מאָרגנע געזעגענען זיך וועט זיך עפּעס גאָר קיינמאָל ניט פאַרענדיגן, פּונקט ווי דער אומעט גופא, וואָס האָט געווייעט פון אָט דעם צעשיידן זיך.

דערווייל, עפּעס גאָר ווי אומבאַמערקט, האָט שוין מיטן פאַריזער באַגינען אָנגעהויבן צו שמעקן:

פונם נאָטר־דאַם־טורעם האָט אַ בלאַסק און אַ שיין געטאָן, ווי אַן אָפּגלאַנץ פונם אויפגייענדיגן מאָרגן־שטערן. די שווערע און סקריפּנדיגע שפּייז־אַוטאָמאָבילן און אָטאָ־בוסן האָבן זיך צערעוועט. די איינגעשפּאַנטע הינט פון די גרינס־און פרוכטן־וועגעלאַך האָבן זיך צעבילט. די „פרעמדע“, וואָס האָבן זיך געפונען אין „סואַר“, זיינען זיך ביסלעכווייז צעלאָפן עפּעס ווי פאַרשעמט, און אינם שיינק גופא, הגם עס איז געווען באַלויכטן פון אַלע זייטן, איז פּלוצלינג און אין מיטן דערינען אַריינגעדרונגען עפּעס אַ גרויע טונקלקייט מיט שאָטנס באַרעקט. „סואַר“ האָט פּלוצלינג באַקומען אַן אויסזעהן פון אַ נאַכטיגער שיף־קאַיוטע. די שושקנדיגע פאָרלאַך זיינען פאַרשטומט געוואָרן. איינגעמאַטערטע און בלייכע פון דער פרילינג־נאַכט און פונם אויף־זיין, צעשויבערטע און צעשרויפטע פונם האַלזן זיך און פונם געזעגענען,

האָבן זיי זיך אָנגעהויבן עפּעס ווי אַרומצוקוקן און טראַכטן וועגן צעשיידן זיך. די טאָג־קעלנער עפּעס ווי הערן אָלרן פֿון אַן אָפּערעטקע האָבן זיך שוין באַוויזן מיט באַרשטן אין די הענט און, רייבנדיג די אויגן פֿאַרדרעמלט און רוגזהדיג, די פּרייע טישלאַך געוואָרפֿן און געשליידערט איינע אויף די אַנדערע. און לויט דעם מנהג, וואָס האָט זיך דאָ איינגעשטעלט אין „סואַר" אינם משך פֿון די לעצטע עטליכע חדשים, יעדע נאַכט איידער מען גייט זיך פֿונאַנדער פֿון דאַנען, איז אויך היינט די שפּאַנערין, אַ באַיאָרנטע בלומענפֿאַרקויפֿערין מיט אַ גרויען קאָפּ און אַ גיידעריג געזיכט, אַ הויכע און אַ שלאַנקע מיט לאַנגע און גאָלדענע רייפֿעלאַך־אויירינגלאַך אין די אויערן און תּמיד מיט אַ טערקישן געקווייטלטן שאַל אויף די פּלייצעס, עפּעס ווערליג ווי מען פֿלעגט דערציילן וועגן איר שטיל און פֿון מויל צו מויל, אַ לעגענדאַרישער פֿאַרשוין: אַ געוועזענע מאַדרידער גראַנדין און אַ הויף־דאַמע פֿונם שפּאַנישן קיניגליכן פּאַלאַץ, ווי די עלטסטע און אָנגעזעהענסטע אין „סואַר", אַרויסגעטראָטן מיט אַ צילינדער אין דער האַנט זאַמלען „פּטי־סו" פֿאַר אַ טעכטערל פֿון אַ סואַרער גריזעטין, וואָס איז מיט אַ האַלב יאָר צוריק אין אַ קראַנקען־הויז געשטאָרבן... מיט שטילע און געמאָסטענע טריט און מיט אַ שטאָלציג און בנעימותדיג שמייכעלע פֿון אַ געפֿאַלענער מיוחסת, האָט זי אומגעוואַנדערט, אָט די לעגענדאַרישע בלומענ־פֿאַרקויפֿערין, פֿון טיש צו טיש און מרה־נפשדיג און איינגעהאַלטן, פֿאַרטרויערט און קוים שאָקלענדיג מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט מיט עמיצן עפּעס אַ חסר געטאָן,

אָפּגעשטעלט זיך נעבן יערערן בּאַזונדער און אַ סור אויפן אויער איינגערוימט.

„נרבות" האָבּן זיך בּעת־מעשה בּרייט און פּזרנותדיג מיט די פולע הויפנס געשאָטן:

עס איז דאָך אפשר געווען שוין די לעצטע נאַכט טאַקע, וואָס זיי זיצן דאָ און זעהען זיך אויג אויף אויג, און קיינער האָט טאַקע ניט געקאַרגט... און מיט די זעל־בּיגע תּנועות, וואָס צו אַלעמען, איז זי אויך צו מיין טישל צוגעגאַנגען: לאַקאָניש און אויפן וואונק, עפּעס ווי בּאַ־האַלטנדיג פון מיר בּכיון, דעם עיקר, האָט זי ווי סתּם אַזוי און אָהן אַ שום פּניה, אָנגעהויבּן צו דערציילן אַ סאַנ־טימענטאַלע און טרויעריגע געשיכטע וועגן עפּעס אַ פאַרוואָרפן און פאַרלאָזן מיידעלע, אַ „בּלאָנד מלאכל", וואָס קיינער האָט עס ניט געגאַרט און וואָס איז שוין געווען פאַרשאָלטן, איידער עס האָט נאָך די ליכטיגע שיין פון דער וועלט דערזעהן, און וואָס איז דאָך פונ־דעסטוועגן אַזוי פּרעכטיג, אַז עס האָט זיך גאָר גע־דאַרפט, איינגנטליך, אין קייזערליכע פּאַלאַצן האָרעווען, און לסוף וואַלגערט זיך עס גאָר, נעבעך, אין אַ דאָרף בּאַ אַ פּויערטע אין אַ שטאַל צווישן פערד און בּהמות, — אָט דאָס צופעליג און אומגליקליך מענשעלע!...

און אָנשפּאַרנדיג זיך אויף מיר מיט איר בּאַיאָרנטן און פונדעסטוועגן עלאַסטישן קערפּער, עפּעס ווי אַריינ־גענומען מיך אונטער איר טערקישער געקווייטלטער שאַל. טוליענדיג זיך און דרייענדיג מיך נאָכדעם חבריש און מיט אַ תּנועה פון אַן אַלטן פריינט פאַרן אויער, האָט אָט די שפּאַנערין דערבּיי אַריינגעוואָרפן בּכלל

עטליכע שטאָלצע ווערטער וועגן דער צערטליכקייט און איידלקייט פונם פרויען־מין, וואָס ליידט נעבעך און קומט אָפּ אַזוי ביטער און שווער אומעטום פונם וויג ביזן קבר, און וועגן דער האַרטקייט און שלעכטסקייט פון די איבערגליקליכע מענער.

אָט אַזוי האָט זי עס „געפילאָזאָפירט" און סאַלאָ־נענדיק געשמועסט און געפּלוידערט אויף די אַלטע און ווייבערשע טעמעס, און איך האָב געהערט און, דעם אמת זאָגנדיק, רוקא ניט שטאַרק געאיילט אַריינצוּוואַרפן אויך מיין חלק אינם נדבה־צילינדער: עס האָט זיך מיר עפּעס ניט געגלוסט אַזוי שנעל אָפּצולאָזן פון זיך אָט די אַלטע מיוחסת, די שפּאַנישע גראַנדין און בלומענ־פאַרקויפערין פון „סואַר".

אינם אופן פון איר האַלטן זיך, און אין דער פאָרם פון איר ריידן, אין אַלע באַוועגונגען און ווענדונגען האָט זיך עפּעס געשפּירט אַזוי פיל איידלקייט און האַרציג־קייט, רחמנות און ליבע.

און איך האָב געטראַכט:

באמת טאַקע אַ גראַנדין, וואָס איז אפשר נאָך אין דער יוגנט צוליב עפּעס אַן „אויסדערוויילטן" און געגאַרטן פונם אייגענעם לאַנד און הויז אַוועק, גלאַנץ און רייכטום געוואָרפן, און איצט שוין, כמעט אויף דער עלטער, אַראָפּגעלאָזט זיך אין טאַווערנעס און אין קעלערס, כדי צו זיין אַ געטרייע מוטער פאַר אַלע מחוץ־למחנהדיגע און פאַרזינדיגטע, פאַרלאָזטע און פאַרשטויסענע.

אָט אַזוי האָב איך געטראַכט וועגן איר. און זי, די בלומענפאַרקויפערין גופא, עפּעס ווי טרעפנדיג מיין

מחשבה און ווי אָנשטויסנדיג זיך אָן מיין פאַרלאַנג, האָט זיך האַרט נעבן מיר אַנידערגעזעצט, אַרויסגענומען פון אונטער דער שאַל אַ לאָרנעט אויף אַ לאַנגער קייט פון שוואַרצע און גרויסע קאַרעלן און שפּילנדיג זיך מיט אים אַזוי שטיל און ריטמיש, עפּעס ווי דערמאָנענדיג זיך אָן די קינדער־יאָרן, נאָך פיל מעשות דערציילט. איין מעשה נאָך דער אַנדערער האָבן זיך געוויקלט און געצויגן און ממש היפּנאָטיזירט.

וועגן וואָס האָט זי מיר ניט דערציילט?...

וועגן די שפּאַנישע פּאַלאַצן און טורעמס, וועגן די מאַווריטאַנישע גערטנער און פאָנטאַנען, וועגן די פּאַסטוכער און וואַנדערנדיגע זינגער פון אַנדראַלוזיע, וועגן די אָקסן־שלאַכטן און העלדישע טאָרעאַדאָרן פון קאַסטיליע, אַפילו מעשיות וועגן קירכן און פריילעכע הייזער, וועגן אַלטע און אָנגעבלאָזענע קאַרדינאַלן און וועגן עופּהלאַך־קורטיזאַנקעס, ס׳רוב קלויסטער־קינדער.

דערציילט און דערציילט, געמאָסטן און ניט געכאַפּט, מיט איין און דעם זעלבן טאָן, ריטמיש און שטיל. און איך הערנדיג אָט די מעשיות, האָב זיך געשפּירט דערביי, פּונקט עפּעס ווי אַמאָל אין אַ סוף־זומערדיגן פאַרנאַכט, בעת איך בין געשטאַנען נעבן די פּירענייער בערג און געקוקט, ווי די זון פאַרגייט אויבן: ווייט און ניט צו דערלאַנגען, אויסטערליש און צוציהענדיג...

אָט אַזוי זיינען מיר עס דאָ געזעסן עפּעס ווי אָפּגעזונדערט פון אַלעמען און ווי ניט געשטערט פון קיינעם. ווי לאַנג?... ווער ווייסט? איך האָב כמעט ווי ניט באַ־

מערקט, אַז די צייט גייט. און אָט איז שוין דער טאָג־אויפגאַנג טיף און ברייט אַריינגעקראָכן אין „סואַר" אַריין. די קעלנער מיטן אויסזעהן פון אָפּערעטישע העראָלדן האָבן שוין די ליכטיגע שיין פון די לעמפּעלאַך און לאַמטערנדלאַך אויסגעלאָשן. די אַראָפּגעלאָזענע שטאָרן פון די הויפיגע פענסטער אַרויפגעצויגן. די סטודענטן און די גריזעטינס האָבן זיך שוין פון די ביינקלאַך אויפגעהויבן. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי ראַנדן, איינע אַנטקעגן די אַנדערע, מיט באָקאַלן אין די הענט און אַזוי ערנסט, פּונקט ווי אַ לויה־עולם מיט ברענענדיגע ליכט צווישן די פינגער. עפּעס אַ סטודענט, אַ הויקער און אַ קאַרליק, מיט אַ לאַנגער באָרד און אַ וויצלינג, האָט עפּעס ווי ווערגנדיג זיך און ווי פון אונטער דער ערד געהאַלטן אַ „לעצטע" ריידע פאַרן פּובליקום וועגן „טויט און וועגן ליבע", וועגן דעם פינסטערן גיהנום פון די קלויסטערס און וועגן דעם ליכטיגן גן־ערן פון „סואַר", און אַפילו דער הויכער פאַרבלענדעניש־איד, וואָס איז אויך אין אָט דער נאַכט, ווי אין אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, געשטאַנען אויף זיין געוויינטליכן שטייגער פאַרשטופּט אין אַ ווינקל און שווייגנדיג נעבן טיר, — האָט זיך שוין אויך געגרייט אָפּצוטראָגן זיך פון דאַנען און שאַנעוועדיג און פאַר־זיכטיג זיין „פּיראַמידע" פונאַנדערגעפּאַקט. פּונקט עפּעס ווי אַ פּוילישער רב אַ מיושבדיגער און אַ מפונק פּאַקט אויס די לולבים און אתרוגים ערב־סוכּות. עס איז שוין געקומען טאַקע די לעצטע מינוט פון אָט דער נאַכט אין „סואַר" מיטן געזעגענען זיך.

נאָר צו אונז, צו מיר און צו אָט דער שפּאַנעריין, האָט אָט דאָס אַלץ עפּעס ווי קיין שום שייכות ניט געהאַט. איך און די שפּאַנעריין האָבן אויסגעזעהן בעת מעשה עפּעס ווי אַ פאַרשפּעטיגט און לוסטיג פּאָרל, וואָס הויבט ערשט אָן די נאַכט... צווישן אונז האָט זיך פאַרוועבט אַ נייער געשפּרעך, נאָך אַן אינטימערער ווי פריהער, און מיט יעדער רגע איז אָט די בלומענפאַר־קויפעריין מיר געוואָרן אַלץ נעהענטער און נעהענטער. שלונגענדיג יעדעס וואָרט פון אָט די עקזאָטישע מעשיות, האָב איך בעצם גאָר געטראַכט ניט וועגן אָט די מעשיות אַליין, נאָר אויך און איבערהויפּט וועגן דער אייגענער לעבנס־געשיכטע פון אָט דער מאָדנער פרוי: „וואוהין וועט זי זיך עס אַוועקלאָזן פון דאַנען?... וואו וועט זי דעם טאָג רוהען?... וואו איז עס איר שטענדיג איינ־קומעניש?"... — און פּלוצלינג, אין אָט דעם מאָמענט טאַקע, האָבן מיר זיך גאָר אומגעריכט צעשיירט, עפּעס ווי פרעמדע צעשיירט, אַפילו ניט געזעגנט זיך.

אָט דער שווייגנדיגער פאַרבלענדעניש־איר, וואָס איז, לויט ווי איך האָב באַמערקט, געשטאַנען אין זיין ווינקל שוין אָנגעלאָרן פון אַלע זייטן מיט די פּעקלאַך גרייט אַוועקצוגיין פון דאַנען, און פאַרטראַכט מטבעות זיל־בערנע און קופּערנע געטאַפּט און געציילט מיט די פינגער־שפּיצן, עפּעס ווי אַ בלינדער בעטלער, אין מיטן דער־רינען, ווי ער שטייט און גייט, האַסטיג און ראַש צו אונזער טישל צוגעלאָפן און, אָפּשטופּנדיג עפּעס כלאחר יד און קרעמעריש מיטן עלנבויגן די שפּאַנעריין, אַז דער לאָרנעט איז אַזש פון אירע הענט אַרויסגעפאַלן, האָט

ער זיך אַנידערגעשטעלט פּונקט אַנטקעגן מיר מיט אויס־געגלאָצטע אויגן און צונויפגעפּרעסטע ליפּן, ציטערנ־דיג און וואַקלענדיג פון די שווערע משאות, עפּעס ווי אויסגעוואַרט, איך זאָל אים דערקענען. ניכּר געווען, אַז ער האָט בּרעה מיר עטוואָס צו זאָגן. נאָר ער ווייסט אַליין ניט, פון וואַנען אָנצוהייבּן און מיט וואָס צו ענדיגן. איך האָבּ אויך פון אים די אויגן ניט אַראָפּגענומען. געקוקט און געחדושט זיך: וואָס וויל ער, אָט דער פאַרשוין, און וואָס דאַרף ער?...

נאָר אָט איז די בּלומענפאַרקויפערין אַנטשווּיגן גע־וואָרן און עפּעס ווי בּרוגזדיג און בּאַליידיגט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. רוכט זיך, פון מוקצהדיגקייט צו אָט דער מאָדנער בּריאה, וואָס שטופּט זיך אַזוי גראָבּ און קריכט מיט די הענט אין פּנים אַריין. און איך האָבּ אויך עפּעס אַ חרפּה דערפילט. שטאַרק אומאַנגענעם איז מיר געוואָרן אָט דער אומגעריכטער „קרובותדיגער" וויזיט. כּדי וואָס גיכער אָפּצעבּינדן זיך, האָבּ איך געמאַכט אַן אָנשטעל, פּונקט ווי איך בּאַמערק אים אפילו ניט. עטליכע רגעס איז ער עס געשטאַנען אין אָט אַזאַ אויסוואַרטנדיגער און אומגעלומפּערטער פּאָזע, ציטערנדיג און וואַקלענדיג. מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן, ווי תּמיד עפּעס פאַר־גליווערט און שוויינגדיג. מיט אַ תּנועה, ווי ער וואָלט זיך צופעליג בּלויז אָפּרוהען צוגעשטעלט, פון אונז דאָס פּנים אָפּגעקערט און, ניט אַרויסריידנדיג קיין איין וואָרט אפילו, אַוועקגעמאַרשירט ניט געאיילט. און עפּעס ווי קרעפּטיגנדיג זיך, מיט גוואַלד געהאַלטן דעם קאָפּ אויפ־

געהויבן. און ווי רייסנדיג זיך פון די פּעק, וואָס האָבן אים געשלעפּט צו דער ערד, פּונקט ווי אַ יונגער פריצישער פערד רייסט זיך פונם צוים און פון דער רוהע, און קלינגענדיג מיט די הינט־גלעקעלאַך, וואָס זיינען געווען אָנגעהאַנגען צווישן פיל אַנדערע סחורות אויף זיינע אָרעמס און פּלייצעס, דורכן טיר נעלם געוואָרן. עפּעס ווי עמיצער וואָלט אים אַרויסגעשלעפּט.

און ווי נאָר אָט דער איד איז נעלם געוואָרן, האָט זיך אויך אָט די בלומענפאַרקויפערין גלייך פונם בענקל אויפגעהויבן. ניט דערמאָנענדיג מיר אַפילו וועגן אַ „פּטי־סו" פאַרן „בלאָנדן מלאכל" און ציטערנדיג מיטן באַיאָרנטן און עלאַסטישן קערפּער, בלייך און שווער עטעמענדיג, זיך אַוועקגעשאַרט. פּונקט ווי אַ כינעזערין מיט שטילע און ניט זיכערע טריט, דער טערקישער שאַל אַראָפּגעלאָזט, כמעט אַריבער די אויגן, און אָט איז זי אויך פון „סואַר" פאַרשוואונדן...

...פאַראינטריגירט און פאַרוואונדערט בין איך דרויסן אַרויסגעגאַנגען, נאָר איך האָב זיי ביידן שוין ניט געטראָפן: ניט די שפּאַנערין און ניט דעם אידן. און בין אַריינגעפאַלן סתם אין דער באַגינען־וועלט: עס האָט שוין געטאָגט. נאָר אַפילו קיין קול האָט זיך דאָ אינגם געסעלע ניט געהערט: אַלע איבעריגע שיינקלאַך זיינען נאָך געווען פאַרשלאָסן און פאַרריגלט, די מאַרק־הענדלערינס זיינען נאָך ניט געקומען צוריק פון די גרויסע גאַסן און בולוואַרן. בלויז די קצבים און קאָנסיערזשן האָבן אָנגערונצלט און שווייגנדיג זיך געפּאָרקעט נעבן

די פלייש־קראָמען. די מולאַטענס, די טאָג־פרויען פונם לאַטייניש קוואַרטאַל — זיינען שוין געווען וואַכעדיג און אומגעשפּאַצירט אַהין און צוריק איבער די שמאָלע און פאַרשמוצטע טראָטואַרן, אומגעשפּאַצירט אין ווייסע פונאַנ־דערגעהעקלטע כאַלאַטן מיט קאַפּושאָנען־קראַגנס. אונטן אין ראָזע טריקאָ געקליירט, מיט שוואַרצע זאָקן אויף די פּיס אַריבער די קני, מיט רויטע פּאָכערס אין די הענט און געוואונקען צו די בייזע קצבים מיט די ווייסע ציין און מיט פאַרשיידענע קערפּערליכע באַוועגונגען און קנייטשן...

און אָט האָט זיך שוין דאָס „געטאָ־געסעלע", וואו „סואַר" געפינט זיך, אויך געענדיגט...

עפּעס אַ מאָרגנער אומעט האָט מיך אַרומגענומען, פּונקט ווי פון כתב פון אַ פון־לאַנג־אָן טויטן טאַטן. איינ־זאַם און פאַר זיך האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן איבער דער אייביגער שטאָט פּאַריז.

דער קיניג־פּאַלאַץ און דער מאַרק
(אַמסטערדאַם)

דאָס איז איינע פון די מערקווירדיגסטע זאַכן אין דער האָלענדישער הויפּט־שטאָט, אין אַמסטערדאַם:

כּמעט האַרט בּאַם „אירן־פירטל“ שטייט אָנגעלענט און אָנגעשפּאַרט דער קיניגליכער פּאַלאַץ פון דער אָראַניען־דינאַסטיע און דער שטאָלץ פונם האָלענדישן פאָלק.

אָט דער פּאַלאַץ איז בּעצם אַ גאַנץ איינפאַכער בּנין. געשאַלעוועט איז ער מיט בּרעטער און לייסטן, וואָס זעהען אויס שוואַרץ־גרוי פון אַלטקייט און לאַנגאָנגענ־דיגקייט. בּאַפּוצט מיט די זעלבּיגע ראַד־קאַרניזן און מיט פון האָלץ און שינדל אויסגעטאָקטע פרוכטן און אויסגעשניצטע שיפעלאַך, ווי פיל אַנדערע הייזער אין אַמסטערדאַם. נאָר אין שכנות מיט דער אידישער געטאָ און אירע בּנינים האָט ער עפּעס אַ פּנים פון אַ פּאַרצייטיגן פּריץ, וואָס, הגם ער פאַרמאָגט שוין ניט קיין יונג געזיכט, פונדעסטוועגן איז ער נאָך גענוג געזונט און קרעפטיג און נאָר גלאַט אַזוי, כּדי נאָכצוגעבן זיך, שפּאַרט ער עס זיך אָן אָנגעלענט אויף די אַקסלען פון זיין אַלטן און הכנעהדיג־איינגעהויקערטן קנעכט...

און באַטראַכט מען אים, אַט דעם פּאַלאַץ, פון דער־ווייטנס, שטייענדיק אינם „אידן־פירטל״, דערהויפּט אין די לייכטע פרילינג־אָוונטן, אונטער דעם לויטערן און אויסגעשטערנטן הימל, וואָס איז אין האָלאַנד, אַגב, אַזוי נידעריק, אַז ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען — דוכט זיך, אַז דאָס איז עפּעס אַ וואונדער־פּאַלאַץ פון ר׳ יהודא חסיד אָדער פון ר׳ יונתן פּראַגער. און אַט אין דער רגע, וואָס מען קוקט אים אָן, וועט ער פּלוצלינג און שם־המפורשדיק פאַרשוואונדן ווערן מיט זיין גלאַנץ. נאָר דערווייל גלוסט זיך אַט אַזוי צו שטיין און קוקן אויף אים, כּל זמן ער האַלט זיך נאָך.

אַט דער איינפאַכער פּאַלאַץ האָט שוין פיל גלגולים דורכגעמאַכט אין זיין לעבן. גאָר פאַרצייטן איז ער געווען די געביידע פונם שטאָט־מאַגיסטראַט. אַט דעמאָלט טאַקע האָט ער עס זיך מיטן „אידן־פירטל״ צונויפגעבונדן. די אָנגעשראָקענע שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע „נעלמים״ און אַנדערע געיאָגטע אידן, וואָס זיינען אין יענער צייט קיין אַמסטערדאַם אַנטרונען געוואָרן, האָבן זיך עס דעמאָלט נאָהענט צו אַט דעם פּאַלאַץ צוגערוקט און צוגעטוליעט, ווי צו אַ באַשיצער און דער־לייזער. מחמת שרעק פאַר דער איינזאַמקייט און נע־ונדישער פאַרלאָזנקייט, האָבן זיי עס דערביי און נעבן אים די וואַנדער־ביירלאַך אויפגעשטעלט. דער מאַ־גיסטראַט איז דאָך עפּעס אויך זייער איין און איינציגער בעל־הבית און הערשער געווען. צו אים האָבן זיי עס אַ התקרבות געפילט. און כּדי אַז אין אַן עת צרה זאָל זייער ווייגעשריי זיינע אויערן דערגרייכן, האָבן

זיי זיך פֿון אים דערווייטערן ניט געוואָלט... און אפֿשר טאַקע מחמת דעם האָט זיך עס צונויפֿגעקייטלט אָט דער מאָדנער און משונהדיגער פֿאַקט: דאָס אָרט, וואָס איז שפּעטער און נאָך דעם כּסדר אַזוי שטאַרק דערהויבן געוואָרן, און אַ מלכות־פּאַלאַץ איז פֿון אים אַרויס־געקומען, — האָט זיך אין אָט דער זעלביגער צייט אויך אין אַ קליין סוחריש מערקל פֿאַרוואַנדלט... און ביידע, סיי דער קיניגליכער פּאַלאַץ און סיי דאָס קליין און אידיש מערקל, האָבן זיך עס דאָ פֿעסט און אויף זיכער איינגעפֿונדעוועט און איינגעבויט: צענדליגער דורות האָבן זיך דאָ געביטן פֿון אָט דעמאָלט אָן. און אָט דאָס בילד פֿון דער אויסטערלישער שכנהשאַפֿט איז אַזוי פֿאַרבליבן אומפֿאַרענדערט. אויף אַלע צייטן און אויף אַלע דורות.

פֿון איין זייט די קיניגליכע וועכטער — די בלאָנדע און שלאַנקע האָלענדער, וואָס שטייען שטרייַנג און שווייַגנדיג, ווי אַן אייביגער געזעץ, און אויף דער אַנדערער זייט, פּונקט אַנטקעגן, — אַ יריד און אַ טומל, אָנגעלאָפֿענע און אָנגעפּאָרענע, טישלאַך אונטערן פֿרייען הימל, ביליגע גאַלאַנטעריי, אָנגעבראָכענע כּלים און אויסגענוצטע שמאַטעס, זקנים עובֿר־בטלס און בעטלער־קאַליקעס, געוועלבלאַך מיט טאַנדעט־בגדים און ליידיגגייערשע ווערטלאַך. האַמפּערנישן פֿאַר אַ קונה און זירלערייען פֿאַר אַ פּוילער באַנאַנע; זיידעס, וואָס לויפֿן, ווי פּיצלאַך קינדער, הערן די מוזיק פֿון וואַנדערנדיגע שפּילקעסטלאַך; טאַטעס, וואָס יאָגן זיך נאָך אין מיטן העלן טאָג ביזן צירקל אַריין, כּדי נעהענטער איינצוקוקן זיך אינם גע־

זיכט פון אַן אַרעסטירטן שיכּור, און נאָך אַזוינע מאַר־
קעדיגע איינפאַלן און געטאָ־המצאות...

ווען־ניט־ווען קערט זיך אום עפּעס אַ פּאַלאַץ־וועכטער מיט זיין רוהיק פּנים צו אָט דעם מאַרקינגן עולם און צו דער מאַרקינגער אומגעבונג און קוקט זיך איין מיט די בּלויע אויגן. נאָר תּיכּף קערט ער אָפּ דעם קאָפּ צוריק עפּעס ווי פון שרעק. עס דוכט זיך, אַז דער שלאַנקער און שטרייכנער האָלענדער, באַגעגנענדיק זיך אויג אויף אויג מיט אַ חברה לצים און וואַנדרער, ווערט עפּעס אויף אַ רגע ווי איינגעבויגן און הויבּט אָן אַזש צו ציטערן, דאָס אייבּיגע געזעץ פּאַרלירט פּלוצלינג זיין שטאָלצ־קייט און איינגעגלויבטקייט. נאָר שטאַרקער ווי תּמיד שפּירט זיך עס דאָ דער אמתער מאַרק אין די שבּת־נעכט.

אין די שבּת־נעכט לאָזן זיך עס אַראָפּ אַהערצו די תּלמיד־חכמריק איינגעהויקערטע און קורצזיכטיקע אירישע רימענט־שלייפערס, אָנגעטאָן אין די לאַנגע סורדוטן און אין ווייכע קאַפּעלושן מיט ברייטע ברעגעס. זיי בּייטן דאָ חשיבותדיק און קאַלטבּלוטיק זייערע אַלטע שפּאַקולן אויף נייע און מעסטן געלאַסן און פּאַרטראַכט פּאַרטוכער. פריי פון האָרעוואַניע, אויסגעפּוצט און שיינענדיק קומען אַהער אויך די אמתע האָלענדער, אַרבּעטער און פּויערים, פישערס און מאַטראָסן מיט ווייבּער און קינדער, מיט הינט און מיט טייבּעלאַך. פאַר אַ פּאָר גולדן גייען זיי אַלע אַוועק פון דאַנען זונטאָגדיק צופרידן און מיט אַלעם גוטן אָנגעלאָדן: לאַנגע ציבּוקעס, באַשרייבּונגען פון ים־רייזנדער, קרענצלאַך קאַרעלן, קיך־כּלים, לערן־בּיכער, גלעקעלאַך און טויבּן־נעסטן.

אין אַ צאַרטער און ראָז־בלויליכער ליכטיגקייט שטייט רעמאָלט דער פּאַלאַץ איינגעהילט. די קיניג־פּאָן פּלאַ־טערט. עס רוכט זיך, עפּעס אַ שיינענדיגער טורעם באַלייכט דעם וועג פאַר שיפן, וואָס שווימען איצט לאַנג־זאַם און פאָרזיכטיג אין דער נאַכט־פינסטערניש איבערן ים. פון די קירכעס הילכט דאָס אָרגל־שפּיל, און דאָ אויפן מאַרק פאַרן טונקלען שיין פון קליינינקע לאַמ־טערנדלאַך און דין־פּאַסיגע שטורקאַצן קויפט מען איין בעת מעשה און מען פאַרקויפט אויס געטאָ־סחורות און אַלטוואַרג, ברוך און שמאַטעס.

אָט אַזוי גייט עס דאָ וואָך־אויס און וואָך־איין: אפשר הונדערטער יאָרן שוין, אַז עס האָבן זיך צונויפגעפּאָרט דאָ אַ קיניג־פּאַלאַץ מיט אַ אידישן מאַרק און עס האַלט זיך...

אינם סוף חורש אלול האָט עס פּאַסירט:

פּריה און אומגעריכט, לויטן האָלענדישן שטייגער, הויבן זיך אָן די ווינטן און קעלט אין אַמסטערדאַם, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט קאַנאַלן און מיט ים־וואַסער, אַרומגעלענט מיט פייכטע מאָן־פעלדער און אַרומגע־שטעלט מיט ווינט־מילן. דער קיניג־פּאַלאַץ, וואָס איז אָפּגעשטאַנען אַ גאַנץ זומער ניט באַזעצט, עפּעס ווי אַ שלאָס אַן אָנדיינקונג, איינזאַם און פאַררינגלט, די שטאָרן אַראָפּגעלאָזט דורכן מעת־לעת, — האָט אויך פּלוצלינג און אומגעריכט גאָר עפּעס אַ נייע הויט אויף זיך אַרויפגעצויגן. מען האָט זיך דאָ אָנגעהויבן גרייטן צום אָנקומען פון דער קיניגין. און נאָך ערנסטער און

שווינדריגער, איינגעהאַלטענער און שטרייַנגער זיינען געוואָרן די וועכטער. זעלטן פלעגט איצט צו זיי אַ פרעמדער מענש נאָהענט צוטרעטן. און די „צווייטע העלפט" פונם פּאַלאַץ — דער אידישער מאַרק — איז אויך עפּעס געוואָרן נאָך מער פאַרהאַוועט און בריהדיגער ווי תּמיד. דער זומער האָט זיך דאָך שוין כמעט ווי געענדיגט. די פּויערים וועלן זיך באַלד אַוועקלאָזן, אַלס מאַטראָסן אויף די ים־שיפן, אייגענע און פרעמדע, פיש פאַנגען און אויף שיפלאַך אין די טייכן, — און דער מאַרק באַזאָרגט זיי עם מיט די נויטיגסטע וועג־חפצים...

כמעט אַפילו קיין איין שבת־נאַכט פלעגט אין אָט דער צייט ניט פאַרבייגיין, וואָס איך זאָל |אָט דאָס אָרט ניט באַזוכן: עפּעס מאָדנע רוהיג און איינגעשטעלט האָט דאָ די וועלט אויסגעזעהן. יערערער אויף זיין פּלאַץ, און ניטאָ קיין „הסגת גבול". אָט קומט די מלכּה צוריק אין איר הויפּט־שטאָט אין פּאַלאַץ־רוה נאָך אירע רייזעס איבער דער מדינה. די אונטערטאַנען צעוואַרפן און צעשפּרייטן זיך איבער גאָר דער וועלט, אויף אַלע וואַסערן און אויף דער יבשה, זוכן חיונה פאַר ווייב און פאַר קינד. די אירן פון געטאָ, די אייביגע מבינים אויף נסיעות און געניטע נע־ונדניקעס, פאַרזאָרגן זיי באַצייטנס מיט אַלץ, אין וואָס זיי וועלן זיך נאָר נויטיגן אין די ווייטע וואַנדערונגען און וואו זיי וועלן זיך נאָר קערן און ווענדן... און אָט אַזוי פלעג איך דאָ אומשפּאַצירן שעהן לאַנג, ווי אַן איינער און ווי אַ היימישער. איינהערן זיך אין די פאַרשיידענע געשיכטעס, וואָס

די תּושבים פון האָלאַנד רערצײלן פונם ים, און די פּאַר־טראַכטע אידישע דימענטשלײפערס — פון דער יבשה.

און אָט האָט אײנמאָל געטראָפן אַ שבת־נאַכט, װאָס איך בין געקומען אַהערצו נאָך ,פריהער װי תּמיד.

דעם גאַנצן שבתדיגן טאָג האָט דעמאָלט גערעגנט און גערעגנט. עפּעס עקשנותדיג און טעמפּ גערעגנט. פרעמד און אומעטיג איז געװען. אײנזאַם, פּונקט װי די שטילע קאַנאַלן ערב װינטער אין די חשכדיגע נעכט אויפן אַמסטל. איך האָב זיך געאײלט אויפן מאַרק און נעבן פּאַלאַץ, פּונקט װי אין אַ הײמיש װינקל; נאָר דעם מאַרק האָב איך געפונען כּמעט פּוסט. הגם עס איז שוין געװען שקיעה־צײט. און דער הימל האָט זיך פּלוצלינג רוקא אויסגעליטערט. בלויז עטליכע געצײלטע אַנטיקװאַרן זײנען דאָ געזעסן אויף לאַנגשעזן נעבן ספרים־טישלאַך, די פיס אונטער זיך אויפן אַראַבישן שטײגער, שװײגנדיג, די אַקסלען עפּעס װי צונויפ־געװאַקסן מיט די אויערן, די בערד װי אין אַ שייר אינם פּויסט־חלל אַרײנגעשטעלט. און פאַרזיכטיג מיט צו־נויפגעצװינגענע ליפּן, װי דורך אַ שמאָל טרײבעלע, גע־בלאָזן דעם שטויב פון די טאָװלען און פון די שער־בלעטלאַך. פּונקט עפּעס װי אָריענטאַלישע בשמימניקעס און חלפנים, האָבן אָט די אַנטיקװאַרן אויסגעזעהן אָט דאָ בעת מעשה. און נעבן די ספרים־טישלאַך און אויף די פּאַרענטשעס פון די לאַנגשעזן זײנען געהאַנגען אויף שטאַנגען און צוגעראָטעװעט קלײנינקע לאָמ־טערנדלאַך מיט פּיצינקע שײבעלאַך. רינינקע פײערלאַך האָבן געצאַנקט און צעשפּרײט זיך עפּעס װי מיט

טייטנדיגע פינגער איבערן מאַרקיגן אַספאַלט, פונקט ווי נעבן נאַכטישע קלויסטער־טירן און תּפיסה־טויערן... איך בין צו אַן אַנטיקוואַריש טישל צוגעגאַנגען. באַמערקנדיג דאָ אַ גאַנץ רומל ביכער מיט פאַרשיירענע אַלטע אָרנאַמענטן און מיט פאַרצייטיגע געכּתיבהטע און געצוקטע אויפשריפטן און אונטערשריפטן, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט זיי באַקוקן און באַטראַכטן אונטערן שיין פון די לאַמטערנדלאַך...

אַ היפּשע ווײַלע בין איך עס אָט אַזוי געשטאַנען און אָט די אַלטע ספרים געבלעטערט און איבערגעבלעטערט. דער אַנטיקוואַר פון אָט דעם ספרים־טישל, אַ זקן אָהן ציין אין אַ מיצל פון אַן אַלטן אַרכיוואַריוס, אין אַ טערקישן כאַלאַט מיט גאַרטעלאַך, האָט זיצנדיג עפּעס ווי אַ צוגעשמירטער, געפּיפּקעט און געשמועסט מיט די ליפּן די גרויסע מעלות פון זיין סחורה. אָט די אַלע ספרים מיטן איינבונד און איבערבונד — האָט ער געטענעט — שטאַמען דורכאויס פון רעמבראַנדס און רובענס צייטן. און אַז ער גיט איבער אָט די טייערע חפצים אין פרעמדע הענט, נאָר מיטן תּנאי, אַז זיי זאָלן פונם אייגענעם לאַנד ניט אַרויסגעפירט ווערן און מיט דער אייגענער מדינה ניט צעשיידט ווערן. אַרום און אַרום איז נאָך אַלץ בעת־מעשה געווען פוסט און שטיל. און אין אָט דעם מאָמענט האָב איך פּלוצלינג דערהערט, עפּעס ווי דאָ ניט ווייט פונם אָרט, וואו איך שטיי, רוכט זיך, גאָר נאָהענט זינגט עמיצער עפּעס גאָר „מלוה־מלכּה"־זמירות מיט אַ בראַצלאַווער ניגון, וואָס דרייט זיך און דרייט זיך און קערט זיך אום צוריק צום אָנהויב,

פונקט ווי אַ חשונריגער ווינט. עפּעס אַ דין שטימעלע, אַ ציטערנדיגס און אַן אומבּאַהאָלפֿנס, נאָר אָט פֿאַר־וואַנדלט זיך אָט דאָס שטימעלע גאָר עפּעס אין אַזאַ פֿעסטן קול, וואָס ווערט מיט יעדער רגע אַלץ שטאַרקער און לויטערער. פֿאַרנייגעריגט און פֿאַרוואונדערט האָבּ איך נאָך אָט דעם קול געלאָזט זיך גיין. געגאַנגען און געגאַנגען. דאָס קול האָט געזונגען און געזונגען. בּיז איך האָבּ לסוף אָן פֿאַלאַץ־וואַנט אָנגעשטויסן זיך און אומגעריכט דעם „זינגער" גופא דערזעהן, ווי ער שטייט אָנגעשפּאַרט און איינגעבויגן. אַ טיפּיש־אויסגעשפּראָכענער האָלענ־דישער דאָרפֿישער פּויער. אַ גלוח און אָהן וואָנצעס, אין אַ הויכן און שטרויענעם הוט, מיט בּרייטע בּרעגעס בּיז די אויגן און אַריבּער די אויערן, אין אַ לאַנגען קאַמזאָל אויף דעם העמד און אָהן אַרבּל, אויף דער בּרוסט פֿיל זייגער־קייטעלאַך און בּרעלאָקלאַך. און דאָס פּנים גופֿאָ עפּעס כּמעט ווי פֿאַרשטעלט און בּאַהאַלטן פֿון מיר.

איך האָבּ זיך אָן אַ זייט אַוועקגעשטעלט און נאָכ־געשפּירט, וואָס וועט דאָ ווייטער פּאַסירן. פֿונם אויג ניט אַרויסגעלאָזט אָט דעם מאָרנעם פֿאַרשוין און, קוקנדיג אויף אים, געטראַכט:

— ווער איז ער עס, דער האָלענדישער פּויער, וואָס זינגט נעבּן אַ קיניגליכן פּאַלאַץ „מלוה־מלכּה"־זמירות מיט אַ בּראַצלאַווער ניגון?... אַ נסתּר?... אַ פֿאַר־צייטיגער גלות־אָפּריכטער, וואָס האָט זיך עפּעס בּכּיון אַזוי מאָרנע פֿאַרשטעלט, כּדי מען זאָל אים ניט דער־קענען?... ווי אַזוי קומט ער עס אָבּער גאָר אַהערצו?... און פֿון וואַנען, אַשטייגער, האָט ער זיך עס פֿאַרשלעפּט?..

פון וואָסער לאַנד?... פון וואָסערער מדינה?... און פאַרוואָס דוקאָ האָט ער דעם פּאַלאַץ אויסדערוויילט פאַר אַ תפילה־אָרט און אין אַן אַכסניה פאַרוואַנדלט?...

היפּשע עטליכע מינוטן בין איך עס דאָ אָט אַזוי געשטאַנען. די גאַנצע צייט עפּעס ווי זיך אַליין ניט געגלויבט, אַז אָט דאָס, וואָס איך זעה איצט, קומט טאַקע פאַר באמת און אויפן וואָר. כּדי צו בלייבן אומבאַמערקט, האָב איך זיך בכּיון אָן אַ זייט אָפּגע־קערט. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און, ניט רירנדיג זיך מיט קיין אבר, אָנגעשטריינגט, אויף נייעס געוואַרט.

און אָט שטייענדיג אָט אַזוי און וואַרטנדיג, האָב איך פּלוצלינג דערהערט, ווי אָט דער פאַרשטעלטער פאַרשוין זאָגט צו זיך אַליין עפּעס אַזוי קלאָר, שאַרף, און מיט אַ ברייטקייט: „אַ גוטע וואָך", און מיט דער זעלביגער קלאָרקייט און שאַרפקייט און ברייטקייט חזרט ער איבער אָט דעם „אַ גוטע וואָך" עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד. יעדן מאָל זאָגט ער עס אַרויס, אָט די פּאָר ווערטער, געלאַסן און הנאָהדיג־פונאַנדערגעצויגן, עפּעס ווי מיט אַ בטוחדיגן און באַרוהיגטן טאָן פון אַ מענשן, וואָס האָט זיך אָקאָרשט פון אַ זינד אָפּגערייניגט. און תיכּף נאָך דעם האָב איך דערזעהן, ווי אָט דער אויסטערלישער נע־ונדניק פאַרנויגט זיך מיטן פּנים צו דער ערד און הויבט אויף פון דאָרטן עפּעס אַ היפּשע משא. פּונקט עפּעס ווי אַ שפּילקאַסטן, לאָדט ער אָן אָט די משא אויף די פּלייצעס מיט רימענע פּאַסן אונטער די פּאַכוועס. אין האַנט האַלט ער אַ לאַנגגען גייער־שטאָק מיט אַן

אײזערנעם און שפּיציגן פּרענט. און קלאַפּנדיג מיט אָט
דעם גײער־שטאָק מיטן אײזערנעם פּרענט איבערן פֿאַר־
לבנהטן אַספֿאַלט פֿונם פּאַלאַץ־פּלאַץ עפּעס אַזוי הילכיג,
לאָזט ער זיך גײן לאַנגזאַם און גלײך, ניט אַרומקוקנדיג
זיך, פּונקט עפּעס װי אַ בלינדער װאָלט אַ ריכטיגן װעג
געזוכט. איך גײ אים אױך נאָך מיט שטילע טריט און
צײל ממש די מינוטן און די רגעס: „מיט װאָס װעט זיך
עס דאָס ענדיגן און װאו װעט ער זיך עס אָפּשטעלן?“...
און אָט אַזוי זײנען מיר בײדע צוריק אױפֿן מאַרק־פּלאַץ
געקומען. אָט דאָ האָט זיך דער איד מיט זײן משא־
פּאַק אָפּגעשטעלט. עטליכע מאָל אַרומגעקוקט זיך אױף
לינקס און אױף רעכטס, װי אױסזעהענדיג און אױספֿאָר־
שנדיג, דערנאָך פֿאַרשטופּט זיך אין אַ װינקל, אָפּגע־
װנדערט פֿון אַלעמען. די משא פֿון די פּלײצעס אַראָפּ־
געשלעפּט און גענומען עס פֿונאַנדערפּעקלען און פֿונאַנ־
דערשרױפֿן, אַגב עפּעס אױך הובלען מיט אַ מעסערל
און שנײדן מיט אַ קלײן זעגעלע, מײסטרעװען מיט פֿאַר־
שײדענע אינסטרומענטן. געמײסטרעװעט און געפּאָרקעט
זיך, ביז עס האָט זיך, לסוף טאַקע, אַ שטיקל בנין
באַװיזן, װי מיט אַ חופּה־דעקטוך באַהאַנגען, און אױפֿן
„דעקטוך“ — אַ שטאַנג װי אַ שטײענדיגע האָלאָבלע
מיט אַ בלױ־שײנענדיגן לאַמטערן, און פֿאָראױס דעם
„בנין“, װי נעבן אַן עסטראַדע, האָט ער אַרױסגעשטעלט
אַ הױכן טאַבערעט מיט אַ טאָפּליע. באַם צופֿוסן טאַבע־
רעט — אַ נידעריג און ברײט טישל. אױף דעם טישל
האָט ער אָנגעלעגט מינימװײז און סאָרטירט פֿאַרשײדענע
חפֿצים: לאַנגע סיגאַרן פֿון טשיקאַגע און קורצע סיגאַ־

רעטלאַך פון אַנטוועראָן, כינעזישע פּאַפּירענע קווייטן, בעלגישע מעסערלאַך און שערלאַך פּאַר גאָלד־מאַכער און פּאַר רימענט־שלייפער, פאַרשיידענע און ביליגע גאַלאַנטעריי־סחורות, פּלערליי פּלאַקאַטן, אַפילו פּראַ־וואָסלאַווע רוסישע איקאָנעס, לויט פּאַרצייטיגן נאָוואָ־גאָראָדער סטיל, ספרים איינגעבונדענע אין דיקע לעדערנע טאָוולען און גאָר נאַקעטע „שמות" און „פּאַפּוסעס" אַפילו אָהן שער־בלעטלאַך, כלימלאַך און קרינגעלאַך, ליימענע און פּאָרצעלייענע, גלאַטע און געמאָלטע עפּעס מיט מענשעלאַך, צינענע גראַמאָפאָן־טעלערלאַך און נאָך פיל זאַכן. ממש פון דער גאָרער וועלט און וואָס אַ מויל קאָן נאָר אַרויסזאָגן... און אַז ער איז שוין מיט אָט דעם אַלעם פאַרטיג געוואָרן לגמרי, און נאָכדעם עפּעס גלאַט ווי פון יוצא וועגן בלויז אויבנאויף אויף ס'ניי איבערגעטאַפּט און דורכגעלופטערט כמעט יעדן חפץ און יעדן ספר באַזונדער, האָט זיך אָט דער איד אַ באַרוהיגטער פון אויבן אויפן הויכן טאַבערעט אַרויפגעכאַפּט זיך און אין אַ לשון, וואָס קיינער ניט, חוץ אים, און קיינמאָל ניט ביז אים, האָט, רוכט זיך, אַזוינס ניט באַנוצט און אפשר ניט געהערט, און מיט אַ קוויטשנדיג קולעכל, זינגענדיג און ווייבעריש, גערופן צו זיך קונים, פאָכנדיג דערביי אין דער לופט, עפּעס ווי אויף אַלע פיר זייטן מיט אַ רויטער שמאַטקע:

— מיסטער, ליידעס עט רושענטעלמען!... סיל־וואר־פּליע... אַלעס האַבע איך!... קאַמאַן, פאַרדאָן!... און נאָך אַזוינע געמישטע און צונויפגעפלאָנטערטע אויסדריקן און פראַזן.

און דערווייל אינם משך פֿון אָט דער צייט, זינט מיר זיינען בּיידע געקומען אַהערצו, איז דער מאַרק שוין געוואָרן געפּאַקט און אָנגעפּילט מיט עולם. אַלע טיש־לאַך, וואָס זיינען דאָ געשטאַנען, און אַפילו די וואָג־שאָלן פֿון די פישערס און מילכיגערס, זיינען געווען בּאַלויכטן מיט איינע און די זעלבּיגע לאַמטערן־פייערלאַך. עפּעס ווי אַ נאַכטישע קאַטוילישע לויה האָט דאָ איצט דער אַמסטערדאַמער מאַרק אינם „אידן־פירטל“ אויסגעזעהן. און דער „פאַרבּאָרגענער איד“ האָט זיך נאָך שטאַרקער צעהיצט און נאָך מיט מער אימפּעט ווי פריהער צע־קוויטשעט זיך. פונם ערבּ־רבֿריגן און משונהדיגן לשון אַריבּערגעגאַנגען שוין אין אַ צעבּראָכענעם און צעקאַ־לעטשעטן האָלענדיש. אין הימל אַריין געלויבּט און בּאַזונגען ממש אַלע זיינע סחורה־אַרטיקלען בּכלל, אַז זיי זיינען די בּעסטע און די שענסטע אין דער וועלט און אַז נאָר ער אַליין פאַרמאָגט זיי און ווייטער קיינער ניט. בּפרט און דערהויפּט האָט ער געזאָגט שבחים וועגן זיינע עוואַנגעליומס, וואָס בּאַשיצן פֿון ים־שטורעמס און פֿון תהום־אומגליקן, און וועגן זיינע דינינקע און פלינקע שאַרפע מעסערלאַך פֿון קאַווקאַז, וואָס צעשניידן און צעפליקן אַפילו די דיקע שיפס־קאַנאַטן פֿון די זעגל־בּוימער, ווי שפּינוועבּס, און אויך וועגן זיין גאַלאַנטעריי, וואָס בּאַצויבּערט און ווירקט, ווי ליבּע־טראָפּנס און ווי וויראַך־געווירצן אַפילו אויף די אויסלענדישע פּרינ־צעסינס.

אָט אַזוי האָט ער עס גערעדט, אָט דער איד, און כּסדר איבּערגעחזרט עפּעס ווי מיט איין אָטעם: אָהן אַ

הפסקה. מער פון אַלע אַנדערע איז זיין טישל געווען אַרומגערינגלט מיט עולם, וואָס האָט זיך אַזוי נייגעריג צוגעהערט צו אָט די ווערטער; און אָנווייזנדיג איינער דעם אַנדערן, געחידושט זיך שמוצערנדיג מיט די ליפּן, פּונקט עפּעס ווי בעת די כינעזישע פּאָקוסניקעס באַווייזן קונציגע איינפאַלן מיט שווערדן און מיט שלאַנגען, מיט שפּיזן און מיט פייער. איך בין אויך בעת מעשה פּונקט ווי אַנדערע האַרט נעבן טישל געווען צוגערוקט און אָהן אַן אויפהער אין אָט דעם אירנס פּנים געקוקט: כמעט עפּעס גאָר אַ קינדעריש עופלדיג צורהלע, מיט רינינקע און פאַרביסענע ליפּעלאַך, פאַרריסן נעזועלע מיט ברייטע לעכער, איינגעפאַלענע בעקעלאַך, ווי צוויי איינגעשרומ־פּענע שטיקעלאַך געל פאַרמעט. פון וואַנען נעמט ער עס אָט דער פאַרשוין, רוכט זיך, אַזוי פיל כח צו קוויטשן און צו דרשענען?... — און אָט אין מיטן דערינגען כאַפּט ער, אָט דער איר, עפּעס אַ בוך אָהן טאָוולען און, ווי שליידערנדיג זיך התראָהדיג אויפן אַרומיגן עולם, וואָס שלינגט ממש זיינע ווערטער, טרייסלט ער עס מיט די בלעטלאַך און שרייט און פרעדיגט הייזעריג און מיט התלהבות:

— אָט האָט איר דאָס קאַלווין־בוך!... איר ווייסט אָבער, ווער קאַלווין איז געווען?... איר ווייסט גאָר נישט... בלינד זענט איר, טויב זענט איר... קאַלווין איז דאָך אונזער טאַטע געווען. קאַלווין איז עס אָט דער מענש, וואָס האָט אונז פון דער פינסטערניש און פון זינד אַרויסגעשלעפּט... קאַלווין האָט עס אונז דעם אמתן גאָט אַנטפּלעקט, פון אַלדאָס בייז און שלעכטס

אויסגעלייזט, און אויך דעם היילינגסטן פון גאָטס זין, יעזוס קריסטוסן, באַפרייט...

און עפּעס אומגעריכט פאַר זיך גופא קלעטער איך אַרויף אויף די שפּיץ פינגער פון די פיס כמעט צו זיינע אַקסלען, און קוים דערלאַנגענדיג רייס איך איבער בעת מעשה זיין פּרעדיגן, אָבער אַזוי שטיל, ווי אַיינרוימענדיג אַ סוד אויפן אויער:

— אַ גוטע וואָך, ר׳ איר! — זאָג איך צו אים שפּאָטנדיג. און מיר אַליין איז תיכּף געוואָרן עפּעס ניט היימליך פונם רושם, וואָס מיין בעצם אומשולדיג ווערטל האָט געמאַכט; אַנטשווינן געוואָרן איז אָט דער מאָדנער פּאַרשוין, ווי ער האָט נאָר פון מיר אָט די באַגריסונג דערהערט. עפּעס ווי פאַרגליווערט, געבליבן שטיין מיטן ניט איינגעבונדענעם קאַלווין־בוך אין דער האַנט, קוקנדיג אויף מיר פאַרוואונדערט און מיט אויסגעגלאָצטע און גרויע קעציישע אויגעלאַך פאַרן שיין פונם בלויען לאַמטערן. ציטערנדיג מיט דער אונטערשטער ליפּ, האָט ער זיך פאַרטראַכט, פונקט עפּעס ווי אַ פאַרברעכער און אַ נעלם, וואָס די נאָכיאָגער האָבן פּלוצלינג באַ דער האַנט געכאַפּט. דערשראָקן און פאַרשעמט, ווי דער־מאָנענדיג זיך אָן עפּעס, וואָס ער האָט שוין לאַנג פאַר־געסן, מיט אַ מחיצה, רוקט זיך, פונם מאַרק אָפּגע־טיילט זיך.

ממש אָבער נאָר אַ רגע טאַקע האָט עס באַ דעם אירן געדרויערט אָט אַזאַ צושטאַנד:

אַפּנים, גלייך באַשלאָסן אין די הענט אַריינצונעמען זיך, און ראָס קינדעריש און עופּלריג צורהלע זיינס איז

געוואָרן בייז און סומנע. מאַכנדיג זיך ווי תמעוואַטע, רופט ער זיך אָפּ צו מיר שטרייננ און נאָר עפּעס אין פראַנצויזיש:

— קעס־קע וואו וואוליי, מסיע?... זשע נע קאָמפּראַן פּאַ, קעס־קע וואו די, מאָן שער!... באָן סואַר, מסיע!...

עפּעס מאָרנע גדלותדיג און גיפטיג און, ווי זייענדיג צווישן די ציין יעדן אות, האָט ער אַרויסגערעדט אָט די עטליכע פראַנצויזישע ווערטער, דערביי צונויפגע־זשמורעט און צונויפגעברעמט די גרויע און קעציש ע אויגעלאַך זיינע, עפּעס ווי אָפּשאַצנדיג מיך פון אויבן אַראָפּ, און בטולדיג מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן. תיכף דעם קאָפּ אינם שטרוי־הוט אָפּגעקערט, און עפּעס אַזש אַן הנאה־שמייכעלע האָט זיך באַוויזן אויף זיין קליין און פּאַרמעט־צורהלע. די הנאה זיינע איז געווען, ווי מיר האָט זיך גערוכט, פון דעם, וואָס ער האָט אַזאַ אָנשטעל געמאַכט און לאָזט זיך ניט דערקענען אַזוי קונציג... אַן אַלטער און סוטולער, נאָר הויכער און קרעפּטיגער האָלענדער אין אַ קאַמזאָל מיט זילבערנע קנעפּ, מיט אַ צעמאַזאָליעט געזיכט און מיט אַן אָפּענער און טאַטואירטער ברוסט, וואו עס איז געווען אויסגע־מאָלט מיט בלויע פאַרב אַ טויב עפּעס מיט אַ לאַנגען עק, ווי באַ אַ פּאַווע, האָט אין אָט דער מינוט אָנגע־הויבן פריינטליך און חבריש אָט דעם אידן צוקלאַפּן איבער די פּלייצעס, אויסדריקנדיג דערביי זיין פאַרוואונ־דערונג און אַנטציקונג, וואָס אָט דער הויזירער איז אַזוי פלינק אין פרעמדע שפּראַכן, כאָטש מאַך אים פאַר אַ טאַלמאַטש איבער אַלע ימים אָדער פאַר אַ הויפּט־

קעלנער אין אַ פּאָרט־שיינק. און דער איד גופא עפּעס ווי אונטערגעשטיצט און אויפגעמונטערט פון אָט דער התקרבות, האָט נאָך מיט אַ שטאַרקערער התלהבות, איידער פריהער גענומען זיך אויסצורעכענען די גוטע מעלות פון זיין גאַנצן רומל סחורה. דערהויפּט די גרויסע שבחים טאַקע פונם געטליכן קאַלוויןֹ, וואָס האָט אונז אַלעמען גנאריג פון גרויסע פינסטערניש און זינ־דיגקייט אַרויסגעצויגן און איבערגעלאָזט אָט דעם בוך, — דעם הייליגן בוך, וואָס יעדערער מוז עס, דוכט זיך, האָבן בײַ זיך אין שטוב און נעבן טיש, פּונקט ווי נעצן און שטריק, העק און ציבוקעס אויף די פּאָליצעס...

אָט אַזוי האָט ער עס „געפּרעדיגט", אָט דער „נסתּר", שטייענדיג אויפן הויכן טאַבּערעט און אַרומגערינגלט מיט אַ פולקעפּיגן עולם. עס איז ניט געווען ממש וואו אַ פינגער אַריין צושטעקן. דער פּריון זיינער איז מיט יעדער רגע אַלץ מער געוואַקסן. הענט אָהן אַ צאָל האָבן זיך געצויגן צו אים. די חפצים פונם טישעלע זיינען געוואָרן שיטערער. עס איז אים געווען אַזש שווער צו קערן זיך. שוויים האָט פון אים גערונען. כּמעט יעדע רגע פלעגט ער אַראָפּרייסן דעם קאַפּעלוש פון זיך און מיט דער רויטער שמאַטקע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט אָדער מיטן אַרבּל פון העמדווישן זיין קאָפּ, וואָס איז געווען פּלאַטשיג, פליכיג און פאַרהאַר־טעוועט, ווי אַ פאַרטריקענטער שאַרבּן פון אַ געפּגרטן אָקס. און פאַר מיר איז ער עפּעס נאָך חידושדיגער און רעטענעשריגער געוואָרן. ווי שנעל עס ענדערן זיך זיינע באַוועגונגען, די מימיק און אַפילו דאָס פּנים גופא:

אָט זעהט ער עפּעס אויס צווישן דעם גרויסן און געפּאַקטן עולם פון ווייבער און פון מאַנסבּלען, פון אַלטע לייט און פון קינדער, פּונקט ווי פון דער מיטלאַלטער־צייט אַ קאַטוילישער נזיר, וואָס רייזט אַרום כּסדר אַלע זיינע יאָרן איבּער לענדער און איבּער מדינות, אַלס אַ שליח פונם רוימישן פּויפּסט מיט פאַרשיידענע קמיעות און יריעותלאַך צו אויסלייזן די וועלט און בּאַפרייען די מענשן פון זינד און פון עולות אויף איצט און אויף אייביג. עס שיטן זיך קלינגענדיגע מטבּעות איינע נאָך די אַנדערע. הענט שלאָגן איבּער הענט, קעפּ זיינען אָנגעהאַנגען אויף אַקסלען. מען שטופּט זיך. און דער איד רערפילט פּינקטליך יעדערנס בּקשה. עפּעס צניעותדיג און נאָטספּאָרכטיג דערלאַנגט ער אין יעדער אויסגעשטרעקטער האַנט אַ פּעקעלע צונויפגעבּונדרן און וואונשט, עפּעס ווי בּענשנדיג, יעדערן אַלדאָס גוטס אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט...

און אָט איז ער שוין מיד געוואָרן. קוויטשעט הייזע־ריג, עפּעס ווי מיט די לעצטע כּחות. כאַפּט זיך אָפּט פאַר דער בּרוסט און הוסט. נאָר ער שטעלט זיך ניט אָפּ. עס גייט דורך אַ שעה נאָך אַ שעה אָט אַזוי, און אָט איז שוין נאָך האַלבּער נאַכט. אייניגע לאַמ־טערנדלאַך לעשן זיך אויס. בּאַלד וועט מען זיך שוין פונאַנדערגיין. איך האָבּ אָנגעהויבּן אויספּרעגן און פונאַנדערפּרעגן:

„צי ווייסט מען ניט, צי קען מען ניט אָט דעם מענשן“?...

נאָר יערערער דריקט מיט די פּלייצעס:

„ווער ווייסט״?...

נאָר קיינעם גייט עס גאָר ניט אָן מיין שאלה...

און מיט אים, מיט אָט דעם אידן גופא, האָב איך שוין מער קיין שמועס ניט פאַרפירט: איך האָב דאָך שוין געזעהן נאָך פריהער פון אים, אַז ער וויל בלייבן פאַר־באָרגן און ער וועט זיך ניט לאָזן דערקענען. איך קוק זיך אַרום:

דער קיניג־פּאַלאַץ פון אָראַניען־דינאַסטיע, באַשיינט פון דער צאַרט־בלויליכער ליכטיגקייט, שטייט זיך פאַר־טראַכט און פאַרקלערט און קוקט עפּעס, ווי מיר דוכט, טרויעריג און פאַרדראָסיג אויפן טומלדיגן מאַרק, אויף די קויפער און פאַרקויפער, אויף די שטאַנגען מיט די קליינע לאַמטערנדלאַך. מיר ווייזט זיך אוים בעת מעשה אויף זיכער, אַז איך געפין זיך גאָר ניט בעצם אויפן אַמסטערדאַמער געטאָ־פּלאַץ, נאָר ערגעץ וואו אין אַ באַגדאַד אָדער אין דמשק נעבן אַ „חצר־המלך״, נאָך מיט פיל הונדערטער יאָרן צוריק, אין די צייטן פון די ערשטע אַראַבישע כאַליפן. אָט אַזוי האָט זיך דאָך געפירט אַמאָל און פאַרצייטן אין די מזרח־לענדער: קומט זיך צושלעפּן עפּעס אַ נע־ונדניק פון אַ פרעמדר לאַנד און פון אַ פרעמדער מדינה און ער האָט ניט וואו דעם פאַרוואָגלטן קאָפּ אָנצושפּאַרן, לאָזט ער זיך אַוועק מיט זיין וואַנדער־שטאָק און מיטן פּאַק אויף די פּלייצעס צום „חצר־המלך״. אויב ער געפינט לייט־

זעליגקייט און חן אין די אויגן פון די װעכטער און פון די אויפזעהר, װערט ער דאָ אַ גאַנצער בן־בית, װאָס דרייט זיך תּמיד אַרום...

...און נאָך אָט דער מאָרגנער און משונהדיגער נאַכט האָב איך שוין מער אָט דעם אויסטערלישן אירן אָט דאָ ניט געטראָפֿן. ערגעץ ניט. אויך ניט אין די װאָכעדיגע טעג און ניט אין די ערב־זונטאָגס. נעלם געװאָרן איז ער און אויף תּמיד. עפּעס װי אין אַ תּהום אַריין און קיינער, סיי אויפֿן מאַרק און סיי נעבן פּאַלאַץ, װייסט ניט און שטויסט זיך ניט אָן אַפילו, מחמת װאָס ער איז פֿאַרשװאונדן געװאָרן און װאוהין ער האָט זיך עס אָפּגעטראָגן. פּונקט װי קיינער װייסט דאָ ניט, צוליב װאָס, אַשטייגער, ער איז עס געקומען אַהערצו, פון װאַנען און װי אַזוי...

פּאַרוואָנלטע
(וואַרשע)

אין דער שטאָט וואַרשע אויפן פינפטן מעת־לעת פון דער ערשטער דייטשער באַלעגערונג. אין דעם נאָך סוכּות פונם יאָר 1914. גאָר „יחסנים“ גאַנצע זייַנען מיר: פאַרלאָזטע און פאַרעלנטע, פאַרשפּאַרטע און אַרומגערינגלטע, און די גאַנצע וועלט, דוכט זיך, קוקט אויף אונז און עפּעס מיט רעספּעקט. ראָך עפּעס אַזוינע טעג און אַזוינע נעכט, וואָס זייַנען שוין אָט פאַר אונז אין די אויגן אַזוי היימיש אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט אַרייַן און אַנידערגעזעצט זיך ראָרטן האַנט בײַ האַנט טאַקע מיט די גרעסטע חשובים פון פאַרצייַטן... ווי לאַנג אָבער און שווער עס ציהן זיך און שלעפּן זיך אָט די גרויס־יחוסדיגע טעג און די מאָרגנע נעכט פונם האַרמאַטן־דונערן און פונם צעפּעלינען־זשומען! און עס זיצט זיך עפּעס ניט אין שטוב, און עס גלוסט זיך עפּעס צונויפשמעלצן מיטן גאַנצן כּדור־הארץ און מיט דער וועלט, וואָס איז פּלוצלינג אין אַזאַ עת צרה אַרייַנגעפאַלן...

עס איז אַ נאָך סוכּותדיגער פריהמאָרגן. קאַלט און ציטערנדיג, צעטומלט און אָנגעשראָקן, האָב איך גע־

פּרובט אַרייַנקוקן צו „זיי", נאָר בייזע און שטעכעדיגע בליקן באַגעגנט און צו זיך „אַהיים" אומגעקערט...

און אין דער „היים"?...

וויסט און לער שטייט דאָ איצט אונזער „אידישע מלוכה". אַפילו אויף די נאַלעווקעס־טראָטואַרן קאָן מען זיך אומשפּאַנען רחבותדיג. גרוים און פאַר־אומערט, דערשלאָגן און פּונקט עפּעס ווי אין אַ ווינטער־דיגן און וואָכעדיגן טאָג אויף אַ זומערדיגן יום־טובדיגן שפּאַציר־אָרט.

עס רעגנט געדיכט, פעט, האַרטנאַקיג און רויכעדיג. אַ שנייידנדיגער ווינט, דרייענדיג זיך צעטומלט צווישן אָט דעם רעגן, שמייסט און יאָגט די הויכע אירן מיט די איינגעהויקערטע פּלייצעס, אין די לאַנגע און פאַרשלומ־פּערטע קאַפּאָטעס און אין די שמאָלינקע קאַשקעטלאַך, וואָס זעהען אויס, ווי די פאַרצייטיגע פּורים־שפּילערשע מיצלאַך, און לינן ווי טעלערלאַך אויף די שפּיץ־קעפּ. די לאַנגע בערד און פאות הייגנען ווי דורכגעווייקטע שמאַטעס אויף זייערע פּנימער, און מען לויפט און מען טראָגט זיך עפּעס אַזוי עלנדיג. איינער פונם אַנדערן אָפּגעזונדערט און אָפּגעטראָטן, ווי אַנטרונענע און אַרויסגעשפּיגענע, וואָס זוכן פאַר זיך אַ באַהעלטעניש. און אויף יעדן טריט קעלט און הונגער:

אָט האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער מיט פונם טראָטואַר אַ מענש שוין אין די מיטעלע יאָרן: עפּעס אַ דיק־שווערער, אַרומגעוואַקסן מיט אַ שוואַרצער און צעשויבערטער באָרד. אויפן קאָפּ — אַ האַרטער

קאַפּעלוש דורכגעלעכערט, ווי אַ זיפּ, און אויסגעקרימט. אויפן לייב — אַ זומערדיגע העלע מאַרינאַרקע, צע־ריסענע אוניפאָרם־הויזן מיט רויטע גענעראַלישע קאַנטן. עס זעהען זיך אַרויס שוואַרץ־האָריגע און פאַרליימיגטע קני. עפּעס אַ מאָרנע האָריגע ברוסט, וואָס איז, דוכט זיך, בכּיון אָנגעוויקלט אויף אים, ווי אַ חיה־פעלעכל. שוואַרץ־פאַרשמוצטע, אָנגעבראַקנטע און צעשפּאָלטענע הענט. ער האַלט צוגויפגעפרעסט עטליכע אויסגעע־רונענע פלוימען און קוקט טעמפּ מיט גרויסע און רויטע אויגן. פיס־פינגער, וואָס טאָרטשן אַרויס האַמעטנע פון צעריסענע זעמשן־שיך אָהן געזלאַך...

דער רעגן גיסט אַזוי געריכט און פעט. און אָט דער מענש, קלאַפּנדיג מיט די ציין און ציטערנדיג מיט די אַקסלען, ווי אַ חולה־נופל, קריכט, דוכט זיך, אַלץ טיפער און טיפער אין אים און אין זיין געריכטעניש... די דורכגייענדיגע פאַרביי שטעלן זיך אָפּ. זיי פאַרפירן מיט אים אַ מיטלייד־שמועס. אַ פרוי אַ בעל־הביתטע, וואָס טראָגט אַ שפּייז־רענצל, וואַרפט אים אַריין אין שויס אַ זעמל אָדער אַ שטיקל צוקער, וועלכע ווערן תּיכף צעווייקט און צערינען. ער אָבער ענטפערט קיינעם נישט. ווי אַן אָהן־פּיסינגער קאַליקע, וואָס פויזעט אום אויף די הענט און אויף קלעצלאַך, שאַרט ער זיך צו צו דער וואַנט און שפּאַרט זיך אָן מיטן קאָפּ פאָרזיכטיג, און כּדי, דוכט זיך, אָט די מתּנות ניט צו פאַרלירן פון די ציטערנדיגע הענט.

ווער איז ער עס, אָט דער מענש און פון וואַנען איז ער?

ווער ווייסט? עס דוכט זיך: אָט דער צעטומלטער ווינט מיטן געריכטן רעגן האָבן עס אים אַהערצו פֿאַרטריבן, און ער אַליין ווייסט אויך ניט, ווער ער איז און וואָס ער איז און פֿון וואַנען ער קומט און וואוהין ער גייט.

און גאָר פּלוצלינג פּאַסירט עס אָט דאָ אַזאַ געשיכטע:

אַ יונגע פֿרוי אין אַ ווינטערדיגן מאַנטל פֿון פּליוש, אויפֿן קאָפּ אַ ווייסער קיראַסירן־הוט מיט אַ לאַנגען שטרויס־פֿעדער באַם שטערן, אין טאַנגאָ־שיכלאַך, אָנגעפּילטע מיט בלאָטע. די פֿרוי איז אָקאָרשט פֿון אַ קלייטל אַרויסגעגאַנגען. זי שפּאַנט זיך אַזוי געלאַסן און פֿאַרטראַכט עפּעס ווי מיט בכיונדיגע לאַנגזאַמע טריט. זי האַלט אַ ביר־פֿלאַש אין דער האַנט. און גלייך נאָך איר, פֿונם זעלבן קלייטל, קייקלט זיך אַרויס האַסטיג און עפּעס ווי הינקענדיג אַ באַשעפֿעניש אין שמאַטעס איינגעוויקלט און מיט שטריקעלאַך איינגעבונדן און איינגעקניפּלט. אויפֿן קאָפּ אַ גנעל און האַרט שייטל, וואָס איז ווי פֿון האָר פֿון פֿערדישע עקן צונויפֿגעלעגט, אויף די פֿיס גרויסע און ברייטע מאַנסבילשע שטיוול מיט קאַליעוועס, וואָס שלעפּן זיך און פֿאַרהאַקן זיך און לאָזן ניט גיין. און אָט דאָס באַשעפֿעניש, סאַפּנדיג און הוסטנדיג, דעריאָגט אָט די יונגע פֿרוי און, אָנכאַפּנדיג זי פֿאַרן אַרבל פֿון הינטן, הייבט עס אָן צו שלעפּן די פֿלאַש פֿון דער פֿרויס הענט און קווייטשן:

— ווי האָט איר עס קיין בושה ניט, מאַדאַם?... אַנטלויפֿן גאָר מיט פֿרעמדער סחורה?... אָבער אַז איך קאָן ניט ביליגער!...

און די פרוי אינם פּליושן־מאַנטל און אינם קיראַסירן־הוט שווייגט: די ליפּן צונויפגעפּרעסט, איינע אויף דער אַנדערער פאַרבּיסן, דאָס פּנים בלייך און רינגענדיג־נאַס. און האַלטנדיג די ביר־פלאַש פעסט צו דער ברוסט צוגעדריקט און רייסנדיג זיך שטופּט זי אָפּ אָט דאָס באַשעפעניש און שטורכעט עס מיט די עלנ־בויגנס. און עס דערהערט זיך נאָך אַ שטאַרקער קוויטשעריי ווי פריהער, אַ יאָמער:

— ליבּע מענשן, האָט רחמנות!... גוואַאלד!...

און עס ווערט אַ אָנגעלאָף מיט אַ טומל, אַ געשריי און אַ געפּילדער און קרעמערינס אין גלאַנציג־פאַר־שמוצטע קאָפּטעלאַך און שייטלאַך ביז די אויגן־ברעמען, קרעמער אין אָפּגעשפּיליטע כאַלאַטן און קאַפּאָטעס און אַרויסגעשטעלטע טלית־קטנס ביז די קני קריכן אַרויס פון זייערע ביירעלאַך־קלייטלאַך און, איינהערנדיג זיך און האַלטנדיג די קעפּ אָן אַ זייט געגווינט און דעם רעכטן אויער מיט די שפּיץ־פינגער, כּדי דעם אמת צו דערגייין, רינגלען זיי אַרום, ווי מיט אַ קאַראַהאָד, אָט די „אויס־געפּוצטע פּריצה” און מאַרק־אידענע, וואָס ראַנגלען זיך דאָ אונטערן רעגנדיגן הימל פאַר אַ ביר־פלאַש, ווי פאַר אַ שותּפישע מציאה...

— קוקט זי נאָר אָן, די פיינע מאַראַם!... נאַפּט — דאָס איז דאָך גאָר אַזאַ „גרינגער” ביסן טאַקע היינטיגע צייטן... אויף מזומנע פיר גראָשן האָט זי מיך געוואָלט באַראַבעווען, אָט דער הורג־נפש... ווענדט זיך דאָס באַשעפעניש אין די שמאַטעס מיט פייפנדיגע קולות צום

אָנגעלאָפּענעם עולם, און עפּעס ווי צערייצט, נאָך מיט אַ גרעסערן אומפּעט ווי פריהער, טופּעט עס אין דער בלאָטע מיט די גרויסע און שווערע מאַנסבּילשע שטיוול, שפּריצט מיט שיטערער בלאָטע אויף אַלעמען און קנייפּט און ציפּט אָט די יונגע פרוי, וואָס שטייט און שווייגט און מיט דער פלאַש אין דער הייך, כּדי מען זאָל ניט קאָנען צוקומען, אַריבּערן קיראַסירן־הוט.

וואַ—אַ—בּל!... אָט האָט איר אַייערע פיר גראָשן און זאָל זיין געוואג שפיכת־דמים!... דערהערט זיך פּלוצ־לינג עפּעס אַ דין און קינדעריש שטימעלע, בּעת ראָס בּאַשעפּעניש אין די שטיוול, וואַרפנדיג זיך און שפּרינ־געגדיג און עפּעס ווי דראַפּנדיג זיך, אַזוי ווי אַ מאַלפּע אויף אַ בּוים, הויבּט עס שוין אָן צו רייסן אָנשטאָט דער פלאַש רעם ווייסן הוט מיטן שטרויס־פּעדער פון דער יונגער פרוי'ס קאָפּ... און אין אָט דער רגע טאַקע שאַרט זיך צו עפּעס אַ קליין אידעלע מיט גלאַטע, ניט בּאַוואַקסענע בּעקעלאַך, אַ שפּיציג, נאַס און גרוי בּער־דעלע, מיט אַ האָריגן פוטערנעם שטריימל און אַ אָפּער־נעם בּרייטן שטערן, אין אַ סאַמעטן זשיפּעצל און מיט רינינקע פיסעלאַך אין פּאַנטאָפל אַריינגעשטעלט. און טאַפּנדיג און ווי מזלדיג־בּאַשפּייענדיג עטליכע קופּערנע מטבּעות, ציילט ער אויס פּאָרזיכטיג אָט דער מאַרקד־אידענע אירע מזומנע פיר גראָשן, וואָס זי מאָנט מיט אַזאַ רגזה... וואַקלענדיג זיך און מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ שלעפּט זיך אַוועק ראָס בּאַשעפּעניש אין די שמאַ־טעס צו זיך אינם קלייטל אַריין, און די יונגע פרוי אינם פּליושן־מאַנטל און קיראַסירן־הוט לויפט אַריין

אין אַ טויער, האַלטנדיג צוגעדריקט צו דער ברוסט די ביר־פלאַש, און די קרעמער און די קרעמערינס צע־שפּרייטן זיך צוריק אין זייערע ביידלאַך און געוועלבלאַך. און ווי פריהער איז פינסטער, ווינטיג־קאַלט און געדיכט רעגנדיג. און אויך ווי פאַר אַט דער געשיכטע זיצט נאָך אַלץ דער ריק־שווערער און שוואַרצער איד אינם האַרטן און צעלעכערטן קאַפּעלוש אין דער מיט פונם טראָטואַר מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט אָנגעשפּאַרט און קראַצט זיך עפּעס ווי פונם שלאָף. ער האַלט פעסט און צונויפגעפּרעסט די גרבה־זעמל און די געשאָנקענע און אויסגערונענע פלוימען אינם נאַקעטן שויס...

— נו—נו, רבונו של עולם, דערלעבט... פאַן דער־לעבט...צאַטן פון „אָמר ר' יוחנן" !... טענעט און רעדט צו זיך אַליין אָט דאָס אַלט און קליין אידעלע אין דעם סאַמעטן זשיפּעצל און אינם פוטערנעם און האָריגן שטריימל, שאַרנדיג זיך מיט די רינינקע און פאַנטאָפּל־דיגע פיסעלאַך דורך דער בלאָטע, קרעכצנדיג שטיל און מיט אַ קינדעריש קולעכל.

און פונקט ווי אָט דעם זקן, רוכט זיך מיר אויך, אַז דאָס אַלץ, וואָס איך זעה מיט די אויגן און הער מיט די אויערן, געפינט זיך גאָרניט בעצם אינם גדר־המציאות פון אונזער צייט:

כראָניק־בילדער פון קדמונים האָבן עס דאָ אַ לע־בעדיגע געשטאַלט באַקומען!

און איך לאָז זיך גיין ווייטער און נאָך ווייטער. וואַנדערנדיג און שפּאַנענדיג אָט אַזוי איבער די אידישע

גאַסן און געסלאַך, ווי צווישן רואינען, פאַל איך אַריין, כמעט עפּעס ווי אומגעריכט פאַר זיך אַליין אין אַן אַכסניה פון „אַרויסגעטריבענע“.

...אויף אַ פינפטן שטאָק אַ לאַנגער און אַ שמאָלער קאָרידאָר, וואָס זעהט אויס עפּעס ווי אַן עזרת־נשים פון אַן אָרימען און אַ בעל־מלאָכהשן בית־המדרש. באַ די זייטן לאַנגע בענק אָהן פּאַרענטשעס. אויף אָט די בענק — פּעק און שמאַטעס, טלתים און זעק אָנגעפּילטע מיט שטרוי, און פרויען אין שייטלאַך און אָהן טיכלאַך אויף די קעפּ און מיט זויג־קינדער אויף די בריסט, אַלטע ווייבער אין טשיפּעקעס מיט טישטיכער איינגערעקט און מיט קרבן־מנחהס אין די הענט. און אין די ווינקעלאַך זיצן יונגע פּאָרלאַך אויף דער פּאָדלאָגע און שלינגען ברויט און הערינג מיט שאָלאַכץ. געאיילט און צעטומלט, פּונקט עפּעס ווי ערב פּסח די לעצטע חמצדיגע סעודה. און אין דער מיט פונם קאָרידאָר — עטליכע טישלאַך. נעבן די טישלאַך בחורימלאַך קרוע־ובלועדיגע, וואָס זעהען אויס עפּעס ווי פּירער און אונטערזיינגער פון בלינדע בעטלער. זיי שפּילן מיט אַ גמרא־ניגון אין „זעקס און זעכציג“ און אין „טוויזנט“. און דערביי שטולן נרבההדיגע און שטולן אַנטליענע: לאַנגשעזן און שוסטערשע קלעצעלאַך און שניידערשע טאַבערעטן און זיינער־מייסטערשע קאַסטנס. און אויף זיי שאָקלען און הוידן זיך אידן פון פאַרשיידענער עלטער. זיי קוקן אַריין אין ספרים, חידושן זיך און גלעטן אָנגע־בלאָזן צעפּאָטלטע בערד. צווישן די טישעלאַך און

אַרום די שטולן שפּרינגען און טאַנצן שוואַרצינקע אינגעלאַך אין שפּיצינקע יאַרמולקלאַך, לאַנגע קאַפּאָטקעלאַך און תּכלתדיגע ארבע־כּנפותלאַך, עופּהלאַך מיידעלאַך אין יופּעס פון דערוואַקסענע, צונויפגעלעגט אין אַ פאַלבאָם, די קעפּעלאַך פאַרדעקט, די העלזעלאַך מיט שמאַטקעלאַך אַרומגעוויקלט, און אינם אינעווייניג פון די אויערן שוואַרצע וואַטע, ווי פּאַקליע פון אַ קוימען. זיי אַלע אינאיינעם—די אינגלאַך און די מיידעלאַך זינגען „לכה־דודי״, „עשרה הרוגי־מלכות״ און „טשערוואָני שטאַנדאַרט״. אין אַ ווינקל נעבן אַ פענסטער, וואָס גייט אַרויס צו דער גאַס און צו דער שטאָט, שטייט אַן אַלטער איד, אַ הויכער און אַ גרויער, און מיט אַ גרויסן עמערדיגן קאָפּ, עפּעס אין אַן אונגאַריש קאַפּעלושל אויף אַ יאַרמולקע אַרויפגעשפּאַרט, אין אַ קורצער פּוילישער בעקעשע, אַ באָרוועסער — און ער פּאָרקעט זיך עפּעס אונטער דעם העמר מיט נאַסע שטיקלאַך געוואַנט און לייוונט, וואָס ער שלעפּט אַלע רגע אַרויס און טראָגט זיי אונטער האַרט צו די אויגן. און פּונקט אַנטקעגן אָט דעם זקן, אינם צווייטן ווינקל פונם קאָרידאָר, שטייט אַן אַלטע אידענע אין אַ טשיפּעק און מיט שפּאַקולן אויף דער נאָז, און האַלט די יופּע אירע אויפגעהויבן מיט פאַרשלומפּערטע ברעגעס און פאַרקאַשערט אַזוי הויך, אַז עס זעהען זיך אַרויס בלויאָדערדיגע און איינגעשרומפּענע שטיקער פון איר לייב. זי קרעכצט סקאַרבאָוונעדיג, איינטאָניג הוסטנדיג און תּחינהדיג און שטעכט דאָרטן מיט אַ נאָדל....

מיר רוכט: עפּעס אין אַ ציגײַנערשן טאַבאָר בײַ איך עס אַרײַנגעפאַלן.

און איך קוק זיך אײַן אין אַלעמענס פּנימער אַנגראָ: געל־פאַרמעטענע שטערנס, באַרעקטע מיט שוויים, ווי מיט ווילגאָטש, און זשערנע הונגעריגע בליקן, צונויפ־געצויגענע באַקן, דאַרע לאַנגע און גאָנעררינע העלזער מיט טאָרטשנדע בײַנרעלאַך, ווי אַ צונויפגעלעגטער גראָבער פינגער. און פון אַלע זײַטן טראָגט זיך אַ קרעכצערײַ, און עס פּויזעט אַ טעמפּער און אַ רגילותדיגער יאוש, פּונקט עפּעס פונם טאָג־טעגליכן וירדו־זאָגן אין אַ מושב־זקנים. און עס דריקט אַ שימל־גערויך פון אַ בעטלע־רישן חורבה־הקדש און פון ברויט־סקאָרינקעס אָנגע־זאַמלטע אין טאָרבעס און פון „פּאַפּיראָסן־עקלאַך" און פונם שטויב־נע־ונד... און קוקנדיג אָט אַזוי און אויף אַלעמען, וואָס ליגן און זיצן דאָ, דערזעה איך פּלוצלינג עפּעס גאָר אַ נײַ בילד:

אין אַ דריטן ווינקל פאַררוקט און מיט פּעקלאַך און זעק אַרומגעצוימט ליגט אַ יונגע פרוי מיטן פּנים צו דער סטעליע, אויף אַ בעט, אויך פון פּעקלאַך און זעק געמאַכט, אײַנגערעקט אין אַ ברוינעם, צעריסענעם סוחרישן וועג־בורנוס. זי קוקט אויפן אַרויף און שאָקלט מיט די ליפּן. זי פירט אָפּ אָנגעשראָקן עפּעס וואָס מיט די הענט יעדע רגע פונם פּנים און הוסט, סקריפּנדיג און וואַרגנדיג זיך, כמעט אָהן אַ הפסקה. און עטליכע טריט נעבן דעם געלעגער פון אָט דער פרוי שפּאַנט אום הין און צוריק אַ הויכער און אַ שלאַנקער יונגערמאַן, די הענט פאַרלעגט אויף הינטן און אין אַ לאַנגען סור־

דוט מיט אַ ווײַרן טיכל פֿאַרגאַרטלט, אַ ווײַס פּנים מיט אַ בלאָנדר בערדל און פּאות, אין אַ שוואַרצן און ווײכן קאַפּעלוש מיט ברייטע ברעגעס. אין מיטן דערינגען שטעלט ער זיך אָפּ עפּעס אויף אַ רגע, שפּאַרט זיך אָן נעבן דער וואַנט פֿון אָט דער פֿרוי צוקאָפּנס, תּיכּף אָבער פֿאַררעקט ער מיט די הענט צוריק דאָס פּנים, שפּאַנט ווידער הין און צוריק, אַלץ אויפֿן שטח פֿון אָט די עטליכע טריט, פּונקט עפּעס ווי ער וואָלט אויף זיך אַליין גוזר געווען פֿון אָט דעם „עיגול" ניט אַרויסצו־טרעטן, אומשפּאַנען אָט דאָ אַזוי לאַנג און כּסדר, ביז אָט די קראַנקע פֿרוי וועט זיך פֿונם קראַנקען בעט ניט אויפֿהויבן . . .

איך באַמערק אַפֿילו ניט, ווי אַ שעה גייט אַוועק און אַ שעה קומט: אַלץ און אַלע שטייען דאָך עפּעס אויסער דער צייט.

נאָר אָט איז שוין פֿאַר מעריב־צייט. טונקל. גע־ענדיגט זיך דער טאָג. דער רעגן צימבלט נאָך אַלץ, ווי פֿריִער, אין די שויבן פֿונם הקדש, פֿון דער גאַס רײַסט זיך אַרײַן אַהערצו דאָס פֿײַפֿן און רעווען פֿון די אַווטאָמאָבילן, דאָס רעשן פֿון די מאָטאָציקלעטן, דאָס אימהעריגע זשומען פֿון די צעפּעלינען און די אומעטיגע באַקלאָגנדיגע קלאַנגען פֿון די קאָסטיעל־גלאָקן. און אַלע, וואָס געפֿינען זיך דאָ, בויגן זיך צונויף, הויקערן זיך אײַן, צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, צעזועצן זיך שבעהדיג אויף דער ערד, שווייגנדיג מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, און איך טראַכט אַלץ וועגן איין זאַך:

ווער זיינען זיי עס, אַט די בּרואים, און וואָס טוען זיי עס דאָ?...

און איך דערהער, ווי עמיצער זאָגט:

— איר האָט זיך פאַרטראַכט, פּאַניע?... אַ פיינעם תכלית האָט די וועלט געמאַכט פונם מענשן, אַ?...

און איך הויבּ אויף די אויגן און דערזעה נעבּן זיך אַט דעם אַלטן און הויכן אידן, וואָס איז פריהער געשטאַנען אַ בּאָרוועסער אין דער פוילישער בּעקעשע, אינם אונגאַריש־קאַפּעלושל אויף דער יאַרמולקע אַרויפגעשפּאַרט, נעבּן אַ פענסטער און געלעגט נאַסע שמאַטקעס צום לייבּ און צו די אויגן.

צווישן אונז פאַרבּינדט זיך אַ שמועס.

עס רינגלען אונז אַרום ווייבּער און קינדער, יונגע בּחורים, אַלטע לייט, און אַלע שטעלן זיך אויס עפּעס נייגעריג, שוויגן און שאָקלען מיט די קעפּ און חידושן זיך עפּעס, אויף מיר קוקנדיג. דער הויכער און אַלטער פּאַיאַציש־געקליידעטער, בּאָרוועסער איד מיטן צעוואונדיגטן לייבּ דערציילט מיר פאַרשיידענע געשיכטעס אַזוי בּרייט, פאַרבּיג און מיט אַ ניגון: ער דערציילט מיר געשיכטעס וועגן זקנים און קימפּעטאָרינס און זויג־קינדער, וואָס זיינען אויסגעגאַנגען אָהן וידוי אין חוצן־שטאָטיגע גריבּער, וועגן הינט, וואָס זיינען אומגעלאָפן איבּער די נאָך סוכּותדיגע פעלדער מיט גלידער פון מענשליכע גופים צווישן די ציין, ווי מיט בּיינער צווישן יאַטקעס, געשיכטעס וועגן ניט אידישע מענשן, וואָס זיינען מיט שטעקנס און העק אַנטקעגן אַרויסגעגאַנגען, בּעת פאַרוואָגלטע האָבּן זיך בּאַ זיי געבּעטן איבּערנעכטיגן...

— עס, שוין אַן אַלטע מעשה!... — שלאָגט איבער שמייכלענדיק אין דער מיט עפּעס אַ קורץ מענטשל אין פֿויערשע לאַפּטיעס, אַ הינקענדיקס און בלינד אויף איין אויג מיט אַן עקרדיק געזיכט, אין אַ זאַק איינגעוויקלט און מיט אַ דיקן שטריק פֿאַרגאַרטלט. און דער גאַנצער עולם, געגעצנדיק און קראַצנדיק, גייט זיך פֿונאַנדער יעדער באַזונדער.

— „והוא רחום יכפּר עון"!... — שרייט פּלוצלינג אויס אָט דאָס איינאויגעדיק מענטשל מיטן עקרדיק געזיכט, שפּרינגענדיק אויף איין פֿוס מעשה תּקיף. אַלע פֿאָלגן אים, און מען דאַוונט מעריב בצבור מיט היץ און מיט קולות, און מען שטופּט זיך האַרמידערדיק און טומלדיק, און דער זקן בעל־יסורים פֿאַרלאָזט מיך אויך, אַפֿילו ניט געזעגנענדיק זיך מיט מיר. און איך בלייב אַליין און קאָן עפּעס בשום אופֿן ניט באַנעמען אָט די תּפֿילות און קולות:

ווען בעטן זיי עס און וועגן וואָס בעטן זיי עס?

און איך לאָז זיך לויפֿן פֿון דאַנען עפּעס ווי פֿון אַ הפקר־פּוסטקייט. און אָט בין איך שוין ווידער אין גאַס. עס רעגנט נאָך, פּונקט ווי אינם פֿריהמאָרגן. עס איז בלאָטע. אַוטאָמאָבילן מיט רויטע צלמים אויף די ווענטלאַך טראָגן זיך איבער די גאַסן. מאָטאָציקליעטן רעשן. באַוואָפֿנטע זעלנער פֿירן פּראָוויאַנט־וואָגנס, אָנגעלאָדן הכרעהדיק הויך און שילטן און זידלען זיך. דער צעטומלטער ווינט ווערט נאָך בייזער און שטעכעדיקער צו דער נאַכט, ציהט זיך עפּעס אַליין און שלעפּט אַלעמען צום נאָך סוכותדיקן הימל־חושך. פֿאָלקן

מאַרשירן איינע נאָך די אַנדערע שוויינגעריג און אָנגע־רונצלט איבער די בלאָטעס און שמוץ. עס שלעפּן זיך שטיל און פּאַוואָלינקע פורן מיט די צעדרוזגעטע ביינער פון די אייביגע קאַליקעס. די קאַזאַרמע־האָרנס טרוי־מייטערן. אין די קאָסטיעלס קלינגט מען. פּאקוט־ניקעס צלמען זיך. און אַלע רעיונות מיינע שטופּן זיך צונויף אין איין ווינקעלע און לאָזן ניט אָפּ; און איך טענה אויך ווי דער אַלטער בעל־יסורים:

— אָט ס'אַר אַ פיינעם תּכלית די וועלט האָט פונם מענטשן געמאַכט!

דער איד און דער הויף־דינער
(פוילן)

אינם צענטער פון דעם אידישן וואַרשע געפינט זיך אַט דאָס בילד, וואָס אַגב קיין טוריסט לאָזט עס, דוכט זיך, ניט דורך:

אין אַ קליין און אָרים געסעלע נעבן די נאַלעווקעס, צווישן די אידישע געטאָ־שטיבעלאַך, קלויזן און געוועלב־לאַך, האָט זיך עפּעס אַן אַלטער פּאַלאַץ פאַרוואַלגערט, אַ רעליקוויע־פּאַלאַץ. מען דערציילט אַ מעשה: אָט דער פּאַלאַץ האָט אַמאָל צו אַ מאַגנאַט געהערט. איז אָט דער מאַגנאַט נאָך גאָר יונגערהייט אומגעקומען אין דער לעצטער פּוילישער „פּאָווסטאַניע“ פונם יאָר 1863. די יורשים און פריינט האָבן עס באַשלאָסן: קיינער זאָל זיין פּלאַץ ניט באַזעצן, כּדי די טרויעריגע אַבילות זאָל זיך פון אים ניט אָפּטון, און דער אָנדיינק פון אָט דעם העלדישן מאַגנאַט זאָל ניט פאַרגעסן ווערן. שטייט ער אַזוי אָט דער פּאַלאַץ יאָרן נאָך יאָרן, איינזאַמיג און פאַרריגלט. עפּעס ווי אין פאַרצייטיגע זכרונות פאַרטיפט.

און אָט דאָס בילד, דערהויפּט לויט די דעטאַלן, איז ווירקליך עפּעס אַן אויסטערליש בילד: וואָס פאַר אַ

שייכות האָט, דוכט זיך, אָט דער שטאָלצער און פאַר־טראַכטער פּוילישער רעליקוויע־פּאַלאַץ פון אַ העלדישן און פאַרהייליגטן מאַגנאַט צו אָט די אַלע איבעריגע שכנישע בנינימלאַך און ביירלאַך?...

אַ גאַנצע, אַ לאַנגע שורה פון כּמעט חרובע און איינגעהויקערטע אידישע שטיבעלאַך, קלויזן און גע־וועלבלאַך מיט רעכער, וואָס האַלטן זיך אויף באַלקנס, צוגעשלאָגן צו דער ערד, און וואָס פאַרשטעלן אַזש די פענסטערלאַך. פּאהריגע אינגעלאַך אין סאַמעטענע קאַשקעטעלאַך און לאַנגע כאַלאַטלאַך, וואָס שפּילן אין ריטקעס און אָרלערס, קנעפּלאַך און ביינדלאַך פון אויבן אויף די רעכער, ווי אויף אַ פּאָרלאָגע, פון נאָך פּסח ביזן טיפן ווינטער, און ווינטער — אין שניי־מענ־שעלאַך און „ים־הקרחס״... און אין דער סאַמע מיט פונם געסעלע, צווישן צוויי פון אָט אַזוינע שטיבעלאַך — אַ געל־געפאַרבטער פּאַרקן. אָט דער פּאַרקאַן איז אויס־געשאַלעוועט פון ווערטיקאַל־שטייענדיגע שמאָלינקע ברעטעלאַך, ווי דראַניצעס, מיט אויסגעהובלטע צלמים נעבן די שפּיצן. ערטערווייז אויסגעמאָלטע איקאָנעס און פאַר־צייטיגע פּוילישע מלכים און מלכות אין קרוינען... אַריבער דעם פּאַרקן היינגען אַראָפּגענוויגט אַלטע און צעפּוילטע סאָסנעס, עפּעס ווי מיט די העלזער אָן די שפּיציגע ברעטעלאַך אָנגעשפּאַרט. אין איין גלייכן ראַנד אויסגעשטעלט, שטייען זיי אָט די סאָסנעס. עס דוכט זיך: לאַנגבערדיגע און סומנע זקנים...

לויטערע און דורכזיכטיגע וואַרשעווער פרילינג־נעכט. אויף די גאַסן שוועבט אום דער בלעזלאַכדיגער און רוי־

כינער פוך פון די בליהענדיגע צווייגן. אויף די אויסגעראַרטע און פליכיגע קעפּ פון אָט די אַלטע סאָסנעס באַזעצן זיך פאַרשיידענע פויגלאַך, וואָס מאַכן דאָ נעסטן נעבן דעם פאַראייניזאַמדיגן פּאַלאַץ. און דאָס געטאָ־געסעלע באַקומט דעמאָלט גאָר אַן אַנדער געשטאַלט: עס הילכט אַ פויגל־געזאַנג. עס וויעט מיט די ריחות פונם פרילינג־צאַפּלען און פונם פרילינג־ווינט. די אידישע בנינימלאַך באַקומען עפּעס אַן אויסזעהן בעת מעשה, ווי שומרים־בײדלאַך פונם מאַגנאַט־פּאַלאַץ... סיי זומער, סיי ווינטער און אַפילו אין די חשונדיגע טעג שפּירט זיך דאָ, אַגב, נעבן פּאַלאַץ עפּעס אַ מאָדנע השגחה און ריינקייט. פּשוט אַ שפּענדל און אַן אַראָפּגעפאַלן בלעטעלע אַפילו ניט צו געפינען: פּונקט עפּעס ווי אַ קלויסטער־הויף אין די וואָכעדיגע טעג.

אָט אַזוי איז עס נעבן פּאַלאַץ, דרויסן, צו דער גאַס.

און אינעווייניג — אויף דער אַנדער זייט פונם געלן פּאַרקן: אַ רחבותדיגער און אַ לאַנגער הויף. זומער ווערט דער גאַנצער הויף פאַרוואַנדלט כמעט אין אַ בלומען גאָרטן: פאַרשיידענע קאָלירינגע בייטן און בערגלאַך, גאַזאָנעס און קליינינקע אונטערגעשוירענע סכך־בוימעלאַך... אין דער מיט פונם גאָרטן — אַ פירקאַנטיג איינשטאָקיג וויס־געקאַלכט הויז מיט געשניצטע הויכע פיגורן און מיט סטאַטועס, וואָס שפּאַרן אונטער ווי קאָלאָנעס פון אַלע זייטן דעם קאַרניז פונם דאַך. אויפן קוימען אַ רויטער בלעכערנער האָן מיט לאַנגע פיס, ווי אַ בוטשאַן. האַרט נעבן הויז — אַ קליינינקער קאָסטיעל. עפּעס אַ שומר און עדות, ווי אַ קאַפּליצע,

אויף אַ מיטן וועג. נעבן קאָסטיעל אַ נאַקעטער און בלוטיג צעוואונדעטער קריסטוס מיט אַ ווייסן פאַרטוכל אויף דער שאַנד. חוצן הויז און קאָסטיעל, פאַרמאָגט ניט מער אָט דער הויף קיין בנינים. כּסדר גרינסן, פלאַנצן, טויטע פאַנטאַנען און גיפּס־בילדער אויף ביב־לישע טעמעס: דוד המלך צילעוועט זיך צו טרעפן מיט אַ שטיין אין גליותן, הגר מיט ישמעאלן אויף די פּלייצעס, שאול המלך אין טרויער און אַנדערע פון אָט דעם מין.

ווינטער זעהען אויס אָט די בנינים פּונקט עפּעס ווי טרוים־פּאַלאַצן אין חלום, בעת מען פאָרט דרעמלענדיג דורך אַ פאַרשנייטן וואַלד אין אַ לבנה־נאַכט... יעדער קאָנט באַזונדער פונם איינשטאָקיג ווייס־געקאַלכט הויז האָט זיך זיין אייגענע טיר און גאַניק מיט מאָזאַאישע שטיינערנע טרעפּלאַך. די טירן — שווערע דעמבענע — זיינען תּמיד פאַרשפּאַרט און פאַרריגלט. דער וועג צו זיי דראַפּעט זיך צווישן בוימער־און בייטן־שטענגלאַך... גרויסע גאָטישע פענסטער מיט מעשענע ראַמען. אין אַלע צייטן פון יאָר, סיי באַטאָג און סיי באַנאַכט, זיינען אָט די גרויסע גאָטישע פענסטער מיט גרוי־געווענטענע שטאָרן באַהאַנגען. קיינמאָל שיינט פון דעם הויז ניט אַרויס קיין שיין און קיין ליכטיגקייט. און אינם הויף גופא הערשט עפּעס אַ שטילקייט פון פוסטקייט און פון פאַרלאָזנקייט. אַ פאַרגליווערטע קאַלטקייט פּויזעט אום. זעלטן, זעלטן עמיצער זאָל דאָ אַריינגיין אָדער אַרויסגיין...

דער איין און איינציגער לעבעדיגער מענש, וואָס דרייט זיך דאָ אַרום, ווי אַ בן־בית, איז דער שומר פונם הויף: אַן אַלטער פּאָלאַק, אַ הויכער און ריק־שווערער מיט

פּיצינקע אויגעלאַך, מיט גרויע און מאַסיווע וואָנצעס, וואָס רערגרייכן אַזש די אויערן, און אַ לאַנגע צווייעקיגע באָרד אויפֿן אַלט פּויליש־פּריצישן שטייגער. פון נאָך סוכּות אָן זעהט מען אים כּמעט גאָרניט אָן, אַט דעם שומר, אין דרויסן. זומער אָבער טרעט ער פונם פּאַרקן ניט אָפּ. שטייט זיך איינזאַם און שווייגנדיג, די הענט אויף הינטער און קוקט עפּעס פאַרטראַכט אויפֿן הימל אָדער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, גריבלענדיג זיך אין אַ ווינקעלע, ווי פאַרשטעלט פון אַלעמען, פּונקט ווי אַ פּאַראָרימטער נשרף צווישן זיינע פאַרבּרענטע חפצים און אַש־בּערגעלאַך...

און אָט פּאַסירט, אַז פּלוצלינג פּוצט ער זיך עפּעס אויס, אָט דער שומר, אָנגעבּלאָזן און פראַנטיש: וויקלט אַרום דעם האַלז מיט אַ דיקן שוואַרץ־וואָלענעם טוך. אויפֿן קאָפּ שפּאַרט ער רעמאָלט אַרויף עפּעס אַ קליין און שמאָל אונגאַריש קאַפּעלושל מיט אַ לאַנגען פּאַווע־פעדער פון הינטן. אויף די פיס — לאַנגע יעגערשע שטיוול. אויפֿן גוף — אַ לאַנגען און שוואַרצן זשופּאַן מיט אַ זילבּערנער קייט און צלמימלאַך אויף דער בּרוסט. אין אָט אַזאַ טאָג בּאַקומט דער שומר עפּעס אַן אויסזעהן פון אַ תּקיפֿן דאָרפישן שליאַכטיטש, וואָס איז אין שטאָט אַריינגעקומען אויף אַ יריד אָדער אויף אַ יום־טוב צום קסיאָנדז... מיט די גאַסינגע תּושבים, אגב, רעדט ער כּמעט קיינמאָל אַ וואָרט ניט אויס: האַלט זיך גדלותדיג און פון דערווייטנס, עפּעס נאָך פּריצישער פון אַ פּריץ.

עפּעס מעשה בּיכלדיג: אָפּט דוכט זיך, אָט דאָס מאָרגע הויז איז עפּעס גאָר אַ פאַרצייטיגער שלאָס פון

סענקעוויטשעס אַן אומרוהיגן און קריגערישן „פּולקאָווניק“, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין פרעמדע לענדער און מדינות איבער וועגן און שטעגן — זיין העלדישקייט און גבורה ווייזן דער וועלט. דער „פּולקאָווניק“ איז שוין פון לאַנג אָן טויט, און זיין געטרייער רינער בּיינקענדיג נאָך אים, דרייט זיך אַרום טאָג ווי נאַכט נעבן „שלאָס“. בּיז דער לעצטער רגע וועט ער זיך עס אָט אַזוי אַרומ־דרייען, אויסקוקנדיג די אויגן נאָך זיין מוטיגן הערשער...

...אָט אַזוי האָט זיך עס געצויגן יאָרן נאָך יאָרן. גערוכט האָט זיך, אַז קיינמאָל וועט זיך אָט דאָס בּילד נאָרניט ענדערן: פעסט און איינגעפונדעוועט, פּונקט ווי דער טרויער פון אַן אַלטן בּית־עלמין.

און פּלוצלינג האָט זיך דאָ אַלץ ממש קאַפּויר איבער־געבּיטן:

ס'איז געווען אָקטאָבּער חורש פונם יאָר 1914. די דייטשע חילות האָבּן די שטאָט וואַרשע דאָס ערשטע מאָל און מיט אַזאַ אומפּעט בּאַלעגערט. אָט דאָס געטאָ־געסעלע, וואו דער מאַגנאַט־פּאַלאַץ געפינט זיך, איז דעמאָלט פּלוצלינג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הויפּט־פּונקט פאַר אַלע אַנטרונענע און אַרויסגעיאָגטע אידן פון דער גאַנצער געגנט. טאָג טעגליך, כּמעט דורכן מעת־לעת, פלעגן זיך ציהען און שלעפּן אין אָט דעם געסעלע אַריין פון די אַרומיגע שטעט און שטעטלאַך, דערפער און ישובים גאַנצע מחנות „גולים“ — פוסגייער און אויף פורן אָנגעוואָרפן, ווי ציגיינער, מיט שטובּיגע כּלים אָנגעלעגט, מיט ווייבער און מיט קינדער, וואָס

פלעגן שווייגנדיג און אָנגעשראָקן אַרומקוקן זיך און ציטערן, עפּעס ווי אַריינגנבענען זיך בשתיקה און פֿאַרזיכטיג אין די לעכער און שפּאַלטן פֿון די שטיבעלאַך און פֿון די קלויזן. דאָס קליינע געסעלע איז אין מיטן דערינען געפּאַקט געוואָרן מיט עולם. עס האָט באַקומען עפּעס אַן אויסזעהן פֿון אַ פּויליש־אידיש שטעטעלע אין אַ יריד־טאָג. און אָט דער טויטער פּאַלאַץ פֿונם מאַגנאַט האָט אויך עפּעס אומגעריכט אַ נייע הויט אויף זיך אַרויפגעצויגן: עס האָבן זיך באַוויזן, אַריינגייענדיג און אַרויסגייענדיג, פּריצים, יעגערש געקליידט, פּריצטעס אין זיידנס און סאַמעט אָנגעטאָן, מיט קרענצלאַך ווייסע פּערל אויף אַנטבלויזטע און פֿעטע העלזער, כּמעט ביז די בריסט, און אויף די בריסט לאַנגע לאָרנעטן, ווי גאָלדענע העמערלאַך. הינטישע קולות האָבן זיך דאָ גאָר פּלוצלינג דערהערט, דאָס האָרןטרומייטערן פֿון יעגער. פּונקט ווי נעבן די „ווינטערדירות“ פֿון דער מאַרשאַלקאָווסקע און פֿון דער יערוסאַלימסקע, פֿלעגן דאָ איצט שטיין נעבן דעם געלן פּאַרקן דראָזשקעס און לאַנדאָעס, מיט צוויי פֿערד געשפּאַנט, מיט שמייסערס און לאָקייען אויף דער קעלניע. און אַפילו דער סומנער שווייגנדיגער שומר האָט אויך עפּעס אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך זיין אייבינגן טרויער: אין אַ ווייסן פֿאַרטוך האָט ער זיך אויסגעפּוצט. גייט ער אַרום דרויסן, שמייכלט ער איצט עפּעס צופֿרידן און מונטער אין זיין צוויי־עקיגער לאַנגער באָרד, טאַנצט אונטער און פּייפֿט עפּעס, ווי אַ יונגער און פֿריילעכער הויף־דינער אין די קאָליאַרעסדיגע בעלער־טעג...

די יורשים פונם יונג־פאַרשטאָרבענעם מאַגנאַט, אַנט־לויפנדיק איצט פון זייערע בּרענענדיגע הויפן און גיטער, האָבּן זיך דערוויל אין אָט דעם פּוסטן „אבל־פּאַלאַץ" באַזעצט, און דעריבּער האָט ער עס אַזוי אויפגעלעבּט: גאַנצע נעכט ביזן באַגינען פלעגט איצט אָט דער הויף זיין באַלויכטן פון דרויסן און פון אינעווייניג. און דאָס געטאָ־געסעלע, פון אָט דער ליכטיגקייט באַשטראַלט, האָט באַקומען אַן אויסזעהן עפּעס פון אַן אַלטן „מאַיאָראַט": אין דער מיט — אַ פּאַלאַץ מיט פּריצים און מיט פּריצטעס, מיט הינט און מיט יעגערס, מיט פערד און מיט דינער, און אַרום — פיל פּויערשע שטיבּעלאַך און וואַנדערנדיגע אידן...

איך בּין אין אָט דער צייט געווען אַ שטענדיגער גאַסט אינם געסעלע: נאַכט אין נאַכט פלעג איך זיך פאַרקלייבּן וואוהין עס איז אין אַ שטיבּעלע אָדער אַ קלויז. ס'רוב בּיז אַ שטיק אין „חצות" אַריין, זיצן אַזוי און פונם אָרט ניט רירן זיך. צו די אידן־גולים פלעג איך עס גיין. די דאָרפס־הענדלער און בּעלי־מלאכות פון קוטנע און פון קאָזינעץ, פון סאָכאַטשאָוו און פון בּאָלימאָוו, קרוע־ובלועדיגע אין לאַנגע קאַפּאָטעס מיט שטריק פאַר־גאַרטלט, מיט לאַנגע אויסגעוועלגערטע בּערד, אויס־געשפּינטע פּאות, שמאָלינקע קאַשקעטלאַך אויף די קעפּ, אין אַ קליין טפח־אויף־טפח שטיבּעלע מיט אַ רויכערנדיג לעמפּעלע צו דער נידעריגער סטעליע צוגעבּונדן, — פלעגן אויסזעהן, זיצנדיג און ליגנדיג איינער נעבּן דעם אַנדערן, מיט די ווייבּער און מיט די קינדער אויף דער פּאָדלאָגע פונקט עפּעס ווי די פאַרצייטיגע „שבויים", וואָס

מען פלעגט משפחות־ווייז ווי פאַרקויפטע קנעכט אין קעלערס און היילן פאַרשפּאַרן. און אָט די „שבויים" פלעגן מיר מעשיות דערציילן. עפּעס גאָר פאַרצייטיגע מעשיות וועגן דער הפקרדיגקייט און ביליגקייט פון זייער בלוט און פאַרמעגן: מעשיות וועגן רוסישע קאַזאַקן, וואָס האָבן זייערע טעכטער און ווייבער געשענדט פאַר זיי אין די אויגן. מעשיות וועגן פּוילישע קסיאָנדזן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף אַלע וועגן נעבן קרעניצעס און ברונימער און ניט געלאָזט זיי אָנשעפּן אַביסל וואַסער צום טרינקען... עפּעס מאָרנע רוהיג פלעגן זיי עס דערציילן אָט די מעשיות: פּונקט עפּעס ווי לאַנדסלייט, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין דער פרעמד און שמועסן זיך דורך צווישן אַנאַנד, דערמאָנענדיג זיך אָן פאַרשיירענע היימישע געשיכטעס, אייגענע און פּנקסדיגע.

און אָט פאַסירט איינמאָל אַ נאַכט, אַז איך האָב זיך עפּעס פאַרזעסן נאָך שפּעטער ווי תּמיד אָט דאָ אין „אַ געפאַנגעניש־קעלער". שוין געווען אוראַי די צווייטע אַשמורה, בעת איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דאַנען. דער טאָג, אַגב, וואָס פאַר אָט דער נאַכט, איז געווען איינער פון די אומרוהיגסטע טעג אינם דעמאָלטיגן שטורעמדיגן חורש אין וואַרשע. פונם גרויען באַגינען אָן כּמעט ביז דער שקיעה כּסדר האָט דער הימל געזשומעט איבער די קעפּ: צעפּעלינען האָבן אומגעשוועבט, יאָגנדיג זיך איינע נאָך די אַנדערע, איבער דער שטאָט. און די נאַכט איז דוקא געווען עפּעס אַזאַ אַנגענעמענע: אַ ליכטיגע און אַ אויסגעשטערנטע. מונטער און פראָסטיג. דאָס איז, אַגב, געווען כּמעט די ערשטע ווינטער־נאַכט פונם יאָר,

באַלויכטן און באַדעקט מיט לבנה־שיין. די געוועזענע שמוציגע בלאָטעס האָבן זיך גיך אויסגעטריקנט און עפּעס כּהרף עין פאַרהאַרטעוועט. די גרויע ערד, ניט האָבנדיג נאָך קיין שניי אויף זיך פונם עברדיגן ווינטער אָן, האָט זיך געהאַלטן אונטער די פיס האַרט און שטייף, ווי אַ הרודע... לאַנגזאַם און פאַוואָלינקע בין איך געגאַנגען. דאָס געסעלע מיט די געוועלבעלאַך־ביירעלאַך האָט זיך געשלענגלט אין ווילבערנע שאָטנס. אַן איינגעהאַלטענע און פריש־פראָסטיגע שטילקייט. אין די שטיבעלאַך און אין די קלויזן — פינסטער. נעבן אַ וואַנט פון אַ קלויז איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט, שאָקלענדיג מיטן קאָפּ, אַן אַלטער סטאָיקאָווער מיט אַ לאַנגער פאַפּרוירענער באָרד און גערדרעמלט, האַלטנדיג אַן אַרבל אין אַן אַרבל. אָט דער אַלטער סטאָיקאָווער איז געווען געקליידט פונם קאָפּ ביז די פיס אין גרויען, און עפּעס ווי אַ גר — אַ וואַנדרערער, האָט ער דאָ אויסגעזעהן מיטן שווערד און רעוואָלווער באַ דער זייט, דרעמלענדיג ווי אַ פאַרבלאָנזשעטער נעבן אַן איינגעהויקערטער וואַנט פון אַ קלויז. און חוץ אָט דעם פאַרשלאָפענעם סטאָי־קאָווען, האָט זיך דאָ אינם דרויסן בעת מעשה ניט געשפּירט קיין הויך פון אַ לעבעדיגן נפש. אָנגעשראָקן פונם געוועזענעם טאָג, ציטערנדיג פאַר דער קומענדיגער נאַכט, האָט מען זיך מסתמא באַהאַלטן, וואו מען האָט נאָר געקאָנט. רוהיג און שטום. נאָר עפּעס אַ מין ערב־פאַרברעכן־שטומקייט: אָט „דאָרטן", אינגאַנצן אפשר צוויי מייל ווייט פון דאַנען, זיינען דאָך גאַנצע פעלקער מיט ביקסן און מיט שווערדן אויפן פרייען פעלד

אַרויסגעגאַנגען, אַלט און יונג — די הייזער און די נחלות, און די ווייבער און די קינדער פאַרלאָזן, זיי ראַנגלען זיך אין טייכן און אין וועלדער, אויף הויכע בערג און אין טיפע הײלן, אויסגלייכנדיג זייערע אַלטע פאַרפלאָנטערטע חשבונות... דאָ איז אָבער שטיל בית־עלמינדיג און טויט: דאָ געפינען זיך דאָך נאָר „געפאַנגענע"...

און פלוצלינג עפעס ווי עמיצער וואָלט אויף מיר פון הינטן אומגעריכט אָנגעפאַלן. איך האָב אַ ווילדן אויסגעשריי דערהערט: „או־אָ־אָ־אָ, ראַ־א־טעע־וועעעט!... ראַא־טעע־וועעעט"!... דאָס אויסגעשריי איז געווען אין אידיש און דאָס קול אַ שרעקליכס, אַ הייזעריגס און אַ שווערס, עפעס ווי דאָס רעווען פון אַ פאַרפענטעטן אָקס, אָקאָרשט נאָך דער שחיטה. עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד האָט זיך אין אָט דער פראָסטיגער און לבנהדיגער שטילקייט און שטומקייט איבערגעחזרט אָט דאָס אויסגעשריי מיטן רעווען. דאָס אין זיך פאַרטראַכטע און ליכטיג־לבנהדיגע געסעלע האָט, דוכט זיך, ווי אַ ציטער געטאָן פון אימה:

— ווער שרייט עס מיט אַזוינע באַנומענע גוואַלדן אין מיטן דער נאַכט אָט דאָ אין דער איינזאַמקייט?...
איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעהויבן עפעס ווי טאַפּן די לופט, זוכן מיט די אויגן. נאָר דאָס געסעלע איז פוסט און וויסט, ליכטיג און הרורעדיג, פונקט ווי פריהער, בעת איך בין פונם „שבויים"־קעלער אַרויסגעגאַנגען. מען זעהט גאָרנישט ניט און קיינעם ניט. אומרוהיג און צעטומלט האָב איך געטראַכט: „ווער ווייסט, וואָס אָט

דאָ, אפשר עטליכע טריט נעבן מיר, פּאַסירט איצט, אין אָט דער מינוט?... עס איז דאָך עפּעס אַזאַ צייט, וואָס האָט פון זיך אַלע „לאַון" אַראָפּגעוואָרפן... און תּיכּף האָט זיך ווידער אָט דאָס רעוועדיגע אויסגעשריי „ראַא־טעעוועעט" איבער מיין קאָפּ עפּעס ווי אַ כוואַליע דורכגעטראָגן. נאָר דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע מאָל. דאָס קול איז לגמרי פאַרשטומט געוואָרן. איך האָב זיך געלאָזט גיין ווייטער מיין וועג צווישן אָט די פאַרטרויערטע „שבעה־שטיבעלאַך" נעהענטער צו דער אַלט־שטאָט און צו די פּוילישע גאַסן. נאָר דורכגייענדיג פאַרביי דעם „טויטן פּאַלאַץ", וואָס איז אָט דאָ ניט לאַנג פלוצלינג „תּחית המתים" אויפגעשטאַנען, בין איך עפּעס אַזוי ווי פאַרשטוינט געבליבן שטיין פון דעם, וואָס איך האָב דערזעהן.

אַ משונה בילד:

דער טרויעריגער מאַגנאַט־הויף האָט זיך איצט אין אַ צאַרטער ליכטיגקייט געבאָרן: איבער דער גאַנצער דרויסנדיגער לייגג פונם געלן פּאַרקן און אויף די צווייגן פון די אַלטע סאָסנעס, שוואַרצע און טויטע פּאַנ־טאַנען, ווייסע גיפּסענע סטאַטועס און אויף די אויס־געשניצטע פיגורן זיינען געהאַנגען אויף דרעטעלאַך קליי־לעכדיגע פּאַפּירענע לאַמטערנדלאַך, מיט געמעלן פון יאַפּאַנישע און כינעזישע פּייזאַזשן, וואָס האָבן שעמערירט מיט קאָלירנדיגע פייערלאַך. פונם פּאַלאַץ האָבן זיך געהערט מוזיק און געזאַנג. עפּעס גלעקעלאַך האָבן הילכיג געקלונגען, טאַצן האָבן געפּויקט. אויפן סאַמע שפּיץ טויער האָט אַ פאָן געפלאַטערט, און אויפן

טראָטואַר, האַרט נעבן דעם שיינענדיגן פּאַרקן, האָבן זיך צוויי פֿאַרשוינען געראַנגלט: אונטן איז געלעגן אויף דער ערד אַ ברייטע און שוואַרץ־פֿאַרגליווערטע שווערע משא, און פֿון אויבן — אויף אָט דער משא — אַ לאַנגע און דיקע פֿיגור מיטן גאַנצן קערפּער אַרויפֿגעוואָרפֿן עפּעס ווי אַן איינגעפֿאַלענער בוים. ביידע שווייגן. עס הערט זיך נאָר, ווי זיי עטעמען שווער, פּונקט עפּעס ווי מען וואָלט דאָ דערביי דיקע באַלקנס מיט אַ שפּאַן־זעג געזעגט...

נאָר איידער איך האָב נאָך דערוויזן גאָר נאָהענט צו צוטרעטן צו זיי, האָט פּלוצלינג אָט די לאַנגע און דיקע פֿיגור, וואָס איז אויבן געלעגן, דעם קאָפּ אויפֿגעהויבן. טיף און שטרייננג, עפּעס התראָהדיג, אין מיר איינגע־קוקט זיך מיט גרויע און שטאָלענע אויגן, ווי ער וואָלט געהאַט ברעה מיך אויך צו נעמען אונטער זיך, און האַסטיג פֿון דער ברייטער און שוואַרץ־פֿאַרגליווערטער משא אַראָפּגעשפּרונגען. איך האָב גלייך דערזעהן און דערקענט: דאָס איז דאָך דער סומנע־שווייגנדיגער שומר פֿונם מאַגנאַט־הויז...

און אָט דער „שומר“ האָט עפּעס אַ ברום געטאָן צו זיך גופֿאָ, ווי אַ געפֿאַנגענע חיה־רעה אינם שטייגל, און אויסגעשריען מיטן גאַנצן כּח: „עעע... פּשאַאַאַקרעעעוו“ — גיפֿטיג אויסגעשפּיגן זיך און פֿלינק נעלם געוואָרן דורכן פּאַרקן־טויער, וואָס ער האָט גלייך רעשדיג, קלינגענדיג מיט שליסלען, פֿאַרשלאָסן.

און ווי נאָר דער שומר פֿונם הויף איז פֿאַרשוואונדן, האָט זיך די שווערע משא, וואָס איז אָקאָרשט אונטן

פאַרגליווערט געלעגן, אָנגעהויבן סאַפּנדיג און הוסטנדיג, פּאַוואָלינקע און קרעכצנדיג צו רירן זיך פונם טראָ־טואַר. פּונקט עפּעס, ווי אַ חולה אויף אַ קראַנקען בעט, איבערגעקערט זיך ווייטאָגדיג פון איין זייט אויף דער צווייטער. לאַנגזאַם, און האַלטנדיג זיך פאַרן האַרצן, האָט אָט די משא עפּעס ווי יעדער אבר באַזונדער אויפגעהויבן. אין עטליכע רגעם אַרום האָב איך דער־זעהן אַ לעבעדיגן און גאַנצן מענשן, שטייענדיג אויף די פיס: אַ דיקער און נידעריגער, קיילעכדיגער און פעסט־געבויטער בעל־הביתישער איד מיט אַ שוואַרץ־גרויליכער, קורצער און ברייטער באָרד, פולע באַקן און פעט־פליישיגע ליפּן. בכלל האָט דער איד פאַרמאָגט עפּעס אַ רבניש אויסזעהן: אויפן קאָפּ, כמעט אַריבער די אויגן, אַראָפּגערוקט אַ ברוין־פּליושענער קאַפּעלוש מיט ברייטע ברעגעס און הויך־שפּיציג, ווי אַ חסידיש שטריימל. אויפן געזונטן און בייכיגן גוף — אַ לאַנגער שוואַרץ־לוסטרינענער מלבוש. די פיס — אין פאַנטאָפל און אין ווייסע וואָלענע זאָקן... אויפגעשטעלט זיך צעטומלט און רערשראָקן און רייבנדיג די אויגן, פּונקט ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, אויף אַלע זייטן אַרומגעקוקט זיך.

איך האָב אים אַ האַרציגן און טרייסטנדיגן „גוטן־אָוונט" געזאָגט — נאָר אָט דער איד האָט מיר אַפילו ניט געענטפערט. עפּעס ווי אויסמיידנדיג מיך בכיון, האָט ער זיך געלאָזט לויפן דורך דער ברייט פונם געסעלע צום אַנטקעגנדיגן טראָטואַר. ער איז געלאָפן, האַלטנדיג די פּאָלעס פונם לוסטרינענעם מלבוש אין די

הענט, אַזוי האַסטיג, אַז דער ברוין־פּליושענער קאַ־
פּעלוש איז עטליכע מאָל אַראָפּגעפּאַלן פון זיין קאָפּ:
פּונקט עפּעס, ווי אַ מחנה הינט וואָלטן אים געיאָגט
און געצופּט פון הינטן... און אָט האָט ער זיך אין אַ
לאָך פון אַ קלויז אַריינגעשטופּט און פאַרשוואונדן גע־
וואָרן, ניט ווענדנדיק כאָטש אויף אַ רגע דאָס פּנים
צוריק צום געסל... איינזאַמדיק בין איך דאָ געבליבן
שטיין, מחשבות האָבן זיך געפּלאָנטערט אינם קאָפּ:
„וואָס האָט עס דאָ פּאַסירט?... ווער איז ער עס אָט
דער איד?... זיינען פריהער, הייסט עס, די רעווערינגע
קולות געווען זיינע?... וואָס האָט עס פון אים געוואָלט
אָט דער שומר, וואָס פירט זיך תמיד, דוכט זיך, אַזוי
לייטיש און פריציש״?... — און דאָ אַרום: אַ ליכטיגע
לבנה־נאַכט. קלויזן. חורבות־ביידלאַך. אַ פריצישער פּאַ־
לאַץ. שיינענדיגע בוימער. מוזיק און געזאַנג.

איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם געלן פּאַרקן, וואָס
האָט זיך געטוקט אין די פייערלאַך פון די קאָלירטע
לאַמטערנדלאַך מיט די געמעלן פון יאַפּאַנישע און
כינעזישע פּייזאַזשן. נייגעריג האָב איך געקוקט דורך
די שפּאַרונעס און אויסגעהובעלטע צלמים צו דעם, וואָס
קומט פאָר דאָרטן אינעם אינעווייניג פונם פּאַלאַץ. גרוי־
געוועגטענע שטאָרן פון די גאָטישע פענסטער זיינען
אין אָט דעם מאָמענט געווען אויפגעהויבן. דורך די
גרויסע און געשלייפטע שויבן האָט זיך געזעהן, ווי
פרויען און מענער, מיט בלומען־בוקעטן אין די הענט,
עפּעס ווי ניט רירנדיג מיט קיין אבר, טאַנצן געלאַסן
אין אַ לאַנגען און ליכטיגן זאַל מיט פיל בילדער און מיט

זילבערנע לוסטרעס. און אויפן הויף צווישן די בוימער האָבן עלטערע פּריצים, מיט לאַנגע און הויכע הינט בײַ די זײַטן און יענערש געקליידט, אומגעשפּאַצירט אַהין און צוריק, מיט לאַנגע טערקישע ציבוקעס אין די מײַלער, שטיל און סורותדיג און, ווי ישובנדיג זיך וועגן עפּעס, געשמועסט צווישן זיך... און כמעט בײַ יעדער סטאַטוע איז געשטאַנען, ווי אָנגעלענט עפּעס, אַ בײַ־יאָרנטע דאַמע מיט אַן אַווטאָמאָבילן־פּוטער אויף די אַקסלען און מיט אַ לאָרנעט אויף די אויגן, און נעבן איר אַ יונגער קסיאָנדז אין אַ זײַדענער סוטאַנע מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו הימל, און עפּעס ווי קניענדיג. אָט אַזוי האָט עס דאָ אויסגעזעהן בעת מעשה: ערנסט און יום־טובדיג. עס האָט זיך גערוכט: דער אַלטער בעל־הבית, דער יונגער און דער העלדישער מאַגנאַט, האָט זיך עס פּלוצלינג צוריק אַהיים פון זײַן נע־ונד אומגעקערט אַ לעבעדיגער און אַ געזונטער און גע־פינענדיג זײַן פּאַלאַץ מיטן גאַנצן האָב און גוטס ניט גערירט און ניט פאַרענדערט, האָט ער עס פאַר זײַנע קרובים און פרײַנט אַ גרויסן מאַלצײַט געמאַכט...

אַ היפּשע ווײַלע בין איך עס אָט אַזוי געשטאַנען און געקוקט פון דערווײַטנס. און פּלוצלינג האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט דער סוד פונם מאָרגנעם צוזאַמענ־שטויס, וואָס איך האָב דאָ מיט עטליכע מינוט פריהער באַגעגנט: דער אָנפאַל פונם אַלטן פּאַלאַץ־שומר אויף אָט דעם אירן מיטן רבנישן אויסזעהן אין מיטן דער נאַכט, בעת אַרום און נעבן איז קיין „ילוד אשה" ניטאָ, האָט

מיר אויסגעזוען בעת מעשה אַזוי פּשוט. דאָס איז דאָך שוין אַן אַלטע געשיכטע און אַן איינפאַכע נאָך פון קרמונים: פּ ר י צ י ם מאַכן זיך עס לוסטיג, און כדי די דינער זאָלן זיך אויך ניט פילן אומעטיג, שיקט מען זיי אַרויס אין די גאַסן כאַפּן וואו עס איז אַ קאַפּאָטע־אידן מיט אַ שטריימל און פּאות, רייצן זיך מיט אים און וואַרגן... אָט דאָס מאַגנאַט־הויז זעהט שוין מסתמא ניט דאָס ערשטע מאָל אַזאַ בילד. און אפשר טאַקע מחמת דעם האָט עס אָט דער איד אויך קיין לאַנגע מחזוקות ניט געמאַכט. דערשראָקן זיך בלויז, און ווי נאָר מען האָט אים אָפּגעלאָזט, אַנטלאָפן אָהן טענות: אַ געניטער איד...

איך האָב זיך געלאָזט גיין ווייטער. די פיס אָבער האָבן זיך עפּעס קוים געשלעפּט: אָן דאָרטן, אפשר צוויי מייל פון דאַנען, — זאָגט מען — שאַפט זיך עפּעס אַ שפּאָגל נייע געשיכטע. דאָס בילד אָבער פון אָט דעם „צוואַמענשטויס" אינם געטאָ־געסעלע נעבן דעם מאַג־נאַט־הויז שטייט פאַר די אויגן און פאַרצוימט דעם וועג און ציהט צוריק...

II

ווענן

דער אידישער שריפטשטעלער
(קהל-צענזור)

עס איז אַ פאַקט: אַפילו אין דער פאַרשאָלטענער צרהדיגער רוסישער געשיכטע, וואָס איז, זינט מיר קענען און ווייסן זי, איבּער די בּרעגעס מיט יסורים און פּיין אָנגעזאַפּט, איז, דוכט זיך, אויך קיינער ניט אויסגעשטאַנען אַזוי פיל, ווי דער אומגליקליכער און געפּלאָגטער רוסישער שריפטשטעלער; קאָן מען זיך רעדן, בּאמת, נאָר פאָרשטעלן, אַפילו נאָך אַ האַרבּערע קללה און שטראָף, ווי אומצובּלאָנקען אַלע יאָרן אויף דער לעבּעדיגער וועלט, אַזוי, דוכט זיך, ווי אַלע מענשן, געזונט און פריש אויף אַלע חושים, נאָר מיט אַן אויסגעשניטענער צונג?... אָט אַזוי אָבּער האָט דאָך דער רוסישער שריפטשטעלער טאַקע דורות־ווייז זיין וועלטל אָפּגעשטופּט... ממש די האָר שטעלן זיך קאַפּויר, בּעת מען לאָזט עס נאָר אויפן זינען אַרויף. אָט, למשל, דערציילט מען וועגן דעם בּאַוואוסטן רוסישן געלערנטן טשערנישעווסקין: אַ פאַרטריבּענער אין סיבּיר, פלעגט ער זיך פאַרשפאַרן בּחדרי־חדרים, עפּעס ווי אַ מאַכער פון פאַלשע מטבּעות אונטער זיבּן שלעסער, כּדי צו פאַרצייכענען אויף אַ גריפל־טאָוול די טייערסטע

און די ליבסטע געראַנקען זיינע, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל מיה און בלוט אויסגעהאָרעוועט, און תיכף, בעת זיי פלעגן זיך נאָך לעבעריגערהייט צאַפּלען און וואַרפן, אַכזריותדיג אויסמעקן, מורא האָבנדיג, אַז אַ פּרעמד אויג זאָל זיך, חס ושלום, אָן זיי פלוצלינג ניט אָנשטויסן... — טאַקע נאָר משער צו זיין: פיל צענדליגער יאָרן פון עפנטליכן „קינדער־מאָרד", וואָס האָט אפשר ניט זיין גלייכן אין דער קולטורעלער וועלט־כראָניק פון דער נייער צייט. אָן אימה, אַ?..

און דאָך קאָן מען אַפילו עס ניט פאַרגלייכן מיט דער לאַגע פונם אירישן שריפטשטעלער — אָהן אונטער־שייר פון לאַנר און שפּראַך — אויב ער האָט נאָר בּרעה אָהן זייטיגע כּונות און אָהן צביעות עפּעס וועגן אירן זאָגן. בּאמת, דער רוסישער שריפטשטעלער האָט טאַקע קיינמאָל ניט געטאָרט עפענען אַ מויל צום פאָלק, ער האָט אויך געמוזט זיין טויב און שטום בּנוגע צו די חסרונות פון די, וואָס האָבן געוועלטיגט און געוועל־טיגן איבער דעם פאָלק. ער האָט דאָך אָבער כאָטש דאָס רעכט געהאַט ניט צו פאַרשווייגן אין פיל פּרטים— זאָל זיין נאָר שטאַמלענדיג — זיין מיינונג, ווי שטריינג און בּאַשולדיגנדיג זי זאָל ניט זיין, וועגן דעם פאָלק גופא. דער רוסישער שריפטשטעלער האָט תּמיד געקאָנט אויספאָרשן און אויפדעקן די פאָלקס־חסרונות, וואָס אַגב — און דאָס מוז מען מודה זיין — גאַנץ אָפט זיינען זיי א י י ג ע נ ע כּשרע קינדער און ניט עפּעס אָנגעלעבּטע ממזרים פון די אונטערדריקער און הער־שער, — אָנרופן אָט די חסרונות מיט זייער פּאַסיגן

נאָמען און זיין דערבײַ לגמרי זיכער, אַז דאָס פאָלק גופא וועט אים אויך ניט מאַכן פאַר אַ „לא יבוא בקהל“, מחמת אָט דעם „חטא“. אָט האָט דעם רוסישן שריפטשטעלער מאַקסים גאָרקין, למשל, קיינער ניט געשפּיגן אין פּנים אַריין דערפאַר, וואָס ער האָט געזאָגט אַלעמען אין די אויגן, אַז אין דעם, וואָס די רוסישע נשמה ציהט אַזוי שטאַרק צו אַזיע און צו דער אַזיאַטישער קרימינעלער העלדישקייט און פוילקייט, איז אפשר „גאָט“ ניט ווינציגער שולדיג, איידער דער „קיסר“: אַ גע־בוירענער מום... אַגב דער רוסישער שריפטשטעלער האָט פון אייביג אָן פאַרמאָגט נאָך אַ היילונג צו זיינע וואונדן: אַז דער וויטאָג פון שטימקייט פלעגט שוין ווערן לגמרי ניט צו דערלייַדן טאַקע, האָט ער כאָטש געהאַט די טרייסטנדיגע האָפענונג, פּונקט ווי אידישע פאַרצייטיגע אַנוסים, אין אַ פרייער מדינה אַנטרונען צו ווערן און אָט דאָרטן אַ מענשליכן לשון צו באַקומען. און ווי נאָר ער האָט זיך אַריבערגעכאַפּט בשלום אין אָט דעם אַנטרינונגס־אָרט, האָט ער זיך שוין געשפּירט לגמרי פריי און ריידעוודיג. אויף אים איז ניט געלעגן דער שווערער יאָך פון דריקן און שטיקן אין זיך אינע־ווייניג די „סודות“ פונם פאָטערלאַנד, כּדי איינצוהיטן זיי פון פרעמדע אויערן... אָט אַזוי איז עס אין רוסלאַנד געווען, און גאָר פאַרצייטן אויך בײַ אַנ־דערע פעלקער.

אָבער דער אידישער שריפטשטעלער?

פאַר אים איז פאַקטיש ניטאָ קיין שום היילונג און טרייסט, און פּונקט עפּעס ווי דער אור־אַלטער קין,

קאָן ער ערגעץ ניט געפינען פאַר זיך קיין מקום־מנוחה. ער זעהט, למשל, באַשיימפּערליך, אַז דער גוף פון זיין פאָלק ווערט — און ניט תּמיד נאָר פון די שונאימס קלעפּ — מיט ווילד פלייש באַוואַקסן, און אַז דאָס ווילד־פלייש איז ממש אַ סכּנה פאַר דעם אידישן פאָלק גופא און אַן אָנשטעקנדיגע מגפה פאַר אַנדערע. פאַר דעם אידישן שריפטשטעלער איז אויך גאַנץ אָפּט קלאָר, ווי דער טאָג, אַז צו אָט דער אינעווייניגסטער געפער־ליכער מחלה מוז מען, סוף כּל סוף, עפּעס אַ תּרופה אויפזוכן, און אַז אַזוינע זאַכן פאַרשווייגט מען ניט בכלל. און דאָך טאָר ער ניט וועגן דעם אַפילו אַ פּיפּס טון: איידער ער עפנט נאָך אויף דאָס מויל עפּעס אַ וואָרט צו זאָגן, באַדאַרף ער שוין זיין גרייט דערצו, אַז דער אָנגעשראָקענער, צעטומלטער און ווייבעריש־קראַמפּנדיגער אידישער קהל, וואָס זעהט, בעצם, תּמיד — סיי אין חלום און סיי אויפן וואָר — נאָר איין איינציגע געשטאַלט פאַר די אויגן — די געשטאַלט פונם „צורר היהודים" — וועט אים שוין אויף דור דורות ניט שיינקען אַזאַ סאָרט פאַרברעכן, ווי אויס־זאָגן אַזוינע „שטובינגע סודות", וואָס קאָנען נאָך מאַכן אַ רושם אויף דער וועלט, אַז אידן זיינען גאָרניט די שענסטע און בעסטע באַשעפעניש׳ן צווישן אַלע איבע־ריגע גאָטס ברואים...

און אָט אַזוי איז דאָך עס טאַקע: דער אידישער שריפטשטעלער געפינט זיך תּמיד עפּעס ווי אַ „שמר־יונג" אונטער דער שטרייננגער השגחה פון קהל און זיינע פּרנסים, און די בייזע שעה זאָל ניט זיין — זאָל

אים נאָר אויף אַ רגע איינפאַלן אַזאַ ווילדע דעה אין קאָפּ, ווי צו דערציילן עפּעס אַזוינס, וואָס שטימט ניט דורכאויס מיט דעם, ווי קהל טראַכט און פירט זיך, און תּיכּף ומיד וועט מען אים דערפאַר אין גאַנץ תּפוצות־ישראל — הגם ער אַליין מעג זיך לעבן הינטער אַלע הרי חושך — פאַרצייכענען אינם שוואַרצן פּנקס, כמעט צווישן די מוסרים־פאַמיליעס. אָט, אַשטייגער, וויפיל פעך און שוועבל האָט מען דאָס אויסגעגאָסן צווישן די רוסלענדישע אידן אויף דעם אומשולדיגן פּיצינקען סעמיאָן יושקעוויטשן ניט דערפאַר, ווייל ער איז בכלל אַ קליינער קינסטלער און קריכט אַהין, וואו עס איז ניט זיין אָרט, נאָר מחמת דעם אַליין, וואָס ער האָט זיך דערוועגט צו זאָגן אין אַ מסיבה פון „פּרעמרע", אַז די נשמות פון די אידישע סוחרים און וואָיאַזשאָרן און אויך די נשמות פון זייערע ווייבער און קינדער און גאַנצן באַשאַף זיינען ניט כסדר פון בלויז כּשרע זיידנס געשפּונען...

און דאָס קומט פאָר ניט נאָר אין רוסלאַנד. צענדליגער ביישפּילן קאָן מען דאָ ברענגען פון היינטוועלטיגע מאָדערנע חרמס, אויך בנוגע אַפילו צו גרויסע אידישע שריפטשטעלער און דיינקער, וואו זיי זאָלן זיך ניט געפינען. דאָס אַלץ איז אַ פאַקט. און אָט דער פאַקט שפּאַצירט זיך אום עפּעס ווי אַ מין בן־יחיד אויף דער וועלט: אַזאַ סאָרט אינעווייניגסטע צענזור פאַרמאָגט דאָך ניט קיין שום פאָלק.

און אויב דער אידישער שריפטשטעלער מיינט, אַז ער איז אַן אויבערהאַר אויף זיך אַליין, האָט ער טאַקע

במחילה אַ טעות: דער אידישער קהל איז דער אמתער בעל־הבית פון דער אידישער ליטעראַטור און גערעַנק, אָט דער אידישער קהל שטעלט דאָס דאָ איין מיט דער קונציגקייט פון אַ טויזנט־יאָריגער געניטקייט, זיינע הגם ניט געשריבענע דינים און געזעצן מיט די „מען מעג" און „מען טאָר ניט", וואָס, אַגב, אויך דער שריפטשטעלער גופאָ באַקומט, כמעט בירושה, ווי אייביגע מאָראַלישע געבאָטן, וואָס קיינער האָט ניט קיין רשות צעשטערן אָדער אַפילו אָנרירן זיי...

און רבונו של עולם, ווי אַכזוריותדיג ער איז דאָ, דער קהל אין זיין הערשאַפט! עס דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז ער באַנוגנט זיך ניט דערמיט אַליין, וואָס ער פאַרלאַנגט פונם אידישן שריפטשטעלער פשוט צו באַהאַלטן דעם אמת, נאָר ער פאָדערט נאָך פון אים מיט אַ פלייצע, טאַקע מעשה בעל־הבית, — פאַרשטייט זיך, צוליב טובת הכלל, — צו לויבן און באַזינגען דאָס, וואָס ער רעכנט אַפילו פאַר פאַלש.

אָט אַזוי האָט זיך עס צונויפגעקייטלט: פון דער גרויסער און שפּרינקעלדיג־קאָלירנדיגער וועלט זיינען פאַרן אידישן שריפטשטעלער פאַרבליבן סך־הכל נאָר צוויי שמאָלינקע זומפּיגע שטעגעלאַך. און אויף זיי דאַרף ער עס זיין גאַנץ לעבן אַרומדרייען זיך, ווי אַ פאַקוטניק: זאָגן שבחים אויף זיך צווישן אייגענע און חנפען זיך צווישן לייטן... און נאָר אָן אָט די שטעגעלאַך מוז ער עס זיך האַלטן, דער אידישער שריפטשטעלער, ניט נאָר אַריינטרעטנדיג אין אונזער איצטיגן טאָג־טעגליכן לעבן — פון אָט די שטעגעלאַך טאָר ער

ניט אָפּטרעטן אַפילו אויף רעמאָלט, בעת אים גלוסט זיך, כאָטש ווי עס איז מיט געוואַלד, דורכצוקלעטערן צו אונזער אַלטערטום. פאַרן אידישן קהל, וואָס וואו ער זאָל זיך ניט קערן און ווענדן, זוכט ער נאָר מיטלען ווי אַזוי די „בייזע מיילער" צו פאַרשטאָפּן — איז נאַטירליך ווינציג אונזער איצטיגע פיינקייט און גאָטס־פאָרכטיגקייט, ער מוז נאָך האָבן, אַז פּונקט אָט אַזוי פיין און גאָטס־פאָרכטיג זיינען מיר נאָך פון קדמונים אָן, אַז קיינמאָל איז צו אונז קיינער ניט געווען געגליכן. אָט האָט דאָך איינער פון די באַרייטנדסטע אידישע פּערזענליכקייטן פון אונזער צייט — אַחד־העם — ממש אין פּנים אָנגעשפּיגן אַזאַ אידישן שריפטשטעלער, ווי י. ח. ברענערן, נאָר דערפאַר, וואָס יענער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז פון לעאָנאַרדע דאַ ווינטשיס „קריסטוס־סעודה" באַקומט ער פיל מער אָנרעגונגען פאַר אמונה־פראַגן, איידער פון שלמה המלכס „שיר־השירים"...

פאַרשטייט זיך, אַז לעבנדיג תמיד אין איין מורא, מיט פאַרפּענטעטע הענט און פיס, האָט ניט דער אידישער שריפטשטעלער, בעצם, אויך די פרייהייט און מוט אָהן אַ נשיאות־פּנים און אָהן אַ איינגענער פּניה צו זאָגן אָפּן זיין מיינונג אויף וועגן די שכנישע פעלקער און בכלל וועגן אַלץ אין דער וועלט: דער אידישער שריפטשטעלער גייט אַרום עפּעס ווי אַ „פאַרשטעמפּלטער" אויף דער ערד.

און אויף אַזאַ אויפן ציהען זיך עס גאַנצע דורות פון פאַרשטיקטע דערוואָרגענע געדאַנקען און צעפּאַלמעסטע בילדער. ווער ווייסט אַגב, צי אָט דאָס איז טאַקע ניט

איינע פון די סיבות, פאַרוואָס מיר זיינען גייסטיג אַזוי אומדערבאַרעמדיג אָרים און אָנמעכטיג?... עפּעס אַ קליינינקייט צו זאָגן: אַ חוץ יענע, וואָס האָבן זיך באַפרייט פונם קהל דורך דעם, וואָס זיי זיינען אינגאַנצן אויך פונם אידישן פאָלק נעלם געוואָרן, און אַ חוץ איינציגע אויסנאַמען פון די, וואָס זיינען פאַרבליבן: ממש טאַקע אויף די פינגער צו ציילן, למשל, אַזוינע ריזיגע פיגורן, ווי ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים און ח. נ. ביאַליק, כמעט לגמרי פאַרלאָרן אַפילו דעם טעם פון פריי שאַפן און דיינקען, דעם טעם פון ריינעם כשרן אמת, וואָס ווי שווער אים זאָל ניט זיין דורכצושטופּן זיך, דאָך באַשטייט ער ניט אָן קיינעם און שפּייזט זיך דורכאויס פון „גאָטס גאָב און אייגענער האָרעוואַניע״, אויף אייגענע אַחריות...

אָט דאָס איז די צרה פונם אידישן שריפטשטעלער — עפּעס אַ אייביגע צרה: מיר זעהען דאָך טאַקע, ווי אויף דער וועלט ווערן בטל פיל גזרות, און פונדעסטוועגן צווישן אידן בלייבט אָט די גזירה פון דער קהל־צענזור אומבאַרירט, אַפילו אין אַזוינע פרייע לענדער, ווי אַמעריקע, ענגלאַנד און מערב־אייראָפּע בכלל, באַגלייטן דאָך אויך דעם אידישן שריפטשטעלער אויף יעדן טראָט די דורכדרינגענדיגע אויגן פון די קהל־משגיחים, פּונקט אַשטייגער, ווי פאַרצייטן און אויך איצט אין פּוילן, זאַמוט און ליטע...

דאָס איז אָבער אַ פאָלקס־אומגליק. כל זמן די אידישע שריפטשטעלער און דיינקער וועלן ניט באַקומען אינעווייניג אָט די פרייהייטן און ניט בלויז פאַר זיך

אַליין, נאָר אויך פאַר די גרים און פרעמדע, וואָס האָבן חשק און קאָנען אַרויסזאָגן זייער מיינונג — וואָס פאַר אַ מיינונג דאָס זאָל ניט זיין — וועגן דעם קיבוץ מענשן, וואָס רופט זיך אָן לויט זיין נאָמען: אידן, פונקט טאַקע, ווי וועגן אַלע איבעריגע מענשן, וואָס לעבן אויף גאָטס וועלט, וועט דאָס אידישע פאָלק בלייבן מיט אַזאַ חושכדיג פנים, ווי עס זעהט אויס איצט.

גאונעשע צוועקמעסיגקייט
(ר' מענדעלע מוכר-ספרים)

איך פּרוב אויס אָפּט בכּיון זיך אַליין און שוין פון לאַנג־לאַנג אָן: לייען און לייען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל און אַלץ, וואָס דער זיידע ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים האָט געשריבן אינם משך פון כמעט גאַנצע זיבעציג יאָר. שלינג איין אין זיך איין בוך נאָכן אַנדערן פון טאָוול ביז טאָוול, און ניט איבערלאָזנדיג אַפילו אַ שורה. מיט אַן אָפּענעם מויל און מיט אויסגעשטעלטע אויערן הער איך זיך צו צו דעם, וואָס ער דערציילט, און אויך צו דער שטים, ווי ער דערציילט, סיי וועגן זיך און סיי וועגן לייטן. ממש אַלע „מיטלען״ נוץ איך אויס. און פונדעסטוועגן, נאָך אָט די אַלע אויספּרובענישן באַקומט זיך פּאָרט כסדר און פּינקטליך איין און דערזעלביגער גערעַנק, עפּעס ווי ריין מאַטעמאַטיש אויסגעחשבונט: אָט איז ער — אונזער גאון, וואָס גאַנצע דורות און תקופות האָבן אויף אים אַרויסגעקוקט פון די געטאָ־לעכער. אָט איז ער — דער ערשטער און דערווייל נאָך דער איין און אייציגסטער גאון פון דעם באַנייטן אידישן פאָלק און פון דער אָפּגעפרישטער אידישער קולטור, וואָס איז, אַגב, אַליין אויך אַ שטיק גאונות — טאַקע לויט דעם איינפאַל

גופאַ — אַפילו אין איר טראַגיש צאַפּלען זיך און ראַנגלעניש צווישן ביטערן רחקות און עלנטער שפלות. אָט דאָס אַלץ איז אַזוי קלאָר און דורכזיכטיג, כאָטש שפּיגל זיך...

אמת, איך ווייס גאַנץ גוט: ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים, און פונם ערשטן טאָג אָן, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף זיין וועגעלע אַרומרייזן די „וועלט״, האָט קיינמאָל ניט אַנטפּלעקט, סיי פאַרן כלל און סיי פאַרן פּרט, קיין שפּאָגל נייע וועגן פון געטליכקייט און פון מענשליכקייט, פון שיינקייט און פון יושר, וואָס דאָס איז דאָך בעצם די הויפּט־עובדא פון יעדן גאון, וואו ער זאָל זיך ניט קערן און ווענדן און אין וואָס פאַר אַ צייט ער זאָל ניט לעבן. מען דאַרף מיר אויך ניט דערציילן, אַז דער ויידע ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים איז, לויט זיין גאַנצן אינעווייניגסטן מהות, טאַקע בכלל ניט קיין „אַנטפּלעקער״. ווי דער זיידע שטייט און גייט, איז ער תמיד מיט דער געשיכטע פון אַ באַשטימטן דור אַרומגעצוימט, און נאָר פון אַ באַשטימטן דור, פונקט אַשטייגער, ווי די פאַרצייטיגע אידן פון קאַבצאַנסק און פון גנילאָפּיאַטאָווקע מיט די עירובים נעבן זייערע ירושה־געצעלטן: סוף כל סוף זיינען דאָך אַלע ר׳ מענדעלעס „העלדן״ פונם קאָפּ ביז די פיס בלויז צייט־פאַרשוינען, וואָס ר׳ מענדעלע האָט זיי נאָר אָנגעוויזן, און וואָס אַלע האָבן טאַקע גלייך דערקענט ווי אַלטע מקורבים, אָבער ניט קיין דורך אים גופאָ געשאַפענע אייביגקייטס־פיגורן... — אָט די אַלע מעשיות זיינען שוין פאַר קיינעם קיין סוד ניט און ריכטיג איז עס טאַקע ווי גאָלד.

און פונדעסטוועגן, אַפּילו נאָך אָט די אַלע בּעצם ריכטיגע פאַקטן, ווערט אויך ר׳ מענדעלע מוכר־ספרימס גאונות לגמרי, ממש אַפּילו אויף אַ האָר, ניט געמינערט. אַ ראיה?... אָט, אדרבּא, זאָל עמיצער פּרובּן מאַכן אַזאַ מין עקספּערימענט: אויסמאָלן זיך די אידישע ליטעראַטור, די גאַנצע אידישע ליטעראַטור, לויט דעם ווי מיר קענען און ווייסן זי. און ניט בּלויז די ליטעראַטור אַליין, נאָר אויך דאָס גאַנצע אידישע פאָלק פון אַלע צייטן און דורות, אָהן אַזוינע „געוויינטליכע״ ספרים, ווי „מסעות בנימין השלישי״, „שלמה ר׳ חיימס״, צי אַפּילו גאָר „די קליאַטשע״?... פּשוט פּיזיש אומ־מעגליך. פּונקט, אַשטייגער, ווי עס איז פּיזיש אוממעגליך פאָרצושטעלן זיך דאָס רוסישע פאָלק — אָט דאָס רוסישע פאָלק, וואָס איז בּיז איצט געווען בּאַקאַנט אין אייראָפּע, למשל, אָהן ליעוו טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום״; אָדער אַזאַ זקן, ווי דאָס אידישע פאָלק, וואָס האָט זיך שוין אַזוי פיל אָנגעזעהן און אָנגעהערט אין זיין לעבּן און ווייסט, אַז דורות קומען און דורות גייען אַוועק, און די וועלט פונדעסטוועגן בּלייבּט פאָרט אַ וועלט — אָהן אַ „קהלת־בּוך״; צי אונזער ערד, וואָס מיר בּאַוואוינען, אָהן דער זון, וואָס שיינט בּאַטאָג, אָהן דער לבנה, וואָס לייכט בּאַנאַכט; אָהן די פיר צייטן פון יאָר און אָהן נאָך און נאָך אַזוינע פון „ששת ימי בראשית״ איינגעשטעלטע אייבּיגע נאַטור־ערשיינונגען. גלייך ווי אָט די נאַטור־ערשיינונגען זיינען אויך דעם ווידנס ספרים — אָט דער אַנטיק־מוזיי מיט בּילדער, וואָס ווייזן אַ גאַנצע אומה, הנם מאָדעלירט בּאַ אַ געוויסן צושטאַנד און אין

אַ באַשטימטער צייט — ניט עפּעס צופעליגקייטן, נאָר טאַקע מוז־זאַכן, וואָס זיינען געקומען אויף דער וועלט ניט עפּעס צו שפּילן זיך אין קאַפּריזן, נאָר מיט אַ באַשטימטער שליחות, ווי אַ צוואה, און וואָס מען קאָן ניט פאַרבייטן, — אַפילו אויב מען זאָל וועלן — מיט קיין שום חפץ: אָהן זיי וואָלט, רוכט זיך, דער סדר־העולם אפשר קיין שום פּנים ניט געהאַט...

נאָר אָט דאָס טאַקע איז דאָך דער הויפּט־סימן פונם גאון. באמת: דער טאַלענט, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, איז סוף כּל סוף פאָרט נאָר אַ קאַפּריז, און ממילא שוין זיינען אַלע מעשים זיינע אויך צופעליגקייטן, אַפילו ווי נוצליך און שיין זיי זאָלן ניט אויסזעהן. אָבער מוז־זאַכן, וואָס לאָזן זיך בשום אופן ניט ענדערן אָדער מיט וואָס עס איז פאַרביטן ווערן, שטאַמען אַרויס נאָר פונם גאון, וואָס איז אַליין אויך נויטיג, צוועקמעסיג מיט אַ תּכלית און, רוכט זיך, אומאויס־מיידליך אין באַשטימטע צייטן און בּאַ פאַרשיידענע פעלקער, און וואו דאָס זאָל ניט זיין.

און אָט אַזאַ גאון, וואָס איז דורכגעדרונגען פון צוועק־מעסיגקייט און פון תּכלית, איז טאַקע, לכל־הדעות, דער זיידע ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים.

ניט סתּם אַזוי זיך. איז ער געקומען, נאָר מיט אַ באַשטימטער שליחות: באַווייזן דער וועלט די ריכטיגע געשטאַלט פון אַ וואַנדערנדיגער אומה אין אַ געוויסער צייט. און געהאַלטן זיך ממש שטאָל און אייזן אויפן הויכן גאַנג פון די אַלטע כּמעט אַ גאַנץ יאָרהונדערט,

ביז ער האָט אָט די שליחות טאַקע פולקום און געטריי אויסגעפירט.

געלויבט און געבענטשט אויף אַלע צייטן און אויף אַלע דורות זאָל זיין דער ערשטער גאון פון דער נייסטער תקופה אין דער אידישער געשיכטע.

דער לעצטער זאָגער

(שלום-עליכם)

די מעשה איז פאַר קיינעם לגמרי קיין סוד ניט: אַפילו גאָר די עלטערע און עלטסטע אידישע שריפט־שטעלער, סיי די, וואָס לעבן, און סיי יענע, וואָס זיינען שוין אַוועק אויף דער אמתער וועלט—שוין ניט גערעדט וועגן די גאָר יונגע און יינגסטע, — האָבן תמיד געקוקט אויף שלום־עליכמען עפּעס מיט „קנאת־סופרים“־אויגן, — ווער ניט באַהאַלטנריג עס, אַפילו כאָטש פון יוצא וועגן, און ווער מאַכנדיג דערביי אַן אָנשטעל, שווייגנדיג פאַרביסן:

— ען אַ איד — אָט דער שלום־עליכם: ממש אין אַ העמרעלע פונם מוטערס בויך אַרויסגעדראַפּעט זיך.

און טאַקע אַזוי: ווער, אַשטייגער, פון אַלע אידישע שריפטשטעלער איז נאָך אַזוי באַוואוסט, באַרימט און באַליבט, ווי אָט דער מוצלח?.. וואוהין מען זאָל ניט אַ וואָרף טון אַן אויג, געפינט מען אים, שלום־עליכמען. און ניט עפּעס פאַרשטופּט אין אַ ווינקל, ווי אַ קוים איינגעבעטענער, נאָר אומעטום און כסדר ווי אַ גערן־גערופענער, שטאַרק אָנגעלייגטער גאַסט, וואָס פאַרשאַפט ממש דעם גרעסטן פאַרגעניגן מיט זיין עצם זיצן בלויז אין

דער מסיבה, און פאַר וועמען מען מאַכט שטענדיג אַ וואַרע, ווי אײנג עס זאָל ניט זײן.

אָט, למשל, שטײט ער זיך, שלום־עליכם, מעשה בן־ביח, אינם אויבן אָן אויף די סומנע זקניש־אָנגע־כמורעטע הויכע פּאַליצעס פון די רבנים און תּלמידי־חכמים, רוקן באַ רוקן מיט די אַלטע הײליגע ספרים, און קײנעם פאַלט גאָר אין זינען ניט אײן אַ חשר, אַז מען זאָל אים ניט טאָרן מצרף זײן צו אָט דער נאָטס־פּאָרכטיגער און חשובער עדה. און פּלוצלינג טרעפט מען אים גאָר ליגנדיג אויסגעצויגן עפּעס אין אַן אומגעלומפּערטער פּאָזע — אַביסל פאַרשײט און שטי־פעריש — אויף אַן אויבערדעק פון אַ פּיאַנע, בשותּפות מיט נאָטן פון ציגײנערשע ניגונים, פּאָנאָגראַף־טעלער־לאַך, רוסישע „ניוואַס", „פּאָנאָראַמעס" און אַנדערע גאַסן־שקצים ערגעץ וואו אין אַן אויפנאַם־קאַבינעט פון אַ פּראָווינציעלן דאָקטאָר אָדער אַדוואָקאַט, פּונקט עפּעס ווי אַ פרײליכער און גוטמוטיגער איד פון יעהופּעץ וואָלט, שפּאַצירנדיג אין אַ זומער־טאָג איבער בױבעריק, אַרײנגעפאַלן, אין מיטן דערינען, אויף אַ פּיקניק פון קונדסים. און אויב מען פוילט זיך ניט צו פאַרקערעווען ווען עס איז, עפּעס אין אָן אַ זײט און אָרים געסעלע און אַרײנפּויזן, במחילה, ערגעץ וואו אין אַ שטיבעלע פונם מין שטיבעלאַך, וואָס זײערע פענסטערלאַך זײנען כמעט צו דער ערד צוגעשלאָגן און אָנשטאָט שויבן—שמאַטעס דורכן יאָר, — וועט מען אויך דאָ זיך באַגעגענען מיט שלום־עליכמען, הגם גאָר עפּעס אין אַ שפּאָגל נײער געשטאַלט: הינטערן אויוון אויף אַ סוכה־דראַניצע, וואָס

איז מיט אַ שטריקעלע צו דער סטעליע צוגעבונדן, טוליעט ער זיך, שלום־עליכם, עפּעס אַזוי אָרים און צניעהדיג, פון שבת צו שבת פאַרשטויבט און חנעוודיג, — אין שכנות מיטן חנוכּה־לעמפּעלע, „ספר הגורלות“, „קב־הישר“, „צאינה־וראינה“, „מנורת־המאור“, הבדלה־ליכט און נאָך אַזוינע חפצים, וואָס טראָגן אַריין אין די יום־טובדיגע טעג און אין די רוהיגע נעכט צופרידנקייט און הרחבת־הדעת אין שטוב.

אָט אַזוי כּמעט אינם גאַנצן „תּפוצות־ישראל“. און ניט בלויז אין די הייזער — אויף די פּאָליצעס און נעבן טיש, — נאָר אַפילו אונטערוועגס פאַרגעסט מען אויך ניט מיטצונעמען שלום־עליכמען אינם רענצל אַריין, אין־איינעם מיטן טלית־ותּפילין, פאַרשריבענע יאָרצייט־ראַטעס, מוסטער־סחורות, אַמעריקאַנישע אַדרעסן, ציוניסטישע פּראָטאָקאָלן, סאָציאַליסטישע און אַנאַר־כיסטישע בּראָשורן, און נאָך, און נאָך פיל זאַכן, אין וואָס יעדער איר פון אונזער צייט נויטיגט זיך, לויט זיין מדרגה... און וואָס מען זאָל ניט זאָגן, נאָר אָט דעם פאַקט איז ממש טאַקע צו באַוואונדערן.

ווי אַזוי, אַשטייגער, האָט עס פּאַסירט?

אָט אַפילו באַ אונזערע שכנים אין אייראָפּע און טיילווייז אויך אין אַזיע, וואו נאָך פון אוראַלטע צייטן הערשט דער מנהג אַזש אין די קיניגליכע פּאַלאַצן צו קוקן אויפן „טרויעריגן זינגער“ און „פרייליכן מעשיות־דערציילער“, ווי אויף די אויסדערוויילטסטע און בעסטע פונם לאַנד — הגם זיי קאָנען, ווי אויסוואָרפן, זיך וואַלגערן אין די גאַסן — איז דאָך אויך בעצם אַ זעלטנ־

קייט, אַז אַ שריפטשטעלער זאָל זיין אַזוי באַרימט אין דער גאַנצער אומה, ווי שלום־עליכם, למשל, בײַ זיין פֿאָלק. היינט, אַפּשיטאָ שוין איז עס טאַקע אַ וואונדער צווישן אידן, וואו דאָס רוב קאָן נאָך ביזן היינטיגן טאָג בשום אופן ניט תּופס זיין אַ ספר מיט געדרוקטע אותיות, לגמרי אָהן מוסר און אָהן דביקות, פּונקט, למשל, ווי עס קאָן ניט בײַנעמען אַן אויס־געשניצטן לייב אָדער אָדלער עפּעס אָהן אַן אָרון־הקודש, — און דער פּיצינקער מיעוט, וואָס האָט זיך שוין כּלומרשט יאָ צונויפגעשמאָלצן מיט דער ברייטער וועלט און מיט אַלץ, וואָס אויף דער וועלט, און אָנגע־הויבן, רוכט זיך, צו קוקן אויף ספרים און שניצונגען מיט מענשליכע אויגן, און ניט נאָר דורך אידישע פּאַרצייטיגע שטעטלדיגע שפּאַקולן, איז דאָך שוין כּמעט אַ כּלל, אַז אַחוץ טאַקע איינציגע אויסנאַמען, — ווי נאָר ווער עס איז פון אָט דעם מיעוט שפּרינגט אַריין אַ ווײַלעטשקע „אַהיים“, הויבט ער גאָר אָן קודם כּל צו זוכן דעם אַלטן בית־המדרש מיטן חדר־שנירינגן ספרים־שראַנק, און די אויגן דערזעהן בלויז די סדורים און תּהילימס פון די חדר־יאָרן... דאָס זיינען אַלץ פאַקטן, וואָס שטעכן ממש די אויגן.

נאָר פּלאי־פּלאים: צו שלום־עליכמען קלעפּן זיך עפּעס ניט צו אָט די פאַקטן, פּונקט ווי ער, שלום־עליכם, וואָלט געשטאַנען עפּעס אויסער אַלע אונזערע חשבונות.

פאַרוואָס אָבער איז דאָס אַזוי?

אַגב, רעדט מען שוין וועגן שלום־עליכמען, טאָר מען דאָך דערבײַ נאָך אָן איין זעהר וויכטיגן אמת ניט

פאַרגעסן: שלום־עליכם, ווערליג מיר קענען אים, איז דאָך ניט אַריינגעקומען אין דער וועלט עפּעס מיט אַזאַ ניי וואָרט, וואָס זאָל פאַרמאָגן די געהעריגע קראַפט צו נויטן אַלעמען אויסהערן זיך... און פונדעסטוועגן אַפילו באַ אָט די אַלע ניט גינסטיגע אומשטאַנדן און אין אָט אַזאַ פאַרגליווערטער פרושריגער סביבה האָט שלום־עליכם דאָך זוכה געווען צו אַזאַ אינעווייניגסטער ליבע און צו אַזאַ דרויסנדיגן פרסום, וואָס זעלטן, אַז אַ שריפטשטעלער בכלל זאָל עס דערגרייכן וואו ניט איז אין אַזאַ אויסטערלישער מאָס.

איז עס דען ניט ממש אַ וואונדער?

ס'פאַרשטייט זיך: זעהר פיל און גאָר פיל האָבן דאָ צו זאָגן די באַוואוסטע שלום־עליכמשע ספּעציפישע מעלות: מאירימשע איינפאַלן, קאָמישע ווערטלאַך, זעל־טענע המצאות, לוסטיגע שפּיצלאַך, מאָרנע מעשיות וכדומה. מיט אַזוינע מעלות נעמט מען טאַקע שטאַרק אוים באַ מענשן פון יעדן פאָלק: עס איז פרייליך און לעבעדיג, צוגייענגליך און אַנגענעם... און דאָך ניט בלויז פון אָט די גוטע און חנווריגע מעלות אַליין שטאַמט עס שלום־עליכמס גוואַלדיגער פרסום צווישן אידן. מיר רוכט, אַז אָט דער פרסום, נעמט זיך אויך פונם פאַקט, און אפשר איבערהויפּט פון דעם פאַקט, וואָס עס איז ממש זעלטן וואו אויף דער וועלט בנמצא נאָך אַ קינסט־לער, וואָס זאָל אין דער פאָרם און אינם נוסח פון זיין שאַפן — און דאָס איז דאָך סוף כל סוף די הויפּט־

זאָך באַ יעדן שריפטשטעלער און רײנקער — זײן אַזוי צוגעפּאַסט און אַזוי צוגעריכט צום גוסט און שטײגער פון זײן אומה, ווי שלום־עליכם צום גוסט און שטײגער פונם אידישן פאָלק.

שלום־עליכם איז דאָך, בעצם, ניט בלויז דער גרינדער פון דער נײער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור, נאָר אין דערזעלביגער צײט אויך דער גלענצנדסטער און אפשר טאַקע דער סאַמע לעצטער פּ אַ ר ע נ ד י ג ע ר פון יענעם פּעריאָד צווישן אידן, בעת איבער די געטאָ־ווענט האָבן נאָך אומגעוואַנדערט פון קהלה צו קהלה און שורות־ווײז די וואַרימע זאָגערס, די האַרציגע חזנים, די לײכטזיניגע קלעזמער, די לוסטיגע ברחנים און די מרה־שחורהדיגע שניצער און מאָלער, וואָס זײנען נאָך ניט געווען רעמאָלט אָפּגעצוימט פונם פאָלק און פון די פאָלקס־השגות מיט דער קאַלט־קרישטאָלענער מחיצה פון „קינסטלערישקײט“. אָט, למשל, די ליבע און טרויעריגע געשיכטע וועגן מאָטל פּײסי דעם חזנס האָט דאָך, אײגנטליך, דערצײלט ניט עפּעס אַ הײנטוועלטיגער, פאַרזיכטיגער קינסטלער, וואָס וועגט אויפן עסטעטישן בעזומען איטליך וואָרט און מעסט ממש מיט אַ צירקל יעדן טראָט, נאָר יענער וואַרעמער און באַרײדעוודיגער זאָגער, וואָס פלעגט דערצײלן זײנע מעשיות שטענדיג פאַר אַן עולם אויפן מאַרק און אינם בית־המדרש, ניט האָבנדיג דערבײ קײן אויסגערעכנטן פּלאַן און ניט שאַנעווענדיג קײן פאַרבן, און וואָס דאָס פאָלק האָט אים פון אײביג אָן אויסדערוויילט, ווי זײן נאָהענסטן און ליבסטן, סײ אין פרײדן און סײ אין לײדן.

...און אָט דער פֿאַרצייטיגער „זאָגער“ איז עס געווען שלום־עליכמס מדריך ניט בלויז אין דער „קונסט“, נאָר אומעטום און כּסדר, וואו ער פֿלעגט זיך קערן און ווענדן. אָט, למשל, אַזאַ פֿאַקט, וואָס איז, ווי מיר דוכט, זעהר וויכטיג אינם פּרט פֿון פֿאַרשטיין שלום־עליכמס געשטאַלט גופֿא און אויך די גייסטיגע צורה פֿון דער סביבה, וואָס האָט אים אויפֿגענומען און אָנגענומען. די, וואָס האָבן נאָר געהאַט ווען עס איז די געלעגנהייט צו טרעפֿן זיך סיי אין דערהיים און סיי אין די מדינות און לענדער מיט שלום־עליכמען און כאָטש אויבנאויפֿיג צוצוקוקן זיך צו זיינע לעבנס־גיינג און פֿירונג, וועלן עס, דוכט זיך, באַשטעטיגן, אַז עס איז ממש זעלטן צו געפֿינען אַ מענשן אַפֿילו צווישן די געוויינטליכע בשר־ודם, וואָס זאָל זיך בעצם אַזוי ווינציג נויטיגן אין „התבודדות“, „יחידות“, אָדער כאָטש אין אַ פֿאַרזיכריגער אינטימער אַטמאָספֿערע און אַזוי קנאַפּ וואָס מדקדק זיין דערויף, ווי אַשטייגער, דער, פֿון אַלעמען אָנערקענטער, שריפֿטשטעלער שלום־עליכם. קליינוואוקסיג, רירעווריג, מיט אַלעמען גוט־ברודעריש און עפּעס מאָדנע אויסגעפּוצט — קלעזמעריש פֿראַנטיש — האָט ער זיך תּמיד עפּעס אין אַ הו־האַ געפֿונען און פֿונקט ווי דער „אַמאָליגער חבר“ זיינער, דער האַרציגער חזן, צווישן זיינע משוררים ערב ימים־נוראים „שאַרפֿט די האַלז“ און „שטעלט איין דעם כאָר“ אין מיטן העלן טאָג, פֿאָכנדיג מיטן קאַמערטאָן, בעת אַרום די פֿענסטער, ווי נעבן אַ חופּה־שטוב, שטייען די חודש־אלולדיגע ליידיג־גייער מיט די אַראָפּגעגווינטע

אויערן און האָרכן, קוויקנדיג זיך מיט די סקאַרבאָווע
ניגונים, — אָט אַזוי פלעגט שלום־עליכם, אַפילו באַ
אַזוינע, אין פלוג געגומען „דברים שבצנעה״־זאַכן, ווי
שאַפן זיינע ווערק, אויך ניט שפּירן קיין שום שעמעוו־
רינקייט אָדער אומאַנגענעמליכקייט, אויב דאָס פלעגט
אים אויסקומען צו טון אָפן און בפרהסיא... דאָס
לחלוטין פרעמד אויג, וואָס איז אָפּט אַפילו פאַר דעם
פשוטן בעל־מלאָכה אַ שטערונג אין דער אַ ר ב ע ט,
האָט שלום־עליכמען, דעם קינסטלער, דוקאָ קיינמאָל
ניט געקימערט אין זיין שאַפן. און ניט געקימערט און
ניט געשטערט האָט עס אים ניט מחמת דעם, וואָס ער
זאָל עס האָבן ניט באַמערקט, פונקט ווי מען דערציילט
וועגן די לעגענדאַרישע מבוהלדיגע ערפינדער, צע־
שטרייטע ריכטער און אין מחשבות־פאַרזינקענע דיינקער,
נאָר דערפאַר, ווייל טאַקע אונטער דער זלירנע השגחה
פונם פ ר ע מ ד ן אויג און צווישן דעם טומלדיגן קידער־
ווידער פונם ערב־רב מיט זיינע ווילדע און אויסגעמישטע
קאָלירן, האָט זיך שלום־עליכם געפילט עפּעס אַזוי היימיש
און געמיטליך, ווי, צום ביישפּיל, טביה דער מילכיגער,
וואָס איז, אַגב, בתוך אויך אַ „זאָגער״ געווען, פאָרנדיג
פאַרנאַכט פון די דאַטשעס צוריק אַהיים אויף זיין
וועגעלע מיט די אויסגעליידיגטע מילך־כלים, בעת ער
פירט אַ לאַנגען און ברייטן שמועס מיט אַן עובר־ושב
אָדער מיט אַ באַקאַנטן אידן. אין וואָס פאַר אַ מסיבה
שלום־עליכם זאָל זיך ניט האָבן געפונען, איז ער תמיד
געווען גרייט פלוצלינג, אין מיטן דערינען, אַרויסצוציהען
פון בוזים־טאַש עפּעס אַ ריקן קרבן־מנחהדיגן נאָטיץ־

בוך און זיך אַנידערזעצן שרייבן עפּעס „אַ מעשה“, צאַצקלענדיק און גרייזלענדיק דערביי מיט דער גרעסטער הנאה יעדן אות און פּינטעלע, פּונקט ווי דער „צווייטער חבר“ פון פּאַרצייטן — דער מרה־שחורהדיקער שניצער, וואָס פלעגט אין די ווינטערדיקע פאַרנאַכטן נעבן דעם „עין־יעקב“־טיש אינם בית־המדרש, בעת עס פלעגט זירן און קאָכן, „טאָקן“ אַ מהודרדיקן „איזהו“ מיט לייבן און לעמפּערטן אָדער אַ „הנותן־תּשועה“ מיט אַן אָדלער...

דעם עצם חשק צו שאַפן, אַפילו דעם א י מ פּ ע ט דערצו, פלעגט אין אים אויך אונטערשטופּן די זשומענדיקע גאַס, דאָס „צעטרייטלטע און פאַרהאַוועטע רשות־הרבים“ — ווי שלום־עליכם אַליין האָט זיך איין מאָל, אַגב, אויס־געדריקט פאַר מיר וועגן אָט דעם פאַקט...

אָט אַזוי פלעגט זיך פירן שלום־עליכם. אָט די אַלע תּנועות אָבער זיינען דאָך טאַקע די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פונם פאַרצייטיקן „זאָגער“. באמת: אָט, למשל, י. ל. פּרץ און דער זיידע ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים זיינען אויך, בעצם, גאַנץ גרויסע מקורבים צום ברייטן עולם. ווי גרויס אָבער איז דער אונטערשייד צווישן זיי און שלום־עליכמען.

פּרץ — דער טעאַטער־מענש פונם קאָפּ ביז די פיס, דער געבוירענער — און בלויז אפשר צופעליק ניט געוואָרענער — אויסגעצייכנטער אַרטיסט, וואָס האָט אין יעדער זאַך קודם כּל געזוכט נאָר די באַפּוצונג, דעם ד ע ק אָ ר אַ צ י ו ן גלאַנץ, האָט תּמיד אַלע זיינע יאָרן געגאַרט נאָר נאָך פאַר דער סצענע טויגנדיקע בילדער: אין גאַס, אַשטייגער, האָט ער ליב נאָר די גרויס־

שטעטישע פאַרנאַכטן, בעת דאָס טויזנטערקעפּיגע פּובּ־ליקום, טוקנדיג זיך עפּעס ווי אין בלוויליכער ליכטיגקייט און העלן־וויטרינען־ און רעקלאַמען־שיין, שפּאַצירט זיך אום געלאַסן און שטאָלץ, אָנגעדונצלט און שמייכלענדיג אַהין און צוריק, עפּעס ווי פאַרגרימירטע סטאַטיסטן... אינם פעלד און אינם גאָרטן — חלומען זיך פּרצן כּסדר עפּעס מנוחהדיגע פּאַסטאָראַלן פון מאַסקן־בּעלער, און ער קוקט אַרויס נאָר אויפן פריהלינג און פריהלינג־פּאָרלאַך אויף די בּענק און צווישן די בּוימער... און אַפילו אין שול און אין מנין אַריין ציהט אים ניט סתם דער ציבּור, נאָר דאָס לאַנגזאַמע יום־טובדיגע דוכנען מיט די אויסגעשפּרייטע הענט פון די כּהנים צו די יום־כּיפּורדיגע „עבודה" מיטן ערליכן „כּורעים"־פאַלן אָדער אַ סיום־התורה־פאַראַד מיט טענץ, ראַקעטעס, נאַכטישע חופּות און קלעזמער.

צי דער זיירע ר' מענדעלע מוכר־ספרים: וואו ער שטייט און וואו ער גייט, זוכט ער נאָר מאָדעלן פאַר מאָנומענטן־בּילדער. זייענדיג אַליין, ממש טאָג ווי נאַכט, אויף אַלע קנעפּלאַך פאַרשפּילעט און פון אַלע זייטן פאַרדעקט, אַזש קוים דאָס פּנים זעהט זיך אָן, — קריכט ער אַרויס פון זיין בּאַהעלטעניש און בּאַווייזט זיך אויף די פעלדער נאָר אין די צייטן פון זריעה און פון שניט, בּעת די פּויערים און פּויערטעס שטייען אונטערן זונענדיגן הימל און בּעטן בּאַ גאָט הילף אין זייער האָרעוואַניע אָדער זיי דאַנקען אים פאַר זיין גנאָד... אינם מאַרק קאָן מען אים זעהן נאָר אין די זונטאָגן אָדער אין די יריד־טעג. און אַפילו אין שול

און אינם בית־המדרש שפּרייזט ער אַריין נאָר עפּעם בּאַ אַ וויכטיגער מחלוקת אָדער בּאַ אַ גרויסער שקלא־וטריא צווישן חריפים און בקיאים.

סיי דער ריידע ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים און סיי י. ל. פּרץ זיינען מאָדערנע קינסטלער געווען, און וואו זיי זאָלן ניט פאַרבּלאָנדזשען, האָבּן זיי אומעטום און שטענדיג געזוכט אַ בּאַשטימטן סטיל און סדר, דעם תּמצית פונם פאָלקס־איינקומעניש און פונם מענשליכן לעבּן, וואָס דריקט זיך אויס אַמשטאַרקסטן אין די רוהיגע שבתים און אין די אָהן־דאַנהדיגע ימים־טובים.

אָבּער שלום־עליכם?

שלום־עליכם האָט ליבּ געהאַט טאַקע די גאַנצע גופא און דעם עצם מאַרק, ווי זיי שטייען און גייען; מלא שמחה איז ער ממש פון זייער צעשויבּערטן און פאַרשמירטן אויסזעהן, ניט שפּירנדיג אַפילו קיין שום הצטרכות דורכצופירן עפּעם אַ בּאַשטימטן פּלאַן אָדער איינצופירן אַ געוויסן סדר אינם תּוהו ובוהו: דער לעבּנס־סטיל פונם „זאָנער“, ווי אַ טיפּ, איז דאָך טאַקע די אומ־סטילישקייט...

...אָט אַזוי האָט עס שלום־עליכם אַליין געלעבּט און אויך דאָס לעבּן פון אַנדערע אויפגעפאַסט „זאָנעריש“, אומסטיליש און פּונקט אָט אַזוי אויך קינסטלעריש געשאַפן: עס איז דאָך ניט עפּעם אַ משונהדיגע און קאַפּריזנע העויה פון אַ צופאַל בּלויז דער פאַקט, וואָס שלום־עליכם האָט נאָך אַפילו רעמאָלט, בּעת ער איז

נאָר אַ יונגערמאַן געווען, שוין אויסדערוויילט פאַר דער הויפּט־פאָרם פון זיין שאַפן דוקאָ דעם פּלאַפּלענדיגן אָהנפאָרמדיגן מ אָ נ אָ ל אָ ג, צו וואָס ער האָט זיך נאָכ־דעם אַזוי צוגעבונדן, ממש מיט לייב און לעבן אויף אַלע זיינע יאָרן און טעג, עפּעס ווי צו אַ אייביגער באַ־שערטער. נאָר טאַקע אין די ראַמען פונם מ אָ נ אָ ל אָ ג, וואָס ווייסט ניט — לויט זיין עצם טבע — ניט פון קיין אָנהויב און ניט פון קיין סוף, למשל, ווי שלום־עליכמס בעסטער גוטער פריינט, טביה דער מילכיגער, בעת ער צעפּלוידערט זיך און צעדרשנט זיך עפּעס אין אַ ספּור־המעשה, — און וואָס וויל לכתּחילה ניט וויסן פון קיין שום פּערספּעקטיוו, פון קיין שום אויסגעהאַלטנקייט און אויסגעמאָסטענער בּ פ י ו נ ד י ג ע ר באַגרענעצונג, אַגב, די ריכטיגסטע און בעסטע סימנים פון סטיל און אפשר פון קונסט בכלל — האָט שלום־עליכם גע־קאָנט איינפּאַסן זיך גופאָ — דאָס בילד פונם פאַרצייַ־טיגן אידישן „זאָגער" און אויך געפינען אַ גערוימען פּלאַץ פאַר זיין טומל־האַרמידערדיגער אידישער גאַס, וואו עס איז באַ אים שטענדיג אַזוי אָנגעוואָרפן און אָנגעשליידערט, ניט דורכצוקלעטערן, פּונקט עפּעס ווי אין אַ קהלשן שפּייכלער נאָך אַ שרפה... די מאָנאָ־לאָג־פאָרם — דאָס איז דער ריכטיגער פּאָרטרעט פון שלום־עליכמען, פון אָט דעם ברייט־באַריידעוודיגן־אידן, וואָס געפינט זיך תּמיד צווישן לייטן, און וואו ער שטייט און גייט האַלט ער אין איין „ז אָ ג ן"...

און אָט די איינגעגעסענע אומסטילישקייט, וואָס שלום־עליכם האָט, לויטן „זאָגערישן" אופן, כמעט אין אַ

סטיל פאַרוואַנדלט, איז טאַקע, דוכט מיר, — חוץ, פאַרשטייט זיך, זיין גאַנץ גרויסן ליטעראַרישן טאַלענט— איינע פון די גרינדליכסטע סיבות, וואָס סוף כּל סוף נאָר ער אַליין און ניט דער זיירע ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים און אויך ניט י. ל. פּרץ, שוין ניט גערעדט וועגן די שריפטשטעלער פון די יינגערע דורות, — האָט זוכה געווען צו אַזאַ גוואַלדיגן פרסום אין גאַנץ תּפוצות ישראל פון אַלע מדינות און לענדער און איז, אָהן אַ גוזמא, פאַרוואַנדלט געוואָרן עפּעס אין אַ וויכטיגן און נויטיגן חלק פון דער גאַנצער אידישער בעל־הבּתיש־קייט אין יעדער שטוב אָהן אַ אויסנאַם פונם גראָד און פון שטאַנד.

דער אידישער קרעמער, דער אידישער מסחר־מענש און אַפילו דער אידישער בעל־מלאָכה, וואָס איז, דעם אמת גערעדט, אינם טאָג־טעגליכן לעבּן, אין גאַס, קיינמאָל ניט געווען קיין שטאַרקער אויסקלייבּער אין פאָרם, סטיל און מאָס, דערהערנדיג פון שלום־עליכםס מויל אַזוי פיל טרויעריגע און קאָמישע געשיכטעס וועגן זיין שלימזלדיגן און אומעטיגן דורכשטופּן זיך אויף דער וועלט, איז געבּליבּן אויף אייבּיג דאַנקבּאַר שלום־עליכמען דערפאַר, וואָס אָט די געשיכטעס זיינען דער־ציילט געוואָרן אויפן אַלטן און באַקאַנטן „זאָגערישן״ שטייגער, כּמעט מיט די אייגענע תּנועות און העויות און אין דער זעלבּיגער אומסטילישער פאָרם, וואָס איז אַזוי נאָהענט, פּונקט ווי דער פאַרשמאָרטער און פאַרשמוצטער קרעמערשער ירושה־כאַלאַט, וואָס איז צונויפגעוואַקסן מיטן לייבּ.

און אָט די דאַנקבאַרקייט צו שלום־עליכמען, צו דעם איינענעם זאָגער, האָט עס דער דורכשניט־ליכער איד איבערגעגעבן ווי אַ צואה, אינאיינעם מיט אַ גאַנצן צעטל יאָרצייטן פון דור־דורות, — צו קינדער און קינדס־קינדער:

— היט אים, ליבינקע, שאַנעוועט אים, טייערינקע: אונזערער איז ער.

און די קינדער און קינדס־קינדער, הגם זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אַביסל צו סטיליזירן, ראָך פונ־דעסטוועגן — יעדערער אויף זיין אופן ציטערן און טרייסלען זיך איבער שלום־עליכמען, עפּעס ווי איבער אַ זעלטענעם ירושה־חפץ:

— דער לעצטער און גלענצענדסטער „זאָגער" צווישן אידן איז ער ראָך שלום־עליכם און איטליך וואָרט איז טייער...

דער הײנטװעלטיגסטער
אידישער שרײבער
(י. ל. פרץ)

אָט אַ וואונדערבאַרע געשיכטע:

עס איז געווען אַ פּראַכטיגער פּסחדיגער באַגינען — כּמעט דער ערשטער פריהלינג־באַגינען פונם יאָר — אַ זוניגער, וואויל־בשורהדיגער און ווינטיג־גוטמוטיגער, בעת פּרצס לעצטער חשבון־הנפש האָט זיך געוואָרפן און געצאַפּלט, זוכנדיג פאַר זיך די גויטיגסטע און די ריכטיגסטע פאָרם, לויט ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ גוואַלדיגן מאָמענט אינם לעבן פון יעדן מענשן, ווען מען דאַרף זיך אָפּגעזעגענען אויף אייביג מיט דער ערדישער וועלט. און ער, פּרץ גופא, האָט זיך בשעת מעשה גאָר אַוועקגעזעצט זינגען קינדערשע לידעלאַך, פּונקט עפּעס ווי צו אים אַליין וואָלט אָט דער גאַנצער ענין געהאַט גאָר אַ קנאַפּע שייכות. אָט די געשיכטע זעהט אויס, אייגנטליך, עפּעס ווי צוגעטראַכט: אַ מין סענטימענטאַלע רענעסאַנס־נאָוועלע. און פונדעסטוועגן דוכט מיר, אַז דווקא אָט די „צוגעטראַכטע סענטימענטאַלע“ געשיכטע וועט אפשר אין פּרצס לעבנס־באַשרייבונג אַזש דעם סאַמע אויבן אָן פאַרנעמען: אין אָט דער געשיכטע טאַקע האָט זיך דאָך בעצם אַנטפּלעקט

פאַר אונז דער ריכטיגער און דער נאַטירליכער פּרץ, כמעט ווי ער שטייט און גייט.

באמת: ראַנגלענדיק זיך מיטן מלאך־המות, האָט זיך פּרץ באַוויזן פאַר אונז עפּעס אין דער געשטאַלט פון אַ פאַרבייינקטער, אויסגעליטענער און ליבהאַרציגער פרוי, וואָס זיצט אויף דער עלטער אין אַ בליהענדיגן גאָרטן אונטערן זונינן הימל מיט אַ בלומען־בוקעט אין שויס און מורמלט אַ ניגון, הוידנדיק עפּעס אַן אָרים קינדער־ווינעלע. דאָס איז דאָך אָבער ניט סתּם אַזוי זיך עפּעס אַ שיינע המצאָה: טאַקע אין אַ פרויען־געשטאַלט באַ־נעגענען מיר פּרצן כמעט כסדר און אומעטום סיי אינם טאָג־טעגליכן קערן־און־ווענדן און סיי אין די בעסטע און ליכטיגסטע שאַפונגען, ווי אויך אין זיינע טיפסטע און אויסדערוויילטסטע לעבנס־מאָמענטן... און דאָ זעה איך, ווי אַנדערע גלאָצן אויף מיר די אויגן: „אַזוי גאָר"...— דערמאָן איך זיך אָבער דערביי אָן פיל, פיל מעשיות וועגן פּרצן און פון פּרצן, וועגן זיינע באַציהונגען צו זיך גופא און אויך צו אַנדערע, און מיר רוקט פאָרט, אַז נאָר ווי צו אַ פרויען־כאַראַקטער מוזן מיר צוטרעטן צו אים, אויב מיר ויינען אויסן ווי געהעריג פּרצס אינעווייניגסטן מהות צו פאַרשטיין... אָט, למשל, אַזוינע פאַקטן:

פּרץ, וואָס איז געווען לויט זיין נאַטור אַ שריפט־שטעלער פון קאָפּ ביז די פיס — אָהן דער פעדער צווישן די פינגער, רוקט זיך, ממש אַ רגע עטעמען ניט געקאָנט, פונקט ווי אַ פיש אָהן וואַסער, — פלעגט זיך פונדעסטוועגן בעצם שפּירן אַ סך מער צופרידן

רעמאָלט, בעת ער איז געזעסן אין דער מיט, אַרומגע־
רינגלט מיט קינדער־תּלמידים און נאָר געקוקט — לויט
זיין אויסדרוק — „ווי נעבן זיין טיש שמירט זיך אין
טומל אַ גאַנצע ליטעראַטור", — איידער פונם איינ־
זאַמען אייגענעם שאַפן אין דער שטיל, אויג אויף אויג
מיט זיך. צי, אַשטייגער, זיין פאַרהאַלטן זיך צו די
יינגערע און יינגסטע פון דער ליטעראַרישער משפּחה:
פּרץ האָט תּמיד ממש ווי מיט ליכט געזוכט, וועמען ער
זאָל קאָנען אַ סמיכה אַרויסגעבן; אַ קאָפּ, וואָס אויף
אים זאָל ער קאָנען זיינע ברכה־הענט אַרויפלייגן. עפּעס
אַליין שטאַרק גענויטיגט זיך אין דעם, פּונקט ווי
פּרץ גופא האָט זיך טאַקע גענויטיגט פאַר וועמען
עס איז צו זאָרגן, וועמען עס איז צו העלפן. טרעפנדיג
זיך מיט וועמען עס איז, וואָס האָט זיך געקאָנט באַגיין אָהן
זיין הילף, פלעגט פּרץ אַליין, אָהן אַ גוזמא, בלייבן שטיין
עפּעס ווי אומבאַהאָלפן... כסדר פלעגט פּרץ גוטס
טון. און פונדעסטוועגן, ווי נאָר ווער עס איז פון אָט
די „קינדער" פלעגט זיך אַליין לגמרי אויף די פיס
אַנידערשטעלן און באַקומען אויך אַ שטיקל אויס־
זעהן באַ לייטן, פלעגט אים דערזעלבער פּרץ מיט אַלע
כּוחות ממש רודפן און יאָגן, פּונקט עפּעס ווי מאָ־
פּאַסאַנס מוטערס, וואָס קאָנען ניט צוזעהן דעם
„ערפאָלג" פון די אייגענע דערוואַקסענע טעכטער...
פּרץ, אַגב, האָט בכלל עפּעס ווי הנאה געהאַט פון דעם,
וואָס ער פלעגט גלייכצייטיג צונויפפאָרן און פונאַנ־
דערשיידן, אויפשטעלן וואָס ניט איז און תּיכּף צע־
ברעכן. היינט פּרצס איינשלייערן זיך עפּעס אין סור־

סורות, און פונדעסטוועגן גרייט זיין באַ יעדער געלעגנהייט דעם ערשטן בעסטן די „שליסלען פונם אייזערנעם שראַנק“ איבערצוגעבן.

איז דען אָט דאָס אַלץ אינאייגעם גענומען ניט דער אויסגעשפּראָכנסטער, טאַקע מאָדערנסטער, פּרויעך־שטייגער?

נאָר אָט אַ מעשה: פון אָט דעם פּרצן האָט מען דוקאָ באַ אונז כמעט ווי ניט געוואוסט... פאַרשטייט זיך, אַז פּרץ גופאָ איז געווען שולדיג אין דעם: ער איז אויף די טורעמס געקראָכן, אויף די שפּיצן פון די הויכע בערג געקלעטערט. געריסן זיך און געפּעכט מיט חילות, כּדי די משיחס־צייטן צו דערנעהענטערן. צו דער טריבונע האָט אים געצויגן, צו דער רווישנדיגער גאַס און צום פּילקעפּיגן עולם. און קורצזיכטיגע מענשן האָבן אין די שאָטנס פון די בערג טאַקע די בערג גופאָ דערזעהן: פּרצס שטרעבונגען און זשעסטן אָנגענומען טאַקע פאַר ממשותדיגע פאַקטן. אויף פּרצן האָט מען אָנגעהויבן באַ אונז צו קוקן עפּעס ווי אויף אַ „גבור“, אַ קריגסמאַן, וואָס האָט ברעה די וועלט איבער־צומאַכן. דאָס איז אָבער געווען אַ גוואַלדיגער טעות. די ריקע, בייזע, שטעכיגע וואָנצעס זיינע האָט מען גראָד דערזעהן, און די ווייכע, פייכטע מיידלשע פּרץ־אויגן דורכאוים פאַרזעהן. עס קאָן זיין, אַז דער טעות שטאַמט אין אַ געוויסער מאָס אויך פון פּרצס אויסזעהן, פון פּרצס פיגור, וואָס איז בכלל געווען אַן אָפּנאַרנדיגע: עטוואָס נידעריגער אַפילו פון מיטלען־וואוקס, און פונ־דעסטוועגן עפּעס תּנועות, ממש פון אַ ריז...

פּרץ אָבער איז אייגנטליך געווען אַ שוואַכער, אַ נאָכגיביגער מענש, און דעריבער אפשר פלעגט ער עס אַזוי אָפט בכיון, עפּעס ווי אויף להכעיס, אונטער־שטרייכן זיין שטאַרקייט און מוטיגקייט: אַ פּרויען־נאַטור... און דוקא פּרץ אַליין האָט דאָס אַלץ אויס־געצייכנט געוואוסט. איך געדיינק אַזאַ מין עפּיזאָד. עס איז געווען אַ וואַרשעווער נאָך־סוכּותדיגער אָוונט. רעגנדיג און נאַלעווקע־בלאָטיג. אינאיינעם מיט פּרצן בין איך געגאַנגען פון אַ זאַל, וואו ער האָט אָקאָרשט געהאַלטן איינעם פון זיינע גלענצנדסטע פאָרטראָגן פאַר אַ גרויס פּובליקום, וואָס האָט אים שטורמיש באַגריסט. ווי זיין שטייגער, האָט פּרץ געשפּאַנט אין דער קורצער פּעלערינע, מיטן אונגאַריש קאַפּעלושל אויפן קאָפּ אַזוי האַסטיג פאָראויס, אַז פּשוט ניט אָנצויאָגן אים. מיר האָבן ביידע געשוויגן: ווי תּמיד נאָך די „אַרויסטרעטונגען", האָט זיך פּרץ עפּעס ניט געהאַט וואו אַהין צו טון, ממש ווי שפּירנדיג זיך גופא פאַר אַ לאַסט... און אָט, אין מיטן דערינען, האָט זיך פּרץ אָפּגעשטעלט, צו מיר מיטן פּנים זיך אומגעקערט, און, אַרויפ־לייגנדיג אַ האַנט אויף מיינעם אַן אַקסל, רופט ער זיך אָפּ עפּעס אַזוי גוטמוטיג און שמייכלענדיג:

— עס געשען וואונדער, אַ?.. אַ פרוי, למשל, זאָל עס אַזוי באַהערשן אַן עולם מיט איר רעדנער־קראַפט... און עס זיינען נאָך דאָ אַזוינע, וואָס האַלטן ניט פון ווייבער...

פאַרוואונדערט האָב איך אים אָנגעקוקט: וועגן וועמען רעדט ער עס אַזוי?... און, ממש אין איין סעקונדע,

איז פּרץ ווידער געוואָרן דערשלאָגן ווי פריהער: דאָס פּנים אַלט און עפּעס ווי פאַרשוואָלן, אויפגעבלאָזן:

— אַ, ליטוואַק איינער, איר פאַרשטייט נישט?...— זאָגט ער צו מיר עפּעס מיט אַ צעבראָכן געמיט, נאָר כּלומרשט ווערטלענדיג זיך...— ווענן זיך אַליין רעד איך עס דאָך... בטבע בין איך אַ גאַנץ ווייכער מענש מיט אַ פרויען־נשמה... — אָט האָט איר אייך, אַגב, אַ שליסל צו מיר... — איך קאָן ניט זעהן, ווי מען רירט אָן אַפילו אַ פליג אויף דער וואַנט... ווייסט איר אָבער, פאַרוואָס איך טרעט אַזוי גערן אַרויס פאַר אַן עולם און בין גרייט מיט יעדן אַ מלחמה צו פאַר־פירן?... — איך בין אַ גוואַלדיג איינזאַמער מענש, נאָר ווי אַ פרוי קאָן איך קיין איינזאַמקייט ניט פאַר־טראָגן.. זוך איך כּסדר מיטלען, פון אָט דער שווערער ביטערער איינזאַמקייט צו אַנטלויפן... רייס זיך פּשוט אויף די ווענט... און אָט אויף אַזאַ אופן טאַקע, קייטלט זיך עס צונויף, אַז אין מיטן דערינען עפּעס פאַל איך גאָר אַריין אין אַ פילהאַרמאָניע, שפּאַר זיך אָן אויף אַ שטענדער, מיט אַ פאָרזיצער באַ דער זייט, און זאָג „ריידעס“...

...און דעם ריינעם אמת מוז מען זאָגן: פּרצן „פונאַנדערקייען“ איז בכלל געווען ניט גאָר קיין „גרינגער ביסן“. אַ חוץ אַלעם, איז דאָך פּרץ נאָך אַן אויסגעצייכנטער אַקטיאָר אויך, וואָס בלויז פונם „איבערבייטן“ די ראָליע האָט ער אפשר ניט ווינציגער הנאָה, איידער פון דער עצם ראָליע גופאָ, און פון

דעם נייעם אַנצוג, וואָס ער טוט אָן צוליב עפּעס אַ נייעם סצענע־דיאַלאָג און וואָס פאַרענדערט אים כּמעט לחלוטין, באַקומט ער, קאָן זיין, ניט קיין קנאַפּערן פאַרגעניגן, איידער פונם דיאַלאָג אַליין טאַקע... אָט אַזוי איז עס: אָט, למשל, דער זיידע מענדעלע, צי שלום־עליכם, אָדער אַפילו טיילוויִז שלום אַש, ווי זיי זיינען בתּוך, אָט אַזוי זעהען זיי אויס, איר ווייסט כּסדר — סיי אין זייער טאָג־טעגליכן לעבן, און סיי בעת איר פאַלט אַריין אין זייער קינסטלערישן איינקומעניש — מיט וועמען איר האָט דאָ צו טון. צווישן זיי שפּירט איר זיך עפּעס באַוואָרנט פון אומגעריכטע המצאות, און ס׳רוב קאָנט איר זיך גיין מיט זיי גאַנץ זיכער, וואוהין זיי זאָלן אייך ניט רופן... אַפילו זייערע אָנשטעלן איז לייכט צו כאַפּן. פּרץ אָבער האַלט עפּעס תּמיד, רוקט זיך, אין איין גרימירן און אויספיינען זיך. און דאָס גרימירן זיך און דאָס פיינען זיך איז אַפילו אויך פאַרשטעלט.

אָט, אַשטייגער, זיצט פּרץ באַ זיך נעבן שרייבטיש אין זיין קאַבינעט, וואָס זעהט, אַגב, אויס עפּעס ווי אַ טואַלעט־צימער פון אַ באַרימטער אַרטיסטין: צאַצקעס, פּיפּקעס, קייטעלאַך, געשניצטע הענטלאַך, אַלבאָמען, איינלאַדונגען, פונאַנדערגעוואָרפענע בריוו, באַרעליעפן, פאָטאָגראַפיעס אָהן אַ צאָל מיט אונטערשריפטן און פאַרשיידענע חפצים מיט מתּנות־שטעמפּלאַך... ער זיצט און טראַכט: ניט וועגן דעם טאָג גופא, וואָס איז שוין פאַרשוואונדן — אויב עס איז פאַרנאַכט — אָדער וואָס דאַרף ערשט דורכגיין — אויב עס איז פריהמאָרגן —

נאָר ווען די בגדים זיינען, וואָס ער האָט געטראָגן
אָדער וואָס ער דאַרף ערשט אַרויפציהען אויף זיך,
צי זיי זיינען צוגעפּאַסט צום פּאַרב פונם טאָג?...
גוטמוטיג, צוגעלאָזט. פאַר יערן נייעם מענשן, וואָס
באַווייזט זיך, בלייבט ער עפּעס שטיין אָפּהענטיג און
פאַרשעמט... און, אין מיטן דערינען נאָר, פאַרשטעלט
זיך פרץ עפּעס, ווי אַ האַרטנאַקיגער און אָנגערונצלטער
„פּרוש", וואָס איז אַלעמען מבטל, ווי דעם שטויב
פון דער ערד, און שטייענדיג עפּעס אָנגעבלאָזן, מיט
אַ פּלייצע צו אייך אויסגעקערעוועט, — גיט ער צו
פילן אין יערער תּנועה זיין שטאָלצע און אָפּט אויך
גאוהדיגע תּלמיד־חכמדיגקייט... פּשוט נאָר צו באַ־
וואונדערן, ווי קינעמאַטאָגראַפיש־גיך דאָס אַלץ קומט
פאָר און איר קוקט בעת מעשה און טראַכט: ווער פון
אָט די ביידע פּרצס איז עס דער ריכטיגער?... שווער
אָבער צו טרעפן: אפשר זיינען זיי ביידע טאַקע בלויז
אָנשטעלן?...

אָט אַזוי כּסדר: אַלע זיינע יאָרן האָט דאָך פרץ,
אויף פאַרשיידענע אופנים, פּאַקטיש פון „ראַליע צו
ראַליע" אומגעוואַנדערט און עפּעס קיינמאָל ניט גע־
קאָנט אָנזעטיגן זיך... באמת אַן אַרטיסט!...

ניט אַלע ראָליען פלעגן זיך אים פונדעסטוועגן איינ־
געבן: אָט, למשל, האָט זיך פרץ כּל ימיו ממש מיט
אַלע כּחות נאָך טיפקייט געיאָגט, אַזש אָהן אַן אָטעם
פאַרבליבן. האָט ער עס דערגרייכט?... אַדרבא,
בלעטערט דורך אַלע פּרצס ספרים, טאַקע פון טאָוול
ביז טאָוול. פרץ איז תּמיד שיין, פיין און פּראַכטיג

אויסגעפּוצט. אַ טעות אָבער צו מיינען, אַז פּרץ איז שטענדיג טיף און אָריגינעל: טיפקייט איז בכלל ניט קיין חפץ, וואָס מען קאָן אָנהאָרעווען. טיפקייט איז אַן אומזיסטע און כּשרע מתּנה פון גאָט, און דער בולט־סטער צייכן פון טיפקייט, איר „סימן מובהק", איז פּשטות: דער חומש, קהלת, עוואַנגעליע, סערוואַנטעס, טאָלסטאָי און אַלע איבעריגע — אַפילו ניט אַזוינע גרויסע — וואָס שטאַמען פון אָט דער משפּחה, צווישן זיי, אַגב, אויך אונזער זיירע ר' מענדעלע מוכר־ספרים... פּרץ אָבער איז דאָך ניט פּשוט נאָך מיט אַ הכרעה, ער שטרייננט זיך אַן בכיון צו זיין טיף, און פּונקט ווי פון זיין איינזאַמקייט, אַנטלויפט ער, ממש מיט אַ ווילדן אימפּעט, פון פּשטות און פון אָפּנהאַרציגקייט: דער־גאַנגען אַזש צו דעם, אַז אָנגעשריבן עפּעס אַ ווערק, וואָס — לויט פּרצס אויסדרוק גופא — „קיין ילוד־אשה וועט, רוכט זיך, ניט באַגרייפן", פלעגט ער פּשוט טאַנצן פון שמחה און פון גדלות...

צי, אַשטייגער, פּרצס יאָגן זיך „נאָך גרויסע און נאָך שיינע געראַנקען"; ווידער די זעלביגע געשיכטע: „גרויסע און שיינע געראַנקען" נעמט מען ניט מיט גוואַלד און אַפילו ניט מיט יגיעה: „היסח־הדעת" — זאַכן, און וואויל איז צו יענעם, וואָס פאַרמאָגט זיי... בּאַ פּרצן אָבער פּאַסירט, אַז אַפילו אַ געוויינטליכן געראַנק פאַרבייט ער גאָר עפּעס מיט אַ געפליגלט וואָרט. פּרץ, אַגב, איז בכלל שטאַרק צוגעלאָזט צו געפליגלטע ווערטער. ער פילט זיך צווישן זיי אַזוי היימיש, פּונקט עפּעס ווי אַ נאַפּאָלעאָן צווישן זיינע סאָלדאַטן. דאָס

געפֿליגלטע וואָרט אָבער איז דאָך, פּונקט ווי דער אַפּאָריסטיש־פּסוקימדיגער שטייגער דיינקען, בעצם עפּעס נאָר אַ חשוּריגע זאַך. ס'רוב: עפּעס אַ בלעך מיט אַ זילבערנער מראה... און אָט דאָ ווערט פּרץ אָפּט, טאַקע גאָר אָפּט און צו אָפּט, שטאַרק געשטרויכלט. נאָר מיינט ניט, אַז אָט דאָס אַלץ איז פֿאַר פּרצן עפּעס אַ סוד. ווי אַלע איינזאַמע מענשן, איז אויך פּרץ אפשר שוין צו פיל געניט אין זיך, און עס טרעפֿן בײַ אים אַפילו אַזוינע מינוטן, — אמת, מינוטן טרויעריגע, מינוטן יאושדיגע, פּונקט ווי דעמאָלט אין דער וואַר־שעווער רעגנדיגער נאָך־סוכּותדיגער נאַכט, בעת פּרץ האָט פֿאַר מיר, אומגעריכט, מיט אַ צעבראָכן געמיט זײַן פֿאַרביטערט האַרץ אויסדערציילט, — וואָס ער איז זיך כּמעט ווי בפרהסיא מודה אין אָט די אַלע חסרונות. אָט איר געדיינקט, אגב, מיט וואָסערע שטרייגע און שאַרפֿע טענות עס איז איין מאָל אַרויסגעטראָטן קעגן פּרצן עפּעס אַ איר שמעיה בטלן?.. — „וואָס ביסטו אַזוי גרויס בײַ זיך“?.. — האָט זיך אָט דער שמעיה, אָהן אַ שום נשיאת־פּנים, צעלאַרעמט אויף פּרצן... „רו זעהסט מער, אָבער צי זעהסטו טיפֿער?.. און אויפֿן שפּיץ טורעם, צום הימל נאָהענט, צו די שטערן, וועסטו בעסער אָדער טיפֿער זעהן?!.. אייביג וועט זיך דײַן בליק גליטשן איבער די זאַכן, פֿון אויבן גליטשן, ניט אַרײַנדרינגען אין דער זאַך אַליין, אינם עצם־זאַך: אין דער נשמה פֿון איר“... און פּרץ האָט עס צו־געהערט און געשוויגן: אייגנטליך, האָט דאָך דאָ פּרץ דורך שמעיה בטלנס מויל אַליין מיט זיך ווידוי געזאָגט...

יאָ, פּרץ איז טאַקע געווען דער אמתער מבין אויף זיך, אַ שאָד אָבער און אפשר גאָר טאַקע אַ גרויסער שאָד, וואָס ניט אַלע זיינען געווען אַזוי שטאַרק באַהבינט אין פּרצן, ווי פּרץ גופאָ...

...אָט דאָס זיינען די הויפּט־סימנים, וואָס לויט זיי לאָזט זיך עס דערקענען פּרצס כאַראַקטער, און מיר דוכט: זעלטן, זעהר זעלטן, צו געפינען נאָך אַ שריפט־שטעלער — ניט בלויז צווישן אידן אַליין — וואָס די ווערק זיינע זאָלן זיך האַלטן אַזוי פאַרקניפּלט מיט זיין פּערזענליכן כאַראַקטער, ווי יצחק־ליבוש פּרץ. ניט ווייסנדיג אָט די סימנים, בלאָנדזשעט איר אום עפּעס, ווי אַ גר, איבער פּרצס ספרים און ווייסט ניט ממש, ווי אַרויסצופּלאָנטערן זיך.

באמת, אָט לאָמיר נעמען אַזאַ מין ביישפּיל. איך לייען, אַשטייגער: «Смерть Ивана Ильича» פונם גראַף טאָלסטאָי, און עפּעס נויט מיך, עפּעס טרייבט מיך, פּשוט מיט בייטשן, צו דיינקען וועגן טויט און וועגן תּחית־המתים, וועגן ד ע ר וועלט און וועגן י ע נ ע ר וועלט, וועגן גוטע מעשים און וועגן זינד און וועגן אַלע איבעריגע שאלות פון אָט דעם סאָרט. איר זעהט באַשיימפּערליך פון יעדער שורה, ווי הינטער די פּלייצעס פונם געוויינטליכן לעבעדיגן לעבן, וואו אַלץ איז, דוכט זיך, סוף כּל סוף, אַזוי געמיטליך און אַזוי איינגעפּאָרן און איינגעשטעלט, — שטייט און וואַרט אויף אייך מיט אַן אָפענעם מויל די תוהו־ובוהודיגע, אומרוהיגע און אומ־באַוואוסטע וועלט, וואָס נאָכן טויט, און עס גרוילט...

זאָל זיין גאָר פּשוט: אַ מענש זינדיגט, ער שפּירט זיך עפּעס ניט ציכטיג, און מיט אַט אַזאַ אויסזעהן וועט ער עס אין אַזאַ תּהום אַריינפאַלן... וואָס, אפשר פּחרנות? נו, אַז פּחרנות, איז וואָס?.. אַט אַזוי אָבער איז עס דאָך... היינט בכלל, ווי קאָן מען זיך עס רען אויסמאָלן אַזאַ גוואַלדיגע געשעהעניש אין אונזער לעבן, ווי דאָס אָפּוועגנען זיך אויף א י ב י ג מיט דער איינענער ערד, גאָר, לגמרי, אָהן „השגחה־פּרטית"?.. און עפּעס אַזאַ אומאויסדריקליכער אומעט פילט זיך דערביי, פּונקט ווי פון שקיעהדיגע זון־שטראַלן, בעת זיי שפּרינגק־לען זיך אויפן פּנים פון אַ מת... נאָר ניט טאָלסטאָי גופא זאָגט עס אַט דאָס אַלץ. אַפילו וועגן דעם מלאך־המות רעדט ער מיט אונז אויך ניט אוים ממש קיין האַלב וואָרט. דער מלאָך־המות איז גאָר פאַר אים עפּעס אַן עפּיזאָרישע פיגור,—טאַקע בלויז אַ „שליח"... טאָלסטאָי דערציילט אונז נאָר דערהויפּט וועגן דעם, ווי איוואַן איליטש שטאַרבט אָפּ, ווי שווער עס קומט אָן דאָס צעשיידן זיך מיטן גוף, בכלל וועגן די יסורים פונם טויט, און מיר אַלע, שוין אינאיינעם מיט טאָל־סטאָיען, נעמען די פּאָרעס, וואָס האָט זיך אָקאָרשט פאַר אונזערע אויגן איבערגעריסן, און שפּינען און וועבן זי ווייטער, ציהענדיג אַהין, וואו אונזער אויג האָט קיין שליטה ניט.

איינגנטליך, איז דאָך דאָס אויך פּרצם טעמע: כּסדר, רוכט זיך, ער טראָגט זיך אַרום מיטן טויט און מיט „יענער וועלט". נאָר טאַקע אָבער בלויז אַ טעמע: אַט דאָ האָט זיך עס אפשר שאַרפער, ווי אומעטום, אַרויס־

געוויזן דער תּוך פֿון פּרצס פּערזענליכקייט: ניט וועגן דעם אָפּשטאַרבן פֿונם מענשן דערציילט אונז פּרץ, נאָר וועגן דעם אויסזעהן, וועגן דעם פּ ר צ וּ ף פֿונם מלאך־המות. אַפֿילו אַזאַ האַמעטנע און וואָגיגע זאַך, ווי טויט, באַנעמט אויך פּרץ עפּעס טעאַטראַליש, פּרויען־שטיינגערדיג. אָט קוקט אָן פּרצס מלאך־המות: עפּעס ווי אַן „ערשטער ליבהאָבער" אויף דער סצענע שפּאַ־צירט ער זיך אום איבער דער וועלט. אַ סטיליזירטער, אַן אויסגעפּוצטער... היינט, ווי דעקאָראַטיוו־קאַלט און אויסגערעכנט־רוהיג פּרץ באַשרייבט עס אים, אָט דעם גזלן: די ווערטער פּשוט געטאָקט און געפּיילט, יעדעס פּינטעלע — אַ פּערל, אומעטום גלאַטיג, אָהן אַ שום פּגימה... מיר אָבער בלייבן אויך דערביי גאַנץ קאַלט און רוהיג: עס ווייזט זיך גאָר פּלוצלינג אַרויס, אַז דער „מלאך־דומה" איז בעצם אַ גאַנץ וואוילער יונגערמאַן, וואָס לאָזט זיך ריידן, און פֿון אַ פּרויען־שמייכעלע אָדער פֿון אַ הומאָריסטישער רעפּליקע פֿאַלט ער אַריין אין אַזאַ התפּעלות, אַז ער ווערט ממש ווייך, ווי וואַקס. אַפֿילו דאָס שרעקליכסטע, וואָס מיר קאָנען זיך נאָר פֿאָרשטעלן — דער טויט — גייט אויך אַרויס פֿון פּרצס הענט אין אַזאַ געשטאַלט, אַז מיר הערן אויף לגמרי מוראָ צו האָבן פֿאַר אים. דער גרוילנדיגער „תּהום" ווערט עפּעס פֿאַרוואַנדלט אין אַ מין גן־ערן־קאַבאַרעט... און אָט דאָ, אין דעם פּונקט, איז עס באַגאַנגען געוואָרן אפשר דער גרעסטער טעות בנוגע צו פּרצן.

פּרץ איז געזעסן כמעט אַלע זיינע יאָרן אין אַ מאָ־דערנעם דאַמען־בּודואַר און פֿאַרן שיין פֿון קאָלירטע

לעמפּעלאַך צווישן שיינע און אַנגענעמע שמועסן „סענ־
טימענטאַל־טראַגישע" מעשׂיות דערציילט: ער האָט דער־
ציילט וועגן רייזנדער אין וואונדער־לענדער; וועגן שטערן,
וואָס בּיינקען נאָך רויזן; וועגן שלאָפלויזע ליבּע־נעכט
און נאָך אַזוינע געשיכטעס; און אויך וועגן מלאך־המות
און וועגן גהינום און גן־עדן, און געמיינט האָט מען,
אַז דאָס „דיכטעט" ער מיסטעריעס... אַגבֿ, אַפילו אָט
די „בּורואַר־געשיכטעס" פלעגט פּרץ ליבּ האָבּן, ס׳רוב,
צו דערציילן נאָר אויפן וואונק. טאָלסטאָי אָבער, למשל,
ווינקט ניט. די אמתע קונסט ווייסט בּכלל ניט פון ווינקע־
נישן: טויבּ־שטומע ווינקען. די אמתע קונסט בּאַזייטיגט
אַלע רמזים, און ליכטיג ווערט מיט איר אַריינקומען
דאָרטן, וואו עס האָט אָקאָרשט אַ שטאָק־פינסטערניש
געהערשט. אין דעם בּאַשטייט דאָך טאַקע בּכלל די
עובדא פון דער קונסט, וואָס זי זאָגט אויס שטענדיג
סודות... און בּאַ פּרצן טרעפן זיך אויך רגעס גליקליכע,
רגעס געהויבּענע, — אמת, טאַקע געציילטע — בּעת
ער ווינקט ניט: דעמאָלט, ווען ער ד ע ר צ י י ל ט מעשׂיות
פונם פ אָ ל ק... אָט אין די רגעס, וואָס פּרץ איז זיך
אַליין גובר, דערגרייכט ער בּאמת די העכסטע מדרגה
פון גדלות: עס קאָן זיין, אַז ווען עס איז וועט ווירקליך
קומען אַזאַ צייט, וואָס ניט בּלויז דער אויסגעמאָגערטער
און אויסגעתעניתטער אַסקעט גופא וועט ניט זיין
בּנמצא אויף דער וועלט, נאָר אַפילו די אַבּסטראַקטע
אידייע פון סיגופים וועט ווערן ממש טאַקע אומפאַר־
שטענדליך פאַר דער מענשהייט, — און דאָך, אַפילו
אָט דעמאָלט וועלן אויך פּרצעס „מקובּלים", למשל, ניט

פאַרלירן זייער גרויסן ווערט: אייביג אפשר וועלן זיי ציהען צו זיך מיט זייער קינסטלערישן גלאַנץ, פּונקט, אַשטייגער, ווי די רענעסאַנס־מאַראָנעס אין די קריסט־ליכע קירכעס און קלויסטערס זיינען נאָך אויך אין אונזערע טעג אַן אָביעקט פאַרן רעליגיעזן קולט, אַפילו פאַר די, וואָס האָבן שוין פון לאַנג אָן אויפגעהערט צו זיין רעליגיעזע קריסטן, ווי אויך פאַר די, וואָס זיינען קיינמאָל גאָר קיין קריסטן ניט געווען... ווי איינפאַך און באַ־שיידן דאָ איז יעדע שורה, יעדער אות. זעהענדיג די „מקובלים", שפירט איר זיך עפּעס ווי אינגאַנצן אויס־געטאָן פון די אייגענע חושים: רוכט זיך, אַזאַ חושכדיגע, אַזאַ אייגנג בית־המדרשל, און עפּעס אַזוי רחבותדיג, אַזוי ווייס, פונקט ווי אַן אָנהויב־חודשדיגער לבנה־הימל וואָלט ממש טאַקע אויפן קאָפּ געלעגן.

אָט צו וואָס פאַר אַ מדרגה עס דערגרייכט פּרץ דער פּ ש ט ן, פּרץ דער דערציילער. ווי זעלטן אָבער עס טרעפן אָט די געבענשטע און אָט די גליקליכע רגעס באַ פּרצן...

...און דאָך איז פּרץ, אָהן שום ספק, אַ מענש מיט שטריכן פון אַ גאון. זיינע סימני־גאונות דריקן זיך אויס דערהויפּט אינם געהער און אינם געפיל. די גאַנצע לופט, וואָס פּרץ עטעמט מיט איר, איז דאָך אָנגעזאַפּט מיט אַזוי פיל קלאַנגען און פאַרלאַנגען, אַז טאַקע נאָר צו חידושן זיך. פּרצס צרה אָבער באַשטייט דערין, וואָס ער קאָן זיך ניט קאָ נ צ ע נ ט ר י ר ן אויף אָט די קלאַנגען. בעת ער וויל, ווי אַ קינסטלער, פאַרקערפּערן

זיי אין באַשטימטע פאָרמען, קאָנקרעטיזירן זיי אין געוויסע בילדער, — גיין זיי אַרויס אָפּגעהאַקט און מטושטש־דיג, נאָר אָט דאָס איז דאָך טאַקע דער מקור פון דער פּרץ־טראַגעדיע בכלל. ווי אַ פּערזענליכקייט כאַפּט ער זיך אָפּט אַריין גאָר אין די הויכע און אין די ווייטע וועלטן, אין די בייראָנישע און אין די געטעשע. ווי אַ קינסטלער אָבער, טרעפט נאָך אָפטער, אַז ער הויבט זיך אויף טאַקע עטוואָס העכער פונם דורכשניט־מענשן און קאָן ריידן פיל און שיין וועגן אמתן פון צוויי מאָל צוויי איז פיר...

באמת: עס איז ניט סתם עפּעס אַ קאַפּריז פון אַ „ליטעראַט“, וואָס פּרץ האָט, ווי עס איז באַוואוסט, אַלע זיינע יאָרן אַזוי געגאַרט נאָכן גרויסן ראָמאַן און נאָך דער דראַמע. דאָס האָט דער גייסטרייכער שריפט־שטעלער געגאַרט אַ ק י נ ס ט ל ע ר צו זיין, און גע־טראַכט האָט פּרץ, אַז שפּאַנענדיג איבער אָט די לאַנגע און פאַרפּלאָנטעטע וועגן, וועט ער מוזן, ממילא מוזן, כדי ניט צו בלאָנדזשען, קאָנצענטרירן דאָס אויג אויפן גלייכן שליאַך, און אויף אַזאַ אופן — זיין צוועק צו דערגרייכן...

פּרץ אָבער, לויט זיין גאַנצן מהות, איז אייגנטליך געווען נאָר אַ שיין־דריינקענדיגער און פיין־פילנדיגער פעלעטאָניסט, טאַקע אינם אויסדערוויילטסטן און אינם בעסטן אויסזעהן. און ווי אַזאַ פעלעטאָניסט האָט פּרץ, בעצם, געדאַרפט האַלטן אפשר די אייראָפּייאישע אינ־טעליגענץ אין זיינע הענט, טאַקע אויפן הייגישן שטיי־גער. איז דאָך אָבער פּרץ אַ אידישער שריפטשטעלער

געווען: האָט ער זיך ס׳רוב מיט שטריימלאַך גע־קריגט, מעשיות וועגן צדיקים און וועגן חסידים אין „ראַמען־בורואַרן״ דערציילט און איז פּאַקטיש געבליבן עפּעס אַ מין „וואונדער־קינד״ כמעט ביזן טיפן עלטער... יאָ, פּרץ האָט טאַקע געהאַט דאָס פולע רעכט צו זאָגן אויף זיך, אַז „אַנדערש וואָלט זיין ליד געקלונגען, ווען ער וואָלט ניט פאַר אידן אידיש זינגען״. פּרץ האָט דאָ זיך גופא געשפּירט אין געטאָ צווישן אידן עפּעס ווי אין אַ געפענגעניש.

... אָט דאָס איז, דוכט מיר, פּרצס ריכטיגע געשטאַלט, ווי ער וועט אויך פאַרשריבן און פאַרצייכנט ווערן אינם „ספר־הזכרונות״, וואו עס זיינען שוין פאַרשריבן און פאַרצייכנט געוואָרן די איינציגע אויסדערוויילטע, יענע העלדן, וואָס האָבן דעם פונדאַמענט פון דער אידישער ליטעראַטור געבויט. אמת, פּרץ איז אפשר ניט דער גרעסטער שרייבער צווישן זיי. ער פּרץ איז דאָך אָבער צווישן זיי דער ה י י נ ט ו ו ע ל ט י ג ס ט ע ר און, ווי אַ פּערזענליכקייט, טאַקע די גלענצענדסטע פיגור.

כבוד מלכות
(טעאָדאָר הערצל)

אין אַ ווייס־רוסיש קליין שטעטעלע, וויטעבסקער גובערניע, וואו איך האָב גראָד צופעליג רעמאָלט געלעבט, האָט עס פּאַסירט אָט די מערקווירדיגע געשיכטע. אַריינפאָרנדיג אין שטעטעלע, בין איך עפּעס נשתּומם געוואָרן פון דעם, וואָס איך האָב דערזעהן: אַפילו צווישן די פאַרלאָזענע און פאַרשטויסענע ווייס־רוסישע ישובים, וואָס האָבן, דוכט זיך, דעם אָנבליק פון די אור־אַלטע נאָמאַרן־געצעלטן — אַ זעלטענער העק..

קיין „מאַיאָנטקעס״ זיינען דאָ כמעט ווי ניט בנמצא; די אַלע פּריצישע הויפן, וואָס זיינען חרוב געוואָרן אין די צייטן פון די פּוילישע אויפשטאַנדן, זיינען דאָ אַזוי פאַרבליבן פּוסט און וויסט, און די קאָסטיאָלם—פאַרברענט. צו דעם נאָך געפינט זיך עס, אָט דאָס שטעטל, היפּש עטליכע מייל וויט פון אַ טייך, פון אַ באַן, און צענדליגער ווערסטן ציהען זיך אָהן טראַקטן און אָהן וועלדער. וואוהין מען גיט נאָר אַ וואָרף מיט אַן אויג: בלאָטעס־קאַלראָבענעם אין פאַרעיפּושטע שטילע אָזערעס, פאַרשטעלט פונם ליכטיגן שיין מיט אווזאָרן פון פעט־קאָלירטן שפּינוועבס. און תּמיד שטיל,

אַז עס דוכט זיך: דרויסן כּמעט ניטאָ קיין שום אונטערשייד אַפילו צווישן די שבתים, ימים־טובים און פֿסרדריגע וואָכעדיגע טעג. פֿון נאָך פּסח אָן, זינט איך האָב זיך דאָ צופֿעליג באַזעצט, ביזן סוף זומער — בעת איך בין אָפּגעפּאָרן פֿון דאָרטן — זעלטן ווען אַ נײַ פּנים געזעהן. אויסער איין מאָל אין חודש, אין די איינגעשטעלטע יריד־טעג, אָדער אין די גרויסע חגאות, פֿלעגט אַהערצו אַפילו אַ פֿויער אויך ניט פֿאַר־בלאָנדזשען: לגמרי עפּעס אַן אָפּגעצוימט, אָפּגעזונדערט מלוכהלע פֿון אַן ערך הונדערט הייזלאַך, באַזעצט פֿון עק ביז עק מיט אַ אידישן שבטל. און געהאַלטן האָט זיך עס, אָט דאָס „מלוכהלע", ממש טאַקע אויף „גאָטס נסים". אַפילו די אַלטע לײַט און פֿון דור דורות איינ־געפֿונדעוועטע בעלי־בתּים פֿלעגן פֿסרר טענען קרעכצנדיג:

— טאַקע נאָר דער הימלדיגער אַליין ווייסט, וואָס עס קאָן זיך נאָך מאַכן. אָט זאָל די בייזע שעה ניט זיין, און אַ שׂרפֿה זאָל חס ושלום פּלוצלינג אויסברעכן, וועט קיינער דאָ, מסתּמא, אַפילו אַ פֿלאָקן צוריק ניט איינשטעלן.

אָט אַזאַ געשטאַלט איצט און אַזעלכע אויסזיכטן אויף שפּעטער האָט עס געהאַט אָט דאָס שטעטל, וואו איך בין מגולגל געוואָרן.

פֿאַר זיך און אָפּגעזונדערט האָב איך זיך דאָ געלעבט. פֿון די עטליכע צענדליג משפּחות, וואָס האָבן דאָס שטעטל באַזעצט, איז געווען בלויז איין מענש, מיט וועמען איך פֿלעג זיך זעהר אָפֿט באַגעגענען, דאָס איז געווען אַן אָרטיגער מלמד, וואָס האָט געהייסן קלמן דער

מדקדק, אַ לאַנגער, אַ דאַרער איד מיט הויכע פּיס, מיט אַ רונד־קיילעכדיג שוואַרץ־גרוי בּערדל, פּאַרקעמט לויטן ווילנער השכּלה־סטיל פון קלמן שולמאַנס און פון ר״שי פּינס צייטן מיט בּלויע שפּאַקולן אויף דער נאָז און שטענדיג פּייכט־איינגענעצטע פּאותלאַך, וויי־בּעריש פּאַרקאַשערט הינטער די אויערן, און אין אַ לאַנגען סורדוט, אַן אַלטן, פונם קראַגן בּיז עק פּאָלע פּאַרלאַטעט און אָפּגעריבּן — און דאָך תּמיד רייג־ציכטיג, פּונקט ווי אַ מלבוש פון אַן אַפּטייקקרעמער. עפּעס ווי אַ פּראָווינציעלער „קאָר־חזן״ אויף דער עלטער, האָט ער אויסגעזעהן, אָט דער קלמן, לויט זיינע תּנועות און מאַנירן...

ממש, ווי נאָר איך בּין פונם וואָגן אַראָפּגעקראָכן, האָט ער זיך עפּעס ווי צוגעקלעפּט צו מיר, אָט דער איד: כּמעט איין טאָג ניט געטראָפן, וואָס ער זאָל ניט אַריינשפּרינגען צו מיר בּאַגינען — ערשט אַ בּליאַסק אויף טאָג — רופן מיך בּאָרן זיך אין סאַזשעלקע, אָדער בּין מנחה למעריב איינלאַדן מיך גיין שפּאַצירן הינטערן שטעטל אין אַ קליין בּיעראָזן וועלדל, וואָס איז געשטאַנען געדיכט צונויפגעפּלאָכטן אויף אַ בּערגל, ווי אַ סוכּה צוגעבּויט צום שטעטל־בּנין. נאָר מיין שטענדיגער און פּינקטליכער גאַסט איז ער געווען יעדן פריהמאָרגן פון נאָכן ותיקין־דאַוונען בּיז די חדר־יינגלאַך קלייבּן זיך צונויף. עס האָט זיך געמעגט דונערן און בּליצן, ווי נאָר אָבּער דער שטעטלדיגער שמש האָט דעם צווייטן „מנין״ אויסגערופן, פלעגט זיך תּיכּף אַריינשטופּן צו מיר דורכן טיר אָט דער קלמן מיטן טלית־זעקל אונטער

איין אָרעם, און אונטערן צווייטן אָרעם די צייטונג „הצפירה“, וואָס ער פלעגט אויסשרייבן און אַליין מיט די אייגענע הענט פון דער פּאָסט אַראָפּנעמען. טאָג אין טאָג אָט אַזוי — אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד פלעגט ער בײַ מיר פאַרברענגען, מעשה בן־בית, יעדער פריה־מאָרגן, און ס׳רוב פירן זיך אַזוי, פּונקט ווי איך וואָלט גאָר ניט געזעסן בעת מעשה אַנטקעגן. פלעגט זיך טרינקען טיי, רויכערן פּאַפּיראָסן, בלעטערן סתם אַזוי זיך אַ ספר, רייבן דעם שטערן, לייענען פאַרטראַכטערהייט די „הצפירה“ און גלאָט עטעמען בהרחבה. געפילט זיך היימיש!..

אַ מאָדנער פאַרשוין געווען אָט דער קלמן: בטבע אַ מרה־שחורהדיגער, באַשיידענער, שעמעוודיגער און איינזאַמער, פלעגט ער קאָנען אָט אַזוי מעת־לעתן גאַנצע אָפּזיצן מיט מיר פּנים אל פּנים און שווייגן, עפּעס עקשנות־דיג שווייגן, אַפילו כאָטש פון יוצא ווענן ניט ענטפערן, בעת איך פלעג זיך גאָר צו אים ווענדן. און לויט ווי איך האָב באַמערקט, האָט ער פאַרמאָגט בלויז איין איינציגן פּונקט, וואָס פלעגט אים מאַכן ריידעוודיג: דאָס איז געווען דער דאָקטאָר הערצל. אַ המצאָה פון אַ אידן! עס האָט זיך נאָר געדאַרפט פאַרבינדן אַ שטיקל שמועס וועגן דעם דאָקטאָר הערצל, און קלמן דער מלמד פלעגט אין איין סעקונדע ממש אין אַן אַנדער מענטשן פאַרוואַנדלט ווערן: האַסטיג אַראָפּשלײדערן פון דער נאָז די בלויליכע שפּאַקולן, אָנגעבלאָזן, פאַרלייגן אַ פוס אויף אַ פוס און עפּעס, ווי אַ בעל־מגזם אַ שרכן, פאַרפלייצן מיך מיט אַ ים ווערטער און אַלץ

וועגן דעם ראָקטאָר הערצל. עס פלעגן זיך פּשוט שיטן מעשׂיות אויסגעלייענטע און מעשׂיות אויסגעטראַכטע וועגן דעם ראָקטאָר הערצלס נסיעות, וועגן דעם כּבוד, וואָס מען גיט אים אָפּ אין די קיניגליכע הויפן און בּאַ דעם פּויפּסט אין רוים, און מעשׂיות וועגן דעם ראָקטאָר הערצלס יחוס־בּריוו און זיין פאַמיליען־לעבן. אָט די אַלע מעשׂיות, אַגבֿ, מיט פאַרשיידענע פּאָרטרעטן פונם ראָקטאָר הערצל אילוסטרירט: און דערבּיי פלעגט קלמן תּמיד פאַרענדיגן אַלע זיינע „הערצל־מעשׂיות" מיט איין און דעמזעלבּיגן, עפּעס ווי איינגעחזרטן, פּזמון:

— רבּונו של עולם, געזונט זאָל ער נאָר זיין, דער ראָקטאָר הערצל! עפּעס אַ קליינינקייט צו זאָגן, וואָס ער האָט מיט מיר אָפּגעטאָן? — פון אַ לײמענעם שערבּל האָט ער אַ שטיקל „יש" געמאַכט.

און כּדי איך זאָל ווי געהעריג פאַרשטיין זיין שייכות צו דעם ראָקטאָר הערצל, אַז ער רעדט ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין, פלעגט מיר קלמן אין פאַרשיידענע נוסחאות דערבּיי אויך זיין אייגענע בּיאָגראַפיע דער־ציילן, כּמעט פון געבּוירן אָן. פיל האָט ער זיך מיר אָנגעדערציילט אין אָט די זומערדיגע פריהמאָרגנס. און פון דעם אַלץ האָבּ איך זיך אָט וואָס דערוואוסט:

אָט דאָ, אינם שטעטל גופא, איז עס קלמן געבּוירן געוואָרן און אויפגעהאָדעוועט זיך. זיין טאַטע איז אַ זייגער־מייסטער געווען און אַ שטיקל מקובל. קליינער־הייט האָט קלמן פאַר אַן עילוי געשמט אין דער גאַנצער געגנט, נאָכדעם אַ געראָטענער בּחור געווען און אַ פיינער מושלם. נאָך גאָר יינגלווייז אין די ישיבות

אַוועקגעשלעפּט זיך, און וואַלגערנדיג זיך אין פאַרשיי־
דענע ישיבות פון מיר, טעלז און סלאָבאָדקע — האָט
ער פאַר זיך געטרוימט מיט דער צייט אַוועקצולאָזן זיך
קיין בערלין אָדער בודאַפּעשט שטודירן. מסתּמא וואָלט
מיט דער צייט טאַקע, סוף כּל סוף, אַ דאָקטאָר־
ראַבינער פון אים אַרויסגעקומען. די צייט איז דוקאָ
געווען אַ גינסטיגע: דעמאָלט האָבן דאָך נאָך געלעבט
אַזוינע לעמפּערטן, ווי גרעץ, וויס, פראַנקל און אַנדערע
גדולים... דאָס האָט אָבער אפשר טאַקע נאָר געַ־
קאָנט זיין. אָנשטאָט צו פאָרן קיין בערלין אָדער
קיין בודאַפּעשט, האָט קלמן גענומען און איינמאָל אין
אַ שבת־נחמו גאָר חתונה געהאַט, טאַקע פונם אייגענעם
שטעטל גופא, מיט אַ שיינקערינס אַ טאָכטער, אַ בת־
יחידה, אַ יתומה אָהן אַ פאָטער, און איז אָט אַזוי
פאַרזונקען געבליבן אין אָט דעם בלאָטיגן העק אויף
אייביג. הגם תיכּף נאָך דער חתונה אין פּרנסה ניט
גענוויטיגט זיך — דער נדן איז נאָך געלעגן ניט געריהרט,
די מחיה־שטוב האָט געגעבן איבער גענוג אויף אַלץ,
און קלמן איז גאָר געווען אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן
אינם „מפתח", וואָס ער האָט געמאַכט אויף דקדוק,
און אין לערנען זיך רוסיש — פונדעסטוועגן האָט ער
אָנגעהויבן צו קנעלן צוויי שעה אין טאָג, כּלומרשט
אַלס פּריינט־חבר, מיטן שטעטלדיגן גבירס זון, עפּעס
ווי פון פרייליכקייט וועגן, און אָט אויף אַזאַ אופן,
ביסלעכווייז, אין מלמדות אַריינגעצויגן זיך. נאָכדעם, אַז
קלמנס שוויגער איז אָפּגעשטאָרבן, דער נדן צעטרענצלט
געוואָרן און פונם שפּע־הויז זיינען נאָר עטליכע גוואישע

משכּנות געבליבן עפּעס ווי אויף אַן אָנרייַנק, האָט זיך קלמן גענומען טאַקע צום ריכטיגן קנעלן. אמת, פון אָנהויב ניט געוואָלט אַזוי גרינג אונטערגעבן זיך. מיט אַלע כּחות געעקשנט זיך: אַ חרר־מתוקן געגרינדעט מיט פּאַרטעס, מיט אַ שוואַרצער גריפּל־טאָוול אויף דער וואַנט, מיט קלאַסן, אַפילו אַ גלעקל אײַנגעפירט. האָט מען אָבער פון אים אין די הויפּנס געלאַכט, און עס האָט טאַקע ניט אויסגעהאַלטן: קלמן דער מדקדק איז געוואָרן לסוף אַ פּשוטער מלמד, לויטן מוסטער פון אַלע שטעטלדיגע מלמדים...

דערווײַל נאָך דערצו אַ היפּשער בעל־מטופּל אויך געוואָרן, און עס זײַנען אַוועקגעגאַנגען לאַנגע ביטערע יאָרן פון רחקות, פון פאַרשטערטע שבּתים און ימים טובים, פון שפּלות און פון שטענדיגע שטוביגע צאַנקערייען. געמאַטערט און געשטופּט זיך, און אויסגעוועבט האָבן זיך זײַנע ייִנגלישע חלומות, וואָס ער פלעגט זעהן אַמאָל, ליגנדיג אויף די האַרטע ישיבה־בענק. קלמן האָט זיך אָפּגעלאָזט עפּעס איצט און פאַרבטלנט... אינם שטעטל האָט מען שוין אָנגעהויבן מיט קלמנען צו טרייסטן די טאַטעס, וואָס זײַנען געשטראָפט געוואָרן מיט שלעכטע קינדער.

„נישקשה, חתונה האָבן איז אַפּנים אַ סגולה צו אַלץ... וויל מען סטאַלירן אַ מענשן און מאַכן פון אים אַ שטיקל מהות, דאַרף מען פריהער אָנשיקן אויף אים, לכל הפּחות, אַ האַלב טוץ קינדער“... — פלעגן זאָגן די שטעטלדיגע חכמים, קוקנדיג, ווי קלמן האָט זיך טאַקע „סטאַלירט“: אין די שלש רגלים גלײַך נאָכן ראַוונגן

האָט קלמן אָנגעהויבן אומצושפּאַנען מיט די קינדער איבער די בעל־הבתּישע הייזער און, ווי אַלע כּלי־קודש, זאָגן „גוט יום־טוב“; ווינטער פֿאַרן ראַוונען, ווי אַלע אָרימע אידן, פֿירן שעהן לאַנג אויפֿן מאַרק, כּדי צו כאַפּן עפּעס בײַ אַ גוי אַ מציאהדיג וועגעלע האָלץ, וואָס מען קאָן זיך ניט פֿאַרלאָזן אויפֿן ווײַב אַליין; זומער, ווי אַלע דרדקים פֿונם שטעטל, צוויי מאָל אין טאָג, מעשה ייִנגל, אומטאַנצן איבער די גאַסן מיט זיין ציג, טרײַבנדיג זי מיט אַ ריטעלע אין פֿעלד אַרײַן פּיטערן זיך; אין די טומלדיגע פֿאַרנאַכטן פֿון די יריד־טעג קלײַבן אײַנציגווײַז הײַעלאַך און שטרויעלאַך אויפֿן מאַרק, און אין די בּית־עלמינדיג רוהיגע און אומעטיגע בּין־הזמנימדיגע נאָכמיטאָגס, פּויזנדיג אויף די הענט, צונויפֿשאַרן פֿון די גערטנער די אַראָפּגעפֿאַלענע געלע בּוימער־בּלעטער און פּלוצערן־צווײַגלאַך, כּדי צו פֿאַר־שיטן דעם דירה־בּוידעם נעבן קוימען.

סוף כּל סוף האָט קלמן אַזאַ מדרגה דערגרייכט, אַז אַפּילו די געקרווינטע בּעלי־בּתּים — די ריכטיגע מיוחסים און די אמתע מופלגים — האָבן שוין אויך אָנגעהויבן צו שיקן זייערע קינדער צו אים אין חדר. צו דעם האָט זיך קלמן אַפּילו פּיזיש עפּעס געענדערט: קלמן איז קלענער געוואָרן, אײַנגעהויקערט און קרוע־בּלוע, ממש ווי אַ בּעטלער און עובר־ושב: די שטיוול תּמיד מיט צוקער־שטריקעלאַך עפּעס ווי פֿאַרפּענטעט און אַליין עפּעס ווי אַרײַנגעשטופּט אין אַ לאַנגען און בּרייטן צעלעכערטן שוואַרצן בּורנוס אָהן אַ סטאָן פֿונם סאָרט חברה־קדישא־מלבּושים. און אָט דאָס אַלץ האָט

קלמנען שוין גאָר ניט געקימערט אויך: אַפילו דעם אייגענעם יאוש כמעט ווי ניט געשפּירט... אָט אַזוי האָט עס קלמן כמעט ביז גרויע האָר דערגרייכט...

נאָר אין מיטן דערינען האָט זיך דער דאָקטאָר הערצל באַוויזן אויף דער וועלט און אים, קלמנען, עפּעס די צעדרוזגעטע ביינער אויסגעגלייכט, דאָס לעבן באַשיינט. קלמן דער מדקדק האָט אָנגעהויבן עפּעס צאַפּלען זיך און פונם זומפּ זיך צו דראַפּען. מאָרגן: אין פּלוג, וואָס פאַר אַ שייכות?... אָט אַזוי איז עס אָבער די מעשה: יעדער טראָט, וואָס דער דאָקטאָר הערצל פּלעגט מאַכן דאָרטן אין די מדינות, פּלעגט זיך תיכף אָפּרופן אָט דאָ אויף קלמנען. קלמן איז געוואָרן עפּעס שטאָלץ באַ זיך און שעמען זיך אָנגעהויבן מיט אַלץ, וואָס דאָס אויג זעהט און דער אויער הערט. שווער געוואָרן די אייגענע חרפּה צו טראָגן: אין אַזאַ צייט, בעת ממש הימלען שפּאַלטן זיך, ווי טראַכט מען עס פון נאָך פּסח אָן וועגן קרויט, וואָס מען וועט דאַרפן שטעלן זייערן ערשט נאָך סוכּות?... ווי גייט מען עס אום אַזוי אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, בעת מען הויבט אָן צו ווערן שטיקלאַך בעלי־בתּים, מיט וועלכע די וועלט, קאָן זיין, וועט זיך באַלד רעכענען?...

און אָט אַזוי אין אַלץ האָט דער מוח אָנגעהויבן צו טראַכטן גאָר אַנדערש, ווי פריהער: אויף דער עלטער שוין, גאָר יינגליש, ווייטער אויף גליקן אָנגעהויבן וואַרטן, מעשה גבירישער יונגערמאַן, אויפן אייגענעם חשבון אַ צייטונג אָנגעהויבן צו באַקומען: יעדער טאָג קאָן זיך וויזן עפּעס נייס, און מען דאַרף דאָך וויסן, וואו

מען האַלט אין דער וועלט!.. — בעצם איז ראָך קלמן, דוכט זיך, פאַרבליבן אַן אביון און אַ בעל־מטופל, פונקט ווי פריהער: אָט די יסורים אָבער זיינען איצט פאַר־וואַנדלט געוואָרן בלויז אין אומאַנגענעמע קליינינקייטן. עס ראָליעט זיך, פאַראַנען אויף וועמען אָנצושפאַרן זיך, און האָפענונגען זיינען דאָ אויף דאָס נײַ אַרויס־צופלאַנטען זיך...

אָט דאָס אַלץ פלעגט מיר קלמן באריכות דערציילן. איך האָב זיך שוין צוגעוויינט צו אָט די דערציילונגען אין אַ משך פון עטליכע חדשים. פונקט ווי איך האָב זיך מיט קלמנען גופא איינגעלעבט. און פונדעסטוועגן האָט מיר, באמת גערעדט, אָט די גאַנצע מעשה גאַנץ אָפט אויסגעזעהן עפעס ווי אַ מלמדיש קליינשטעטל־דיגער איינפאַל: אַביסל קאָמיש. נאָר אָט איז פלוצלינג געקומען אַ מאָמענט, בעת קלמן דער מדקדק האָט זיך פאַר מיר באַוויזן אין אַזאַ געשטאַלט, וואָס איך וואָלט זיך גאָרניט געקאָנט אַפילו פאָרשטעלן, און איז, ממש אין איין מינוט, אויף מיינע אויגן טאַקע עפעס כמעט אין אַן אויסטערלישער פיגור אויסגעוואַקסן.

סוף תמוז איז עס געווען. אַ גליהענדיגער פריה־מאָרגן. איך בין געשטאַנען בײַ זיך אינם צימער, וואָס איז צום מאַרק אַרויסגעקומען, און האָב דאָס שטעטל פונם קאָפ ביז די פיס באַטראַכט. די זון האָט געהאַלטן אין איין פונאַנדערברענען זיך. די געוועלבלאַך זיינען געווען פאַרשלאָסן און פאַרריגלט: די היימיש־פאַר־מיטאָגדיגע לייזונג האָט מען שוין דורכגעמאַכט, אויף פרעמדע פריונות איז לכתחילה ניט געווען וואָס צו

ריכטן זיך, און די קרעמער זיינען זיך פריה אין די הייזער און בתי־מדרשים פונאַנדערגעגאַנגען. דרויסן, אויפן קליינעם שטח ערד — אויסער די עטליכע גוים, די שטעטלדיגע דורכן־יאָריגע שיכורים, וואָס זיינען געלעגן האַלב נאַקעט מיטן פנים אַראָפּ און געשלאָפן אויפן גאַניק פון דער איינציגער אַכסניה, און דעם אידישן דאָקטאָר מיטן פוילישן צינשמאָנער, — ביידע אַלטינקע האָרבעוואַטע ליליפּוטלאַך־פּראַנטן אָהן בערד און אָהן וואָנצעס, אין ווייסע אַנצוגן און פּאַנאַמעס, וואָס זיינען געזעסן נעבן אַפּטייק און מיט קעצעלאַך געשפּילט זיך — איז דאָ בעת־מעשה אַ לעבעדיגער נפש ניט געווען. און שטיל, אַז עס האָט, רוכט זיך, געלאָזט הערן אין דער זוריגער לופט, ווי די פּאָרים־פּרענטלאַך באַוועגן זיך דאָרט אין די הענט פון די אַלטיטשקעס, וואָס זיצן איצט פֿאַרדרעמלט אין די אַלקערס און שטריקן זאָקן. ערשט פּלוצלינג האָב איך דערזעהן קלמנען, לויפנדיג אויטוו מיטן טלית־זעקל אונטערן אָרעם, גע־טראַכט: מסתמא לויפט ער עס פון דער פּאָסט און גלייך צו מיר. ווי תמיד וועט ער מיר די „הצפירה“ אַריינ־טראָגן דורכלייענען און גלאַט, ווי זיין שטייגער איז, זיצן אַ ווײַלע . . .

נאָר קלמן איז אָבער האַסטיג פאַרביי דורכגעלאָפן און אַפילו אויף מיין „גוטן־מאָרגן“ ניט געענטפערט. איך האָב, אַגב, באַמערקט: דאָס פנים זיינס איז עפּעס געווען יום־כּיפּורדיג־בלאַס, דער סורדוט פונאַנדערגע־קנעפּלט, און דער טלית־קטן האָט זיך געבאָמבלט נעבן גאַרטל. קלמן זאָל נאָר מיך אויסמיידן? . . . — וואָס

האָט עס דאָ געקאָנט פּאַסירן?... אפשר אַ קינד עפּעס פאַרשלאַפט געוואָרן?... —קלמן איז געווען אַ זעלטן האַרציגער פאָטער. — עטליכע שעה אַוודאי האָב איך געוואַרט, און ער האָט זיך ניט געוויזן. האָב איך אים געפּרובט זוכן, נאָר אין דערהיים ניט געטראָפן און אינם חדר ניט געפונען.

ערשט מנחה־צייט האָט ער זיך געבראַכט צושלעפּן, אַ מידער, אַ טרויעריגער, אַ צעשויבערטער, אַ פאַר־שמוציגטער און אויסגעוואַלגערטער, פּונקט עפּעס ווי אַן אבל, בעת ער שטופּט זיך אַריין אין אַ בית־המדרש, דאָס ערשטע מאָל נאָכן שבעה אויפשטיין, קדיש זאָגן. אין אָט דעם איין טאָג איז קלמן געוואָרן ממש ניט צו דערקענען. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ציטערנדיג מיט די הויכע שטאַרצנדיגע אַקסלען, אויף אַ שטול אַנידערגעזעצט זיך. יאָ, אַפּנים, מיט קלמנען איז טאַקע היינט עפּעס ניט גלאַטיג. איך האָב אים געוואָלט פרעגן, נאָר איידער איך האָב דערוויזן דאָס מויל צו עפענען, — רופט ער זיך אָפּ צו מיר:

— איר ווייסט, ס'אַר אַן נייס עס איז היינט פאַראַנגען אין שטאָט?... דער דאָקטאָר הערצל איז דאָך מסוכן קראַנק... אַזוי קראַנק, אַז טאַקע נאָר איין גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען אויף אים.

איך בין זיך מודה, בעת מעשה האָט אויף מיר אָט די ידיעה קיין איבעריגן רושם ניט געמאַכט: „כ'ווייס, שטעטלדיגע פאָנטאָפּל־פּאָסט" — און האָב עס קלמנען אויך אַרויסגעזאָגט.

נאָר קלמן האָט מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן און צעכליפּעט זיך אויף אַ קול: „הלוואַי — זאָגט ער — וואָלט עס טאַקע אַזוי געווען אַ ליגן, ווי דאָס איז אַן אמת". און ווייַנענדיק אויפן קול געאײַלט מיך, איך זאָל מיט אים גיין. וואָס גיכער אין דער אַלטער שול: דאָרטן וועלן איצט מנינים אירן זאָגן תּהילים פאַרן געזונט פונם דאָקטאָר הערצל.

אָט די גאַנצע מעשה איז פאַר מיר געווען עפּעס אומגעריכט און אומגלויבליך. נאָר איך בין געווען אַזוי גערירט פון קלמנס אויסזעהן, פון קלמנס טאָן און פון זיינע טרערן, אַז איך וואָלט, דוכט זיך, געגאַנגען בעת־מעשה, וואוהין ער וואָלט מיך ניט גערופן. און איך האָב אים טאַקע געפאָלגט. דרויסן איז שוין די תּמוזדיגע היץ אַביסל אָפּגעפאַלן. נאָר די יונגע קרעמער זיינען נאָך געשטאַנען מיט נאַסע בערד און פּיאות און אויסגעוואַשענע פּנימער: אַ גאַנצן טאָג, ווי קינדער, כּמעט יעדע שעה אינם טייך געשווימט זיך. און די זקנים־תּקיפים האָבן אָהן קאַפּאָטעס און, ווי תּשעה־באָב, אָהן שיך, נעבן די הייזלאַך אומגעשפּאַצירט און לופט אין זיך איינגעאָטעמט. די אַלטע שול איז בעת מעשה געווען געפּאַקט מיט עולם, ווי אין אַ יום־טוב־טאָג: זומער־צייט — קיין אַנדערע מלאָכות כּמעט סיי ווי סיי ניטאָ. מיר זיינען בייַרע האַרט צו מנחה אָנגעקומען. אין אָט דעם טאָג, אַגב, עפּעס פיל יאָר־צייטן געווען, און עס האָט געברומט און געטומלט אין דער שול. איך האָב קלמנען פונם אויג ניט אַרויסגעלאָזט. אָט האָט ער זיך נעבן אָרון־הקודש אַנידערגעשטעלט און,

האַלטנדיג די אויגן עפּעס כּונהדיג פאַרמאַכט, די גאַנצע צייט פון מנחה ממש מיט אַן אבר ניט אַ ריר געטאָן. עפּעס ווי פון מרחקים אַ חשובער אורח, וואָס האָט זיך אונטערוועגס פון אַ צרה דערוואוסט, האָט דאָ קלמן איצט אויסגעזעהן צווישן דעם עולם... און אַז מען האָט דעם לעצטן קריש אָפּגעזאָגט, איז קלמן צום שולחן צוגעגאַנגען און, שטאַרקנדיג זיך, אויסגערופן:

— בּרידער אידן! איר זאָלט וויסן זיין, אַז מיט דעם ראָקטאָר הערצל האַלט זעהר שלעכט... ער איז מסוכּן... זאָגט תּהילים: מען דאַרף האָבּן פיל רחמים... רחמים רבּים!...

אָפּגעזאָגט און צוריק ווי פריהער נעבּן אָרון־הקודש אַוועקגעשטעלט זיך. קלמנס אויסרוף האָט, ניכּר, גע־מאַכט אַ רושם; צענדליגער קולות האָבּן זיך דער־הערט פון אַלע זייטן: „אַזוי, דער ראָקטאָר הערצל איז גאָר אַ גרויסער חולה“?!... — און אַלע, וואָס זיינען דאָ בּעת מעשה געווען — אַלט און יונג, אַפילו קינדער האָבּן זיך חברות־וויז נעבּן די טישן אַרומגעזעצט און אויפן קול מיט אַ ניגון, הושענה־רבּאדיג, פּסוקים געזאָגט. און קלמן איז אַלץ געשטאַנען אָפּגעזונדערט, ווי אַן עלטסטער נעבּן דעם אָרון־הקודש, גלייך ווי אַ סטרונע אויסגעצויגן, און קוים געשאָקלט מיט די ליפּן. נאָך די פּסוקים האָט מען דעם ראָקטאָר הערצל אַ נייעם נאָמען צוגעגעבּן, און אַלע זיינען זיך טרויעריג פונאַנדערגעגאַנגען.

איך האָבּ דרויסן אויף קלמנען אויסגעוואַרט... דעם חדר האָט קלמן היינט פונאַנדערגעלאָזט נאָך פּאַר מיטאָג,

און לויט זיין פֿאַרלאַנג בין איך מיט אים איצט, צווישן מנחה און מעריב אינם ביעראָזע־וועלדל שפּאַצירן אַוועקגעגאַנגען. עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער לאַנגזאַמער זון־אונטערגאַנג. דאָס ווייסע וועלדל האָט זיך אין שקיעה־רויטקייט געטוקט. אַ שטומע וועלט — עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס וואַסער־כאָרכלען פֿון אַ שטייניק ריטשקעלע. און קלמן האָט זיך צערעדט, נאָר מערקווירדיק, ניט וועגן דעם דאָקטאָר הערצל. געמאָסטן און געוואויגן האָט קלמן גערעדט, יעדעס וואָרט געציילט און טרוימעריש־טרויעריק. קלמן האָט גערעדט וועגן איובן, שלומה המלך, וועגן עשרה־הרוגי־מלכות און שפּאַנישע אַנוסים, וועגן ר׳ יהודה הלוים טויט נעבן די טויערן פֿון ירושלים, וועגן זייערע ליידן און שטאָלץ. דערווייל איז שוין געוואָרן נאַכט, און קלמן האָט מיך גערופֿן, איך זאָל מיט אים גיין צו מעריב ווידער אין דער אַלטער שול. איך האָב ווידער געפֿאָלגט. געקומען זיינען מיר שוין נאָך „ברכו״. ווי צו מנחה, האָט זיך קלמן איצט ווידער צום אָרון־הקודש צוגעטוליעט. נאָך מעריב האָט ער זיך מיט פֿאַמעליכדיגע טריט צום עמוד צוגערוקט און, האַלטנדיק דעם קאָפּ אָן אַ זייט פֿאַרוואָרפֿן, די הענט פֿון פֿאָרנט צוגויפֿגעדריקט, דקרוקדיק און זייענדיק די ווערטער קדיש־יתום געזאָגט... אירן האָבן אים פֿון אַלע זייטן אַרומגערינגלט. „נו, קלמן, וואָס הערט זיך עפּעס מיט דעם דאָקטאָר הערצל״?... — און קלמן האָט מיט אַ ציטעריגער שטים אויסגעשריען: „דער דאָקטאָר הערצל איז געשטאָרבן... אידן!... זאָגט אַלע קדיש נאָך

זיין גרויסער נשמה"... — און איז האַסטיג דורכן טהרה חדר פון דער אַלטער שול אַרויסגעלאָפן. איך האָב זיך געלאָזט גלייך נאָך אים. קוים אָנגעיאָגט, שוין אויפן מאַרק, און אָנגעוואָרפן זיך אויף קלמנען:

— ר' קלמן, וואָס האָט איר עס דאָ געזאָגט?... דער דאָקטאָר הערצל איז געשטאָרבן?... צו מנחה האָט איר דאָך געטענעט, אַז ער איז נאָר שטאַרק קראַנק..

און קלמן דער מלמד נעמט מיך אָן פעסט פאַר דער האַנט. פאַרן לבנה־שיין אויפן מאַרק נעבן די פאַרשלאָסענע געוועלבלאַך און טישלאַך זעהט ער אויס עפּעס ווי אַ שאָטן... און אָט דער שאָטן, אַרומקוקנדיג זיך פאָרזיכטיג, רוימט מיר איין עפּעס אַ סוד אויפן אויער:

— אַן אמת, מיין פריינט!... ניטאָ שוין מער צווישן אונז דער דאָקטאָר הערצל... אוים, אָפּגעטאַנצט די חתונקע... איך האָב עס געוואוסט נאָך היינט פאַרטאָג פון דער „הצפירה"... נאָר איך האָב קיינעם ניט אויסגעזאָגט... בכּיון באַהאַלטן עס, כבוד־מלכות, פאַרשטייט איר מיך, געוואָלט אים אָפּגעבן הערצלען... אָט אַזוי איז מען זיך נוהג אויף דער גאַנצער וועלט: שטאַרבט אַ קיניג, איז מען ניט מודיע תיכּף דעם פאָלק וועגן דעם... אַביסל צייט באַהאַלט מען פון אים אוים אָט די בשורה רעה... ביסלעכווייז, לאַנגזאַם געוויינט מען עס צו... אָט אין פּאַלאַץ ווייסן שוין אַלע, אַז דער קיניג איז טויט, און דאָס פאָלק שטייט נאָך אין די גאַסן געקניט, די הענט צו הימל אויסגעשפּרייט און בעט מיט טרערן: „אַלמעכטיגער, פאַרלענגער דאָס

לעבן פון אונזער מלך"!... ´איצט פאַרשטייט איר שוין?... דער דאָקטאָר הערצל ליגט שוין דאָרטן אין זיין אייביגער רוה, און מיר דאָ זיינע אונטערטאַנען בעטן נאָך אַלץ פאַר זיין געזונט... כבוד־מלכות, מיין פריינט... בכיון אַלץ... אַ שיינע לויה געוואָלט זיך אים מאַכן: עס זאָל זיך געדיינקען אויף תּמיד... גאָר ניט משער צו זיין, ווי וועט עס אויסזעהן דער מאָרגנדיגער טאָג... ווידער אין חדר שלעפּן זיך?... ווידער דלות און שפלות... אוי, מיין פריינט, פאַרשפּילט די קרוין, אויס, לגמרי אויס...

נאָך אָט די לעצטע ווערטער איז קלמן געשטאַנען אָט אַזוי עטליכע מינוט און געשוויגן: קלמן האָט גע־קוקט אויף דער לבנה, האַלטנדיג נאָך אַלץ מיך פאַר דער האַנט, עפּעס ווי ניט ווענלדיג זיך צעשיידן מיט מיר. און פּלוצלינג האָט ער זיך אַ ריס געטאָן, זאָגנדיג עפּעס אַזוי האַרציג און קהלתדיג באַטראַכט:

— נו, איז, הייסט עס, דער טאָג פאַרענדיגט: ניט דערוויזן אַפילו אַרומצוקוקן זיך. איצט דאַרף מען גיין דעם לעצטן כבוד אָפּגעבן: קריעה רייסן און אַ שעה־צייט שבעה זיצן אויף דער ערד.

און מיר האָבן זיך געזעגנט אויפן וואונק: אָהן ווערטער און אַפילו אָהן „אַ גוט־נאַכט"—אַן אָבל...

III

שטראָמען

אַ פֿאַרגליווערט פֿאָלק
(פּוילן)

אינם אָנהויב פון אייראָפּייאישן קריג האָט עס אַ רוסישער שריפטשטעלער דערציילט אָט די געשיכטע. מיט אים אַליין טאַקע האָט עס, אַגב, פּאַסירט:

געפינענדיג זיך בײַ דעם דעמאָלטיגן רוסיש־דײַטשן פראָנט, נאָהענט צום מלחמה־פּלאַץ, איז אים אויסגעקומען אײַנמאָל איבערצופאָרן פון איין שטאָט אין דער צווייטער, דוקאָ אין אַזאַ טאָג, בעת אַלע צוגן זײַנען געווען אַריבער די דעכער באַזעצט מיט מיליטער, און קיין „פּרעמדע“ — ציווילע, האָט מען, לויטן באַפעל פון דער מאַכט, אַפילו דערבײַ צו דער סטאַנציע ניט צוגעלאָזט... די נסיעה אָבער איז פאַר אָט דעם רוסישן שריפטשטעלער געווען אַ מוז־זאַך, און נאָך פיל, פיל אומלויפענישן און לאַנג בעטן זיך, האָט מען זיך סוף כּל סוף דערבאַרימט איבער אים און דערלויבט צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין אַ וואַגאָן פונם ערשטן קלאַס... ערשט אין מיטן דערינען גאָר אַן אומגעריכטע צרה: אָט דער רוסישער שריפטשטעלער האָט נאָך די פיס אויף די וואַגאָן־טרעפּלאַך ניט אַרויפגעשטעלט, און אַ

באַוואָפנטער זשאַנדאַרם פאַרצוימט אים שטרייַנג דעם וועג:

— אָט דאָ אין וואַגאָן געפינט זיך אַ מענש, וואָס פירט מיט זיך געהיימע וויכטיגע דאָקומענטן, און דער־ריבער איז זייטיגע מענשן פאַרבאָטן... און נ־ט גערעדט...

ער, אָט דער שריפטשטעלער, פרובט זיך שטעלן אַנטקעגן מיט טענות:

— וואָס הייסט עס?... דער קאָמענדאַנט אַליין האָט ראָך אים אָנגעוויזן אָט דעם וואַגאָן... אָט זאָל מען זיך דערקונדיגן... זאָל מען זיינע פאַפירן דורכקוקן און זעהן... וואָס הייסט „פאַרבאָטן“?

עס העלפט אָבער ניט קיין טענות: דער זשאַנדאַרם האַלט זיך פעסט בּאַ זיינס:

— ער איז אַ זשאַנדאַרם: אַ פראָסטער זעלנער... וואָס ווייסט ער?... אים האָט אַזוי באַפוילן אָט דער הער, וואָס געפינט זיך דאָרטן אינעווייניג מיט די גע־היימע דאָקומענטן — און ער מוז פאָלגן...

און אָט דער שריפטשטעלער טראַכט טרויעריג, אַז עס איז שלעכט: „קריגס־צייט... באמת: ווער ווייסט, אפשר זיצט דאָרטן טאַקע אינם פאַרבאָטענעם וואַגאָן עפּעס אַ וויכטיגע פּערזענליכקייט פונם הויפּט־שטאַב?“... — און בעת אָט דער שריפטשטעלער טראַכט אָט אַזוי יאושדיג, שטעלט זיך אַרויס פלוצלינג פונם וואַגאָן עפּעס אַ לאַנגער און דאַרער יונגערמאַן, ווי אַ ציווילער דראַגון מיט מאַסיווע און פרייסיש־פאַר־דרייטע וואָנצעס, עלעגאַנט, נאָר מעשה פאַט געקליידעט,

קוקט זיך איין טיף אינם שריפטשטעלערס פּנים, פּונקט ווי ער וואָלט וועלן אין אים עמיצן דערקענען, און שמייכלענדיג קלינגעריש און עפּעס הנאָהדיג, ווענדעט ער זיך צום זשאַנדאַרם אין אַ שעפּעליאַוון רוסיש מיט אַ טיפּיש־פּוילישן אַקצענט, אַז אָ ט ד ע ם מענשן דערלויבט ער יאָ אַריינצולאָזן...

אָט אַ גליק אומגעריכט. דער זשאַנדאַרם האָט זיך פאַרנייגט און דעם וועג אָפּגעטראָטן. דער רוסישער שריפטשטעלער איז אינעווייניג אַריינגעגאַנגען, אַנידער־געזעצט און עפּעס זיך אַליין ניט געגלויבט: געוואַרט אַלץ אויף יענער גרויסער און וויכטיגער פּערזענליכקייט, וואָס איז אָקאָרשט געווען די סיבה פון זיין עגמת־נפש. „וועט מסתּמא באַלד אַריינקומען — און ווער ווייסט, ווי ער וועט נאָך אים אויפנעמען?"... נאָר אָט האָט זיך שוין דער צוג גערירט, און דער „גענעראַל" באַווייזט זיך נאָך אַלץ ניט. פאַרוואונדערט און נייגעריג האָט דער שריפטשטעלער אָנגעהויבן צו באַטראַכטן זיין שכן: וואָס פאַר אַ „געהיימע ראָקומענטן" קאָן עס פאַרמאָגן באַ זיך אָט דער פּוילישער יונגערמאַן מיט די מאַסיווע וואָנצעס?... פונאַנדערגעשמועסט זיך און עס ווייזט זיך אַרויס זעהר אַפּיקאַנטע געשיכטע: אָט דער יונ־גערמאַן איז גאָר אַ גאַנץ געוויינטליכער בשר־ודם, ניט קיין גרעסערער מיוחס פונם רוסישן שריפטשטעלער גופא, אויך אַזאַ זשורנאַליסט — אַ פּוילישער. אויף דער שאַלה: „צוליב וואָס האָט עס דער געערטער קאָלעגע אַזאַ טומל געמאַכט און אַזש מיט געהיימע ראָקומענטן געשראָקן די וועלט, בפרט אַז ער זיצט

זיך איינער אַליין אין אַ גאַנצן קופּע"... — האָט דער פּוילישער זשורנאַליסט גאַנץ אָפנהאַרציג געענטפערט: די וועלט האָט ער רוקא ניט געשראָקן. ער האָט בלויז מורא געהאַט, עפּעס אַ „זשידעק" זאָל זיך ניט פאַר־שלעפּן צו אים אין שכנות, און דעריבער אויסגעטראַכט די מעשה מיט „ראָקומענטן" און שטרייגג אָנגעזאָגט דעם זשאַנדאַרם קיינעם נאָהענט ניט צוצולאָזן... נאָר אָט האָט ער דערהערט, ווי מען אַמפּערט זיך, איז ער אַרויסגעגאַנגען גלאַט אַזוי זיך פון נייגעריגקייט וועגן... אַ ריין סלאַווישׁ געזיכט דערזעהן... נו, נאַ־טירליך!... — און צופרידן, מיט אַ הילכיגן געלעכטער, האָט זיך אַזש צעשפּרונגען אָט דער יונגער פּאָלאַק פון זיין אייגענער קונציגער המצאה.

דער רוסישער שריפטשטעלער אָבער איז געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט פון אָט דעם איינפאַל: „עס לאָזט זיך נאָך", זאָגט ער, „פאַרשטיין די שטענדיגע ראַנג־לעניש, וואָס קומט פאָר כסדר צווישן די אידן און פּאָלאַקן. אָט אַלע פעלקער האַלטן ראָך מלחמה צווישן זיך... פאַרוואָס זאָלן אויך פּאָלאַקן מיט אידן זיך ניט קריגן?... ווי קומט עס אָבער צו אַן אינטעליגענט פון אונזער צייט אַזוינע אַלטפרענקישע און קליינע השגות?... — אָפּהיטן זיך אַזש פון צו פאָרן מיט אידן אין איין צוג?... דאָס הייסט ראָך שוין, באמת, אַריבער־טרעטן אַלע גרענעצן... אפשר זאָל מען פאַרבאָטן די אידן צו באַנוצן בכלל אייזנבאַנען?"... און דער פּוילישער זשורנאַליסט ענטפערט זיך, ווי פריהער, קאַלט־בלוטיג און קלאָר: „פּאָלאַקן ראַנגלען זיך מיט אידן?...

דאָס איז אָבער דאָך נאָר אַן אויסגעטראַכטע געשיכטע... אָט ער, למשל, האָט לגמרי גאָר נישט קעגן די קאַפּאָטעס־אידן, וואָס שלעפּן זיך אום איבער די פּוילישע דערפער, אינאיינעם מיט זייערע שייטל־אידענעס, און האַנדלען און וואַנדלען. דער פּוילישער דאָרף, וואָס איז אים אַזוי ליב און טייער, וואָלט עפּעס פאַרלאָרן אין זיינע אויגן דעם גאַנצן חן, אויב דאָרטן וואָלטן זיך ניט געפונען אַ אידישער שיינקער אָדער פּאַכטער: אָט די אידן זיינען אייגענע, פּוילישע, פּונקט ווי עס איז אייגן און פּויליש דער טשענסטאָכאָווער קלויסטער צי דער קראָקעווער וואַוועל, אָדער די קרוינשטאָט — וואַרשע... ער וואָלט אָבער אין קיין פאַל ניט געקאָנט בלייבן נעכטיגן אין אַן האָטעל, וויסנדיג, אַז הינטער דער וואַנט רוהט בעת מעשה אַ איד אויף אַ בעט אויך ווי זיינס, באַנוצט די זעלבע באַקוועמליכקייטן, וואָס ער... ער קאָן פּראָסט פּיזיש ניט פאַרטראָגן דעם אידן, וואָס איז פון דער געטאָ אַרויסגעקראָכן, — דעם אייראָפּייאיש־געבילדעטן אידן, דעם הייַנטוועלטיגן אידן... ניט בלויז הינטער וואַרשע, נאָר אַפילו אין מאָסקווע אָדער אין בערלין וואָלט ער אויך ניט געקאָנט צוקוקן גלייכגילטיג, ווי אַ איד — ווער ער זאָל ניט זיין און פון וואָס פאַר אַ לאַנד ער זאָל ניט שטאַמען — צעשפּרייט זיך אין אַ וואַגאָן פונם ערשטן קלאַס אויף די פּלוש־בענק... בכלל, באַטראַכטנדיג ווען עס איז, אַז כאָטש ערגעץ וואו אויפן ערד־קוגל געפינט זיך אַזאַ ווינקעלע, וואו אַ איד לעבט פּונקט אויף אַזאַ אופן, ווי ער — דער פּאָלאַק — הויבט אים אָן אַזש אינם מח צו שווינדלען״...

און מיט דעם האָט זיך דער שמועס צווישן זיי פאַר־ענדיקט. דעם רוסישן שריפטשטעלער האָט זיך געדוכט, אַז ער זעהט באַשײמפּערליך אַזאַ מין מענשן, וואָס איז געבאָרן געוואָרן מיט עטליכע הונדערט יאָר צוריק און עפּעס על פּי נס לעבן פאַרבליבן ביז איצט, נאָר אַ פאַרשאָלטענער — אין אַ גייסטיג־פאַרגליווערטן צו־שטאַנד. אָט דער יונגערמאַן שטאַמלט עפּעס אין אַ שפּראַך, וואָס איז שוין לאַנג פון דער וועלט פאַר־שוואונדן, און דעריבער איז אים אַזוי שווער צו פאַר־שטיין... און אָט אַזוי דעם גאַנצן וועג געשוויגן: טאַקע וועגן וואָס קאָן מען דאָ אַן ערך רײדן?...

...אין אַ מסבה פון פיינפּילנדיגע, הומאַנע און ליי־בעראַלע רוסישע אינטעליגענטן האָט עס דער רוסישער שריפטשטעלער דעמאָלט דערציילט אָט די געשיכטע. ער האָט עס דערציילט, ווי „אַן אינטערעסאַנטן" עפּיזאָד צווישן פיל „אינטערעסאַנטע" עפּיזאָדן פון קריג. און דוקאָ אָט דער „פרידליכער" און קליינליכער עפּיזאָד האָט בעת מעשה, געדיינק איך, אויף אַלעמען געמאַכט דעם שטאַרקסטן רושם. אָט אַ שרעקליך בילד: רויט־בלוי־טיגע פעלדער, ווי מיט גאַרבן באַדעקט מיט צענדליגער טויזנטער הרוגים, ממש בערג פון טויטע גופים און פּגרים, חורבנות און חורבות, און דאָ אַנטקעגן זיצט זיך אַ יונגערמאַן אַן אינטעליגענט, אַ שריפטשטעלער, און איין איינציגער רעיון עקבערט אין אָט דער מינוט זיין מאַרך: „ווי אַזוי אַרום זאָל ער זיך פאַרהיטן און איינהיטן, אַז אינם וואַגאָן, וואו ער געפינט זיך, זאָל אויך,

גאָט באַשיץ, עפּעס פּלוצלינג אַ איד ניט אַריינשפּאַרן זיך?"... — טאַקע אַ שרעק. אָבער נאָך פיל שרעקליכער איז, וואָס אָט דער קליגעריש־המצאהדיגער פּוילישער זשורנאַליסט איז ניט בלויז פּערזענליך ניט קיין געהויבענער מענש, נאָר אַן אויסגעשפּראָכענער פּויליש **נאַציאָנאַלער** טיפּ, און אָט דאָס בילד בכלל איז בעצם אַ לעבעדיגער סימבאָל פונם פּוילישן לאַנד צווישן אַלע לענדער. גאַנץ פּוילן, לויט דעם, ווי מיר קענען עס און ווייסן עס, אינם משך פון די לעצטע הונדערט יאָר, מאַכט דאָך, אייגנטליך, כמעט דעם זעלביגן איינדרוק, וואָס אָט דער זשורנאַליסט.

באמת: אייראָפּע, אַשטייגער, ווייסט צו דערציילן פון פעלקער מיושבדיגע, פעלקער — משפּחהדיג איינגע־פונדרעוועטע, פאָרזיכטיגע און אָפּגעזונדערטע, וואָס האַלטן ניט פון צופיל גאַסטפריינטליכקייט און וואָס לאָזן זיך גיין ממש אין פייער און אין וואַסער פאַר יעדן פּיצל ירושה, למשל: ענגלאַנד, בעלגיע. נאָר אין אָט די לענדער שפּירט זיך עפּעס די מיושבדיגע ניט־רירעוודיגקייט און געלאַסנקייט פונם פאַראיירעלטן און שטאָלצן מיוחס, וואָס האָט זיך ליב פאַמעליך צו שפּאַנען איבער זיינע גיטער, גרויסנדיג זיך מיט זיין שטאַם, פאַרמעגן און מיט זיך אַליין, פּונקט עפּעס ווי אַ קינסטלער אויף די עלטערע יאָרן אין זיין אייגענער בילדער־גאַלעריי מיט זיין לעבנס־אַרבעט... אָט דער ענגלענדער: ער באַטראַכט זיין גאַנץ גוטס און האָב מיט אַלע פרייהייטס־כאַרטיעס, וואָס באַצירן אים אין אַ משך פון פיל, פיל הונדערטער יאָרן, און עפּעס ווי כּדי די

הנאָה פון זיך גופאָ צו פאַרלענגערן, באַוועגט ער זיך פּאַוואָלינקע מיט געציילטע און געמאָסטענע טריט, און כאַפּט יעדער רגע אַ קוק הינטער זיך: „ווי שיין, ווי וואויל!"... — און זיכער און פונם פולן האַרצן זינגט ער זיין אוראַלטן הימן: „קיין מאָל, קיין מאָל וועט ענגלאַנד פאַרשקלאַפט ניט זיין"...

צי דער בעלגיער: אַריבערן האַלז שטייט ער פאַר־פלייצט מיט קינסטלערישע און נאַטור־אוצרות — קלויסטערס, מוזייען, קאַנאַלן, טייכלאַך, סאַזשלקעס, מאָן־פעלדער, רובענס, ווערהאַרן און די, ווי טויבן שטילע און וואָרקענדיגע, מנישקעס מיט די ווייסע, שפּיצן־נעהאָפטענע שלייערס אויף די קעפּ, — מיט פרייד, שיינקייט און באַגינען־שטילקייט אָנגעזאַפּט און ניט געאײלט, אויסרעכענענדיג יעדער פּרט באַזונדער, באַזינגט ער אָט דאָס אַלץ, ניט פאַרגעסנדיג דערביי צו דערמאָנען אויך די עלטערן און אורעלטערן, וואָס האָבן אָט די אַלע אוצרות געזאַמלט, די שיינקייטן געבויט און געפלאַנצט און ליגן זיך איצט אין זייער אייביגער רוה, און די „טויטע ברוגעס" מיט בלומען באַדעקט...

נאָר אָט די מיושבדיג יום־טובדיגע און לאַנגזאַמע באַוועגליכקייט שטערט ניט, פונדעסטוועגן, סיי דעם ענגלענדער און סיי דעם בעלגיער צו באַגעגענען זיך גאַנץ פריינטליך אויך מיט אַנדערע פעלקער, און אָהן שום קנאָה און שנאָה די פרעמדע פאַרמעגנס אָפּ־צושאַצן, און אַפילו צו זאָגן אויף זיי געהעריגע שבחים. אַגב, אפשר טאַקע אַדאַנק דעם איז אַפילו די קאַטוילישע אמונה, וואָס איז אין אַלע מדינות פון דער וועלט עפּעס

ווי אַ אַכזריותדיגער „גואל־הדם" דורכגעגאַנגען, — קומענדיק קיין בעלגיע. עפּעס גאָר אין אַ צאַרטער, ליבהאַרציקער מנישקע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן. און פֿאַר דעם ענגלענדער, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן מיט דער גאַנצער וועלט האַרטנאַקיגע מלחמות געפירט און כמעט טאַקע אַ גאַנצע וועלט איינגענומען, איז דאָך אויך די פרייהייט פון אַנדערע פעלקער אַ הייליגקייט, וואָס ווערט נאָר מחמת גרויס נויט פאַרשוועכט.

אָבער פּוילן?

ניט די געלאַסנקייט פונם שטאָלצן מיוחס שפּירט זיך אין פּוילן, נאָר — ווי דער רוסישער שריפטשטעלער האָט זיך ריכטיג אויסגעדריקט וועגן זיין פּוילישן קאָלעגע — עפּעס אַ פ אַ ר ג ל י וו ע ר ט ק יי ט.

אָט, למשל, אַזוינע פאַקטן: טאַקע געוועזן אַזאַ צייט אין דער געשיכטע, בעת פּוילן איז געווען אַ באַרימטע אייראָפּייאישע מלוכה. געווען איז עס רעמאָלט, אַגב, בעת רוסלאַנד איז נאָך געלעגן ווייט הינטער מאָסקווע פאַרשטופּט, אָפּגעצוימט פון דער וועלט מיט טיפע וועלדער און חיות־רעות, אַן אַזיאַטיש־ווינקל, וואָס פלעגט זעלטן באַזוכט ווערן פון אַנדערע פעלקער. און אָט, בעת די אַזיאַטישע בערדיגע און געפּעלצטע רוסן האָבן נאָר געפילט אַ טעם אין פויסט־קונסט, האָבן שוין, אינאיינעם מיט די העלדישע ריטער פון די פאַר־שיידענע דעמאָלטיגע אָרדענס און אומרוהיגע גייסטער פון דער אַריסטאָקראַטישער אייראָפּע, אויך די פאַר־פּאַנצערטע פּוילישע יונגעלייט אומגעוואַנדערט מיט זייערע וואָפנטרעגערס, זוכנדיג אויף דער ערד אַן אָרט,

וואו צו באַווייזן זייער שטאָלצע העלדישקייט און ליבע צו רום און צו שיינקייט, אומשולדיגקייט און וואַרהייט...
און אָט אַזוי כסדר: אין אַלע קיניגליכע הויפן פון אייראָפּע האָבן די פּוילישע יונגפרויען געגלאַנצט מיט זייער שיינקייט, פּראַכט און פיינע מאַנירן, בעת אין רוסלאַנד זיינען נאָך אַפילו די פירשטליכע און צאַרישע טעכטער געזעסן אין סאַלקעס פאַרשפּאַרט, ווי געפאַנגענע שקלאַפינס, און אונטער דער השגחה פון די הויז־שומרים אין די הילצערנע שטיוול פאָרעם געשפּינט... די פּוילישע מדינה האָט שוין פאַרמאָגט קונסט, וויסנשאַפט, אידייען, סיימען, געשריבענע קאָנסטיטוציעס און קאָפּערניקוסן — בעת רוסלאַנד האָט זיך נאָך גערעכנט פאַר אַ שטיק ערד, באַזעצט מיט צעשפּליטערטע נאָמאַדן־שבטים...
און עפּעס גאָר ווי פּלוצלינג האָט זיך אָט דאָס אַלץ קאַפּויר געענדערט:
רוסלאַנד איז, אמת אויף אַ צייט נאָר, אין אַ גרויסער און מעכטיגער מלוכה פאַרוואַנדלט געוואָרן, בעת די פּוילישע מדינה האָט זיך פון טאָג צו טאָג אַלץ ווייטער און ווייטער באַרג אַראָפּ געקייקלט, ביז פון איר איז, ווי עס האָט זיך גערוכט, כמעט קיין גערעכעניש אַפילו ניט געבליבן. די רוסישע קונסט, די רוסישע אידייען האָבן לויטן פאַרנעם שוין כמעט די פּוילישע אַריבערגעשטייגט. רוסלאַנד האָט זיך מיט אַזאַ אימפּעט געריסן אין דער הייך, אַז עס האָט זיך אַזש אויף אַ ליעוו טאָלסטאָי און אויף אַ דאָסטאָיעווסקי אָנגעלעבט, בעת פּוילן איז דערגאַנגען צו דעם, אַז פון עק ביז עק האָט

זיך נאָר געהערט דער איין איינציגער פֿאַראייניזאַמטער און סומנער שומר־ניגון פֿונם אַנגערונצלטן קסיאָנדז אין דער סוטאַנע.

היינט דער רוסישער אינטעליגענט: ממש די גאַנצע וועלט האָט ער ראָך באַצויבערט מיט זיין אויסזעהן, עפּעס ווי אַן אויסטערליש קונסט־ווערק. אַפילו די שטאַרקסטע „איבערקלייבער״ פֿון די אייראָפּייאישע פֿעלקער האָבן שוין אָנגעהויבן צו באַטראַכטן רוסלאַנד עפּעס ווי אַ משפּחה־הויז... און פֿונדעסטוועגן, אַפילו אין אָט דעם מאָמענט, האָט מען אויך אין פּוילן געקוקט אויף רוסלאַנד עפּעס מיט אַ יחוס־בטול, פֿון אויבן אַראָפּ. דער פּוילישער פּאָליטיקער פֿלעגט, אַפילו אינם ליבעראַלן רוסלאַנד, מאַכן תּמיד אַן אָנשטעל, פּונקט ווי ער וואָלט אַריינגעפֿאַלן עפּעס אין אַ טאָטערשער „אָרדאַ״ פֿון טשינגיס־כאַנס צייטן, די פּוילישע דעפּוטאַטן אינם רוסלענדישן פּאַרלאַמענט, צווישן די אויסדערווײלטע פֿון דער רוסישער אינטע־ליגענץ, פֿלעגט כּסדר קוקן אויף זיך עפּעס ווי אויף ספּעציעלע שליחים און ממונים פֿון קולטור און פֿון איידלקייט פֿאַרן אַזיאַטישן טייל פֿון די סלאַוון.

אָט די באַציהונג אָבער האָט געשטאַמט ניט דער־פֿון, וואָס די פּוילן זיינען געווען אַזוי וויטזיכטיג און האָבן אַפילו דעמאָלט, בעת עס האָט זיך גערוכט, אַז רוסלאַנד איז אַ מאָדערנע מלוכה, שוין געזעהן זיין אינע־ווייניגסטע בעצמדיגע ווילדקייט, וואָס האָט זיך פֿאַר אַלעמען אַרויסגעוויזן ערשט אַ סך שפּעטער, אין דער צייט פֿון דער וועלט־קריג און פֿון דער גרויסער רעוואָ־

לוציע, — נאָר פון דעם, וואָס פוילן, ווי אַ מדינה האָט שוין פון לאַנג אָן געלעבט און געדריינקט בלויז לויטן זכרון פונם אַמאָל, און מחמת דעם געהאַט פאַרן אויג תּמיד נאָר דאָס פאַרצייטיגע רוסלאַנד, פונקט ווי דאָס פאַרצייטיגע פוילן, און אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט פונם פאַרצייטן אָן, — אויסער דער אייגענער ירידה — כּמעט קיין שום זאַך ניט באַמערקט. די זעלביגע גע־שיכטע, אות באות טאַקע, חזרט זיך איבער אויך בנוגע צו אוקראַינע: עד היום קוקט דאָך נאָך די פּוילישע מדינה אויפן אוקראַינער, וואָס וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן און קאָן נאָך אַלץ ניט געפינען קיין „מקום מנוחה" פאַר אַ אייגן אומגעשטערט לעבן, פונקט ווי אויף אַ פאַרצייטיגן „זאַפּאָראָזשעץ" מיטן געגאָלטן קאָפּ און אַרומגעדרייטן צאָפּ, וואָס טרינקט מער עמערווייז און שאַרפט כּסדר טאָג ווי נאַכט דעם שווערד, כּדי צו גיין דעם פריץ באַראַבעווען...

ווי אַזוי אָבער איז עס פוילן געקומען צו אַזאַ מדרגה? ווער ווייסט: עס קאָן זיין, אַז די הויפּט־סבה איז דאָס גרויסע אומגליק, וואָס האָט געטראָפן דעם פוילישן פאָלק נאָך העכער ווי מיט הונדערט יאָר צוריק און פון די פיס עס אַראָפּגעזעצט?... פון שרעק און פּיין איז עס פאַרבליבן אויף פיל דורות פונקט אין אַזאַ פּאָזע, ווי עס האָט אויסגעזעהן, בעת אָט דאָס אומ־גליק איז געשען. און אפשר זיינען דאָ פאַראַן נאָך אַנדערע סבות... דער פאַקט אָבער בלייבט: אַ פאַרגליווערט פאָלק. און אָט אין דעם פאַקט טאַקע, דוכט זיך, דאַרפן מיר עס זוכן די סיבה פון

דער אויסטערלישער פּאַרביסענער פּוילישער שׂנאה צו אידן. דאָס פּוילישע פּרייע מדינה־לעבן האָט זיך אָפּ־געשטעלט פּונקט דעמאָלט טאַקע, בעת די וועלט האָט פאַרמאָגט בלויז קאַפּאָטעס־אידן און נאָר שייטל־אידענעס. און אַז עס זיינען נאָכדעם געקומען נייע אידן, האָט זיי דאָס פאַרגליווערט פּוילישע אויג פּשוט ניט געקאָנט באַנעמען, פּונקט ווי עס האָט ניט געקאָנט באַנעמען, למשל, רוסלאַנד אינם שטרעבן צו ווערן אַ מלוכה אָדער אוקראַינע, בעת זי דראַפּעט זיך מיט אַלע כּחות צו ווערן לייטן גלייך...

דער פּוילישער זשורנאַליסט מיינט עס טאַקע אָהן שום ספק, ערנסט און ערליך, בעת ער טענעט, אַז פּאָלאַקן פירן ניט קיין מלחמות מיט אידן בכלל — נאָר אָט דעם אידן, וואָס איז פון דער געטאָ אַרויסגעקראָכן, קאָן ער ממש פיזיש ניט סובל זיין. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש. דאָס איז עכט פּויליש. און אָט דאָס איז די טראַגעדיע פונם פּוילישן פאָלק גופא און אויך די טראַגעדיע פון די פעלקער, וואָס אויף זייער חלק איז אויסגעפאַלן דער ביטערער גורל פון דער געשיכטע צו וואוינען מיט די פּאָלאַקן אונטער איין דאַך. אָט די פאַרגליווערטקייט, אַגב, האָט זיך אַזוי איינגעגעסן און איינגעזאַפּט אינם פּוילישן פלייש און אינם פּוילישן בלוט, אַז עס איז עפּעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָלקס־טבע. מיר זעהען דאָך טאַקע, אַז אפילו בעת עס איז שוין געקומען די פון לאַנג אָן געגאַרטע און געוואַרטע צייט פון דער פּוילישער מלוכה־באַפרייאונג, — אַפילו אַן איינגענע קרוין שוועבט דאָך שוין איבערן קאָפּ, — פאַרענדערט זיך אויך ניט

אין פוילן, ממש אויף אַ האָר, האָט פאַרהאַלטן זיך צו אַנדערע אומות...

און ווער ווייסט, וויפיל דורות און תקופות עס וועלן נאָך פאַרביי גיין, ביז די פוילישע מלוכה וועט זיין בכוח די פאַרגליווערטע אויגן ברייט און פריי צו עפענען?

ווילדקייט
(רוסלאנד)

נאָך גאָר אינם סאַמע אָנהויב פון דער גרויסער רוסי־
שער רעוואָלוציע, בעת דאָס באַפרייטע לאַנד האָט
נאָך אויסגעזעהן עפּעס ווי אַ חנעוודיג־אומעטיגער ליקוי־
חמה־טאָג, פלעגן עס שוין גאַנץ אָפט פּאַסירן אָט די
אויסטערלישע געשיכטעס, וואָס זיינען נאָכדעם אין די
שטורעם־מעת־לעתן פונם בירגער־קריג אין געוויינט־
ליכע, באַנאַלע מעשיות פאַרוואַנדלט געוואָרן.

בעצם גאַנץ פרידליכע, גאָטספאָרכטיגע און אונטער־
טעניג־אָנגעשראָקענע פאַרשוינען, — פּשוטע בערדיגע,
האַמעטנע און קאָלטענעוואַטע רוסישע פּויערים אין
יונ׳ישע קליידער מיט ביקסן אין די הענט, אָדער אין
סערמיאַגעס מיט לאַפּטשעס אויף די פיס און מיט
בעטלערישע „קאָטאָמקעס“ אויף די פּלייצעס, וואַנ־
דערנדיג כּסדר פון די פאַרשיידענע דעמאָלטיגע מלחמה־
פראָנטן איבער אַלע וועגן און שטעגן פון דער מרינה, —
פלעגן זיך אָפּשטעלן וואו עס איז אויף אַ באַן־סטאַנציע,
בעטלענדיג אין גאָטס נאָמען מיט אַ קלויסטער־ניגון
אַזוי הכנעהדיג בײַ יעדערן, וואָס טראָגט נאָר אַ קאַ־
פּעליוש אויפן קאָפּ, עפּעס אַן אַלטע גאַזעטע אויף

צו ווּיקלען „מאַכאָרקע“ און „סיגאַרקעס“, — פּלוצלינג צעהוליען זיך און מיט רויך אַוועקלאָזן דעם גאַנצן וואָקזאַל. אָבער ניט עפּעס מחמת רויב־צוועקן און אַפילו ניט מיט אַ בייזער כּוונה עמיצן שאָדן אָנצוטון, נאָר גלאַט אַזוי זיך, בלויז ווי כּדי דעם נע־ונד־אומעט צו פאַרטרייבן.

אָדער אַריינפאַלנדיג צופעליג — ניט זעלטן אויך בלאָנדזשענדיג — עפּעס אין אַן אַלט־פריצישן הויף, פלעגט מען זיך עפּעס אַזוי האַרציג באַגריסן מיט די בעלי־בתּים, נאָר כּמעט אויפן פאַרצייטיגן האַר־און־קנעכט־שטייגער, — באַ די גרויסע מיוחסים אַפילו קושן די הענט, — און נאָכדעם פּויעריש לאַנגזאַם און „אויפן ערליכסטן אופן“ פּלוצלינג מאַכן אַ וויסטן תּל פון די פּאַלאַצן, ביבליאָטעקן, אַרכיוון און מוזייען, גערטנער און רענקמעלער, אָבער ניט נעמענדיג פון אָט די אַלע אוצרות פאַר זיך אַפילו וואָס אַ האָר איז ווערט, — נאָר עפּעס ווי כּדי פון לאַנגווײַליגקייט צו באַפרייען זיך.

און אַפילו אַרויפוואַרפנדיג זיך אויף אַ אידיש שטעטל, פלעגן זיי אויך פיזיש כּמעט קיינעם ניט אָנרירן: בלויז די בנינים פלעגט מען אונטערצינדן און דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס טאַקע אָט דאָ אויף אַן אָרט גלייך פאַר־ברענען, אָבער ממש אַפילו אַ שנירל ניט אַראָפּלאָזן צו זיך אין די טאָרבעס אַריין, נאָר עפּעס ווי כּדי צו באַווייזן אַ ליצנות־שפּיצל אויף אַ יריד אין אַ זונטאָג־טאָג.

דאָס זיינען אַלץ פאַקטן, פאַקטן פאַרצייכנטע און באַשטעטיגטע. און דווקא אָט די בעצם טאַקע אויס־

טערלישע פאַקטן פון רציחות, וואָס זיינען גאָר אין פלוג באַגאַנגען געוואָרן ניט „על־מנת לקבל פּרס" און אַפילו ניט מיט אַ באַשטימטער כּונה און וואָס זיינען, אַגב, ס'רוב גאָר געווען געוועגדט קעגן „טויטע" קולטור־חפצים און ניט קעגן לעבעדיגע מענשן, זיינען, ווי מיר רוכט, בתוך פיל מער כאַראַקטעריסטיש פאַרן עצם פונם רוסישן פאָלק און ממילא שוין פיל וויכטיגער פאַר זיין להבא, איידער יענע הונדערטער און טויזנטער גזלות און בלוטיגע רויב־מערדערייען, וואָס האָבן נאָכדעם פאַרפלייצט און אונטערגעגראָבן די גאַנצע מדינה פון עק ביז עק, ביז זי איז לגמרי אומגעקומען פון דער וועלט.

... באמת, אַפילו די שווידערליכסטע און אַכזריות־דיגסטע פאַרברעכנס לאָזן זיך פאַרשטיין — און רעד־ריבער טאַקע זעהען זיי שוין ניט אויס אַזוי אימהדיג,— אויב נאָר אינם מקור שטאַמען זיי אַרויס פון באַ־שטימטע און, בלויז מחמת צופעליגע סיבות, אומבאַ־פרידיגטע מענשליכע באַדערפעניש. אָט, למשל, קאָן מען אויסגעצייכנט פאַרשטיין דעם דורכשניטליכן מענשן, וואָס האָט זיך יאָרן גאַנצע אָפּגעוואַלגערט אויף די מלחמה־פעלדער אונטער דער ערד, פאַרשמוצט און פאַרוואָרפן, אָפּגעריסן פון דער היים און פונם ישוב און פון אַלע היימישע און ישוב־ערדישע פאַרגעניגנס, בעת, באַווייזנדיג זיך אויף דער „פרייער וועלט", שפּרינגט ער אַרויס פון די האָלאָבלעס און איז בפרהסיא עובר אויף די סאַמע וויכטיגסטע פונקטן פון די „עשרת־הדברות";

צי, אַשטייגער, עס איז ניט שווער צו באַנעמען דעם רוסישן פּויער, וואָס דערשטיקט אין מיטן העלן טאָג אַפילו די זויג־קינדער פון זיין ירושה־פּריץ, וואָס האָט אָקאָרשט מושלדיג גערימן אויף אים, — און פונדעסטוועגן אין דער זעלבער צייט אויך בלייבן דערביי לגמרי רוהיג פאַר דער גאַנצקייט און זיכערקייט פון אַלע אונזערע מאָראַלישע געבאָטן, וואָס האַלטן אויף דעם גאַנצן סדר־העולם: סוף כל סוף, ווי אימהדיג אָט די מעשים זאָלן נישט זיין, האָבן מיר דאָך דאָ פאָרט צו טון מיט אַזוינע נאַטירליכע און ריין מענשליכע פאַרלאַנגען און אינסטינקטן, וואָס האָבן זיך בלויז שטאַרק אויסגעהונגערט, און דעריבער נאָר דערוויל פונם כשרן און גלייכן וועג אַראָפּגעשלאָגן זיך, צי מיט אַזאַ ניט ווינציגער מענשליכן געפיל, ווי דער חשק צו נעמען נקמה פון פערזענליכע אונטערדריקער און אַפילו פון זייערע בעצם אומשולדיגע קינדער און קינדס־קינדער.

דאָס איז נאַטירליך און פאַרשטענדליך: דאָס איז דורכאויס מענשליך פון קאָפּ ביז די פיס: אומעטום און כסדר פאַסירט עס טאַקע באַ אַזוינע אומשטאַנדן. אָט איז דאָך אַפילו די קאָרעקטע און מיושבדיגע אייראָפּע, וואָס האָט זיך אין אַ משך פון פיל דורות אין די באַציהונגען פון מענש צו מענש אַזוי פעסט מיט מדות און שיינע מאַנירן איינגעפונדרעוועט, — אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער צייט פון פינף־יאָריגן וועלט־קריג עפּעס אין אַ מין שטראָף־אינזל פאַר מחוץ־למהנהדיגע פאַרשוינען... אַנדערש קאָן עס, דוכט זיך, ניט זיין.

אָבער אָט די „סתם אין דער וועלט אַריין״ רציחות, די בעצם אָהנפּניותדיגע און, ממילא שוין, גאָר אויסער־מענשליכע פאַרברעכנס, — וואָס זיינען זיי עס, אַשטייגער, אויסן?... זיי שטאַמען דאָך ניט אַרויס פון אַ וואָסער עס איז פּערזענליכן געפיל אָדער אַזאַ באַגער, וואָס לאָזט זיך אָנטאַפּן מיט די הענט, און דעריבער אויך מיט די פינף חושים באַנעמען, עפּעס גאָר לגמרי אומ־זיניג זיינען זיי, און דעריבער טאַקע נאָך שרעקליכער.

און מיר דוכט, אַז כדי אָט די אויסטערלישע, אומזיניגע און אויסער־מענשליכע פאַרברעכנס צו באַנעמען, דאַרפן מיר זוכן זייער ערשטן מקור דוקא ניט אין די חושים, וואָס האָבן באַ די מענשן פון אַלע פעלקער איין פּנים, נאָר אין דער אייגענער, אין דער ספּעציפישער רוסישער ווילדקייט, וואָס לעכצט, פּונקט ווי יערע ווילדקייט, תמיד נאָך דער וויסטער רחבות פונם מדבר און ברייט־קייט פונם סטעפּ און קאָן עפּעס ממש ניט סובל זיין, ווי אַן אומערטרעגליכע לאַסט, קיין פאַרבויטע און פאַר־פּלאַנצטע פּלעצער און וואָס האָט זיך אין די טעג פונם מלחמה־חורבן און אינם תהו־ובהו פון אויפ־שטאַנדן בלויז אַמשטאַרקסטן און אַמשאַרפסטן אַרויס־געוויזן. דאָס איז אַן אַלטע צרה, וואָס לאָזט ניט דורך ממש אַפילו קיין איין רוסישן מענשן, פון וואָס פאַר אַ ראַנג ער זאָל ניט זיין. אָט, למשל, דער גרעס־טער קינסטלער, וואָס די וועלט האָט נאָר ווען עס איז פאַרמאָגט, זינט „ווערטער״ האָבן זיך אויסגעקליידט און אויסגעפּוצט אין געקריצטע און געשריבענע „אותיות״,— דער גראַף ליעוו טאָלסטאָי, איז אין מיטן דערינען לגמרי

מחרים די קונסט און מאַכט שוין ממילא אַ סוף צום מענשליכן ישוב בכלל, בעת ער הויבט אָן צו זוכן פּלוצלינג פאַר זיך אַ מנוחה־ווינקעלע אויפן הימל. צי, אַשטייגער, דער געניאַלער שאַליאַפּין, וואָס ברעכט פענ־סטער און שפּיגלען, בעת ער פאַלט אַריין אין אַרטיסטישן עקסטאַז, פּונקט ווי די אַזיאַטיש־בערואינישע נביאים־דערווישן און כּהנים אין זייער רעליגיעזער התלהבות. און אָט די זעלביגע מעשה פּאַסירט אויך פּאַקטיש מיט די איוואַנושקעס און מיט די סטעפּאַנושקעס — די אור־מענשן פון טולע און פון ריאַזאַן: זיי ברענען ביבליאָטעקן און מוזייען, פּאַלאַצן און אַרכיוון און אַלץ, וואָס עס קייקלט זיך נאָר צו אונטער דער האַנט, בעת זיי שפּרינגען בכלל אַרויס פון די כּלים.

דער „צר־השוה", וואָס פּאָרט צונויף טאָלסטאָיען און שאַליאַפּינען מיט אָט די טולער און ריאַזאַנער פּויערים, באַשטייט נאָך דערינען, וואָס זיי האָבן ניט בעצם אין זייער פאַרדאָרבונגס־מעשים קיין אויסגע־רעכנטע כּוונות: די ווילדקייט, וואָס הערשט איבער זיי בירושה, נאָך פון דור־דורות, איז דאָך בכלל לויט איר טבע ניט קיין גרויסע ליבהאָבערין פון קלאָרע חשבונות און פון איבערטראַכטונגען.

און אָט מחמת דעם דוכט זיך מיר, אַז דווקא אָט די אויסטערלישע, „מילדע" און אָהנפּניותדיגע פאַר־ברעכנס, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן פון די שטילע גאָטספאָרכטיגע רוסישע פּויערים אינם טראַגישסטן מאָ־מענט פון דער רוסישער געשיכטע און וואָס זיינען, אַגב, ס'רוב נאָר געווען געווענדט קעגן „טויטע" קולטור־

חפצים און ניט קענן לעבעדיגע מענשן, — זיינען בתוך
מער כאַראַקטעריסטיש פאַרן עצם פונם רוסישן פאָלק,
און דעריבער טאַקע פיל וויכטיגער אויף פאַר זיין
להבא, איידער די הונדערטער און טויזנטער אומגעהערטע
גזלות און בלוטיגע רויב־מערדערייען, וואָס האָבן פאַר־
פלייצט און אונטערגעגראָבן אַזאַ וועלט־מדינה.

אָט די אויסערמענשליכע רציחות, ווי די
געזועצליכע קינדער פון דער רוסישער ווילדקייט, גע־
הערן דאָך כמעט צו די אייביגקייטן פון דער רוסישער
געשיכטע!

די טראַגעדיע פון אַ געדאַנק
(דער מאַרקסיזם אין רוסלאַנד)

מיט עטליכע חדשים פאַר זיין טויט האָט עס פּלעכאַנאָוו אַליין דערציילט מיט אַ ווייטאָג אין האַרצן, אָט די געשיכטע, ווי אַ טרויעריגן עפּיזאָד, וואָס האָט מיט אים גופא פּאַסירט:

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, עפּעס אין אַ מיאוסן, בלאָטיגן און פינסטער־האַרבסטיגן פּעטערבורגער פריהמאָרגן, האָט זיך פּלוצלינג אַריינגעריסן אין זיין דירה אַ חברה באַוואָפנטע מאַטראָסן מיט אַ שטריינגען באַזוך, און ניט דורכלאָזנדיג ממש אַפילו אַ שפּאַרינקע ניט אויסגעלופּטערט, האָבן זיי נאָך אויך אים אַליין חוקר ודורש געווען, גאָר לויטן אַלט־פרענקישן זשאַנדאַרם־שטייגער פון די אַמאָליגע צאַרישע צייטן — מיט אויסגעשטרעקטע אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן אין די הענט... פון אָנהויב כמעט אַפילו ניט נתפעל געוואָרן: „לופּטערער" פון פרעמדע חפצים — זשאַנדאַרמען, הגם אין אַ נייעם גלגול, — פאַר אַ רוסישן מענטשן קיין נייס ניט אין אַלע צייטן... געשטאַנען אָן אַ זייט און שווייגנדיג באַטראַכט דעם עולם. נאָר שטייענדיג אָט אַזוי, כמעט

ווי ניט בכּיון, אין זייערע אויגן אַרייננעקוקט, און דער אַלטער געלערנטער און פּאָליטיקער איז געבליבן ווי אַ צעמישטער: כּשרע, אומשולדיגע פֿאָלקס־פּנימער דערזעהן...

און ער האָט שוין געפּרובט בכּיון פֿאַרבינדן מיט זיי אַ היימליכן שמועס:

— חברים!... — זאָגט ער האַרציג צו זיי — דער־קלערט מיר: פֿאַר וואָסערע זינד רודפט איר מיך אַזוי?.. מיין גאַנץ לעבן, פֿון די יונגע יאָרן אָן, ביז איצט האָב איך דאָך אָפּגעגעבן פֿאַרן וואויל פֿון פֿאָלק... אדרבא דערקלערט מיר!

— פֿאַר וואָסערע זינד?... — רופט זיך אָפּ עפּעס אַ מאַטראָס, אַ פֿרייליך בחורל, און שטעלט זיך פֿאָר־אויס... דו פֿרעגסט נאָך: „פֿאַר וואָסערע זינד“?... עך, אַלטער דו אַלטער... שעמען מענסטו זיך: שטייענדיג שוין מיט איין פֿוס אין קבר, האָסטו זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און צוליב געלט דיין ריין גע־וויסן געפֿעלשט... פֿאַרקויפֿט זיך צו די, וואָס זויגן אונזער בלוט, צו די פּריצים און צו די גבירים... מיט זיך אין גרוב וועסטו נעמען די גאָלדענע אוצרות?...

און אָט אויף דעם „מוסר“ האָט שוין פּלעכאַנאָוו אַפֿילו מיט אַ האַלב וואָרט ניט געענטפֿערט: וואָס איז די פּעולה פֿון ריידן?.. הכנעהדיג דעם אַלטן קאָפּ אַראָפּגעניינט און מיט אַ שווער געמיט בלויז צו זיך אַליין געמורמלט: „הייליגע פּשטות!... אומשולדיגע נשמות!... פֿאַרפֿירט נעבעך... פֿאַרפֿירט“!

...עס איז אייגנטליך ניט גאָר שווער צו באַנעמען, ווי גרוילנדיג עס איז אָט דער עפּיזאָד: אָט האָט אַ מענש טאַקע זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן פאַרן וואויל און גליק פון פאָלק העכער ווי פערציג יאָר, און פּלוצלינג שוין פאַרן טויט, אַגב, קומט צוגיין דאָס פאָלק גופא, דאָס כשרע ערליכע פאָלק, דער טרוים פון זיין גאַנצן לעבן, און שפּייט עפּעס, ווי לשם־מצוה, אין פּנים אַריין און באַשמוצט מיט די ברודיגסטע בלבולים. אַזוינע עפּיזאָדן אָבער וואַלגערן זיך דאָך בעצם ווי זאַמד אין דער געשיכטע פון דער רוסישער אינטעליגענץ. אָט איז דאָך שוין כמעט עפּעס ווי אַן אוראַלטער מנהג נאָך פון דור־דורות אינם רוסישן דאָרף צו וואַרפן דאָקטוירים אין די ברונימער אין די צייטן פון מגפות, גלויבנדיג דערביי, אַז אַזוינע קרבנות וועלן שטאַרק באַווילינט ווערן פון גאָט און פון לייט... דאָס רוסישע פאָלק האַסט פון תמיד אָן זיינע היינטוועלטיגע בעלי־טובות. און פונדעסטוועגן איז דער עפּיזאָד מיט פּלעכאַנאָוו עפּעס כמעט אַן אויסטערלישער אין רוסלאַנד: די טראַגעדיע פון פּלעכאַנאָוו שטעקט דאָך בעצם ניט בלויז אין דעם, וואָס אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט ער זיך אינם פאָלק מיאש געווען, נאָר דערהויפּט און בתוך דערין גאָר, וואָס שטייענדיג שוין מיט איין פוס אין קבר, האָט ער זיך אין אַלע זיינע גערי אַנקען געמוזט אַנטווישן...

באמת: אָט אינם משך פון היפש עטליכע צענדליגער יאָרן איז אָט דער זעלביגער פּלעכאַנאָוו, אַרומגערינגלט מיט זיינע תּלמידים, ממש פּיס־טריט נאָכגעגאַנגען דעם

רוסישן אַרבֿעטער, אין שטוב און אין גאַס, אויפֿן מאַרק און נעבן וואַרשטעט, טאָג־איין און טאָג־אויס כּסדר עפּעס גאָר וואונדערליכע און אומגעהערטע געדאַנקען אים איינגערוימט אויפֿן אויער, און מאָדנע מעשׂיות, עפּעס אינם סטיל פֿון די מאָדערנע לעגענדעס, אים תּמיד דערציילט. פּלעכאַנאָוו און זיינע תּלמידים האָבן אויפֿגעוויזן און דערציילט, אַז דער גאַנצער מענטשליכער ישוב, פֿון איין עק וועלט ביזן אַנדערן, אויסער די פֿאַבריק־הויפֿן און אויסער די אַרבֿעטער־קוואַרטאַלן, — איז בעצם גאָר ניט קיין ישובֿ, ווי אונדז דוכט זיך, אין פֿלוג נאָר אַ גרויסער, אומענדליכער פֿאַרבלענדעניש־פּלאַץ, וואו אַלץ איז קונציג פֿאַרשטעלט און באַהאַלטן, פּונקט עפּעס ווי אין די לעגענדאַרישע כּישוף־שטובלאַך. אָט שטייען „דאָרטן“, למשל, אינם כּלומרשדיגן ישובֿ, מענטשן און מאַכן די איידעלסטע תּנועות און העוויות, ריידן אַזוי שיין און מוזיקאַליש און קלעטערן ממש אויפֿן הימל, דאָס אַלץ אָבער זיינען, בתּוך, בלויז אַזוינע גרימאַסן־חנרלאַך, אָנשטעלן, הגם גאַנץ אָפּט ניט בכּיונדיגע, כּדי די איינוואוינער פֿון די פֿאַבריק־הויפֿן און די תּושבֿים פֿון די אַרבֿעטער־קוואַרטאַלן, זאָלן ניט דערקענען זייערע אמתע רויבערישע העוויות און ריכטיגע זשערנעדיגע פּנימער. די פֿיינסטע שטימען זייערע, ווי מוזיקאַליש און אַנגענעם זיי זאָלן ניט קלינגען, זיינען בעצם טאַקע נאָר טעמפּע אָפּקלאַנגען פֿון די האַמטענע, נאָר פֿאַרמאַסקירטע „מיינס“־אינסטינקטן... ד אָ ר ט ן, אויף אָט דעם „פֿאַרבלענדעניש־פּלאַץ“, איז ניטאָ אַפֿילו איין מענטש ממש, וואָס זאָל זיך לעבן גאָר אָהן אַ מאַסקע.

אַט, אַפילו אַזאַ וועלט־גאון, ווי דער גראַף לעוו טאָלסטאָי, איז דאָך אויך געווען, בתּוך, אַלע זיינע יאָרן פאַרשלייערט און פאַרשטעלט: ניט אייביגע מאָראַלישע ווערטן פאַר אַלע מענשן, צייטן און דורות האָט טאָלסטאָי באַשאַפן, נאָר עפּעס ווי אַ פאָנאָגראַף מעכאַניש אויסגעזונגען בלויז די טענער, וואָס די פּריצים פון זיין צייט און לאַנד האָבן אין אים אַריינגעזונגען, ווייל די גאַנצע לערע, וואָס טענעט: „קעגן מוטוויליגקייט זאָלסטו זיך ניט אַנטקעגן שטעלן מיט גוואַלד" — איז דאָך אייגנטליך נאָר אַ פאַרמאַסקירטע המצאה, אַן אָנשטעל אַזאַ, כּדי ניט צו דערלאָזן די פּויערים אָפּצונעמען בײַ די פּריצים די ירושה־גיטער און הויפן...

און אָט אַזוינע פאַרשוינען זיינען עס אַלע „דאָרטיגע". אַפילו די קינסטלער און די ריינקער, די כּהנים און די נביאים, שוין ניט גערעדט וועגן דעם איינפאַכן מין מענש בכלל... און אָט אַזוינע מוזן זיי זיין לויט די געזעצן פון דער געשיכטע. אָט דאָס אַלץ דאַרף עס אָבער דער אַרבעטער גוט וויסן און נאָך בעסער גע־ריינקען: דערין באַשטייט דאָך טאַקע זיין הויפּט־עובדא, זיין ש ל י ח ו ת, אויך לויט די געזעצן פון דער געשיכטע, וואָס כּדי ער זאָל ניט אומקומען פון דער וועלט, מוז ער כּסדר אָט די צביעותדיגע פאַרשטעלענישן אַראָפּ־רייסן, און כּדי ניט צו דערלאָזן אָפּנאַרן זיך, תּמיד האָבן פאַר די אויגן די אמתע און ריכטיגע געשטאַלטן. אָט אין מערבֿ־אייראָפּע, למשל, זיינען די אַרבעטער „תּמימים" געווען, — געלאָזט זיך פאַרפירן פון די פאַר־

מאַסקירטע אָנשטעלן און לסוף טאַקע מיאוס אַריינ־געפאַלן נעבעך...

אָט אַזוי אַן ערך האָט פלעכאַנאָוו גערעדט און גע־טענעט אינעם משך פון עטליכע צענדליג יאָרן נאָכאַנאַנד.

אמת, פאַר פלעכאַנאָוון גופא, ווי אויך פאַר זיינע תּלמידים, האָט אין אָט די געדאַנקען און געשיכטעס בעצם גאָר אַ שטיק קינסטלערישער סימבאָליזם גע־שטעקט, וואָס איז בלויז אַ פאַרגרינגערונגס־מיטל, כּדי צו באַנעמען די פאַרטונקלטע און פאַרפּלאָנטערטע ווירקליכקייט. דער רוסישער אַרבעטער אָבער, וואָס איז בטבע ניט גאָר קיין פאַרשפּיצטע בריאה און אויף קינסט־לעריש סימבאָלישע געדאַנקען אַ קנאַפּער מבין, האָט זיך אין אָט די געשיכטעס איינגעגלויבט טאַקע, בפּועל־ממש, פּונקט, אַשטייגער, ווי זיין מאַמע, און אויך ער אַליין גאַנץ אָפט, אין די נסים פון יאָהאַן דעם קרוינשטאַטער צי אין די מופתים פון די דאָרפישע מאַראָנעס, און די אויגן אויסגעקוקט, וואַרטנדיג אויף דער גינסטיגער און גליקליכער שעה, ווען ער אַליין וועט באַקומען די ממשלה אין זיינע הענט, כּדי זיין גרויסע שליחות אויף דער ערד אויסצופירן און טאַקע אָט די מאַסקעס, וועגן וועלכע ער האָט זיך אַזוי פיל מיאוסע מעשיות אָנגע־הערט, לגמרי אויסצוראָטן פון דער וועלט... אָט אַזוי האָט ער געוואַרט און געוואַרט און לסוף טאַקע דער־וואַרט זיך. די גינסטיגע און גליקליכע שעה איז ווירקליך געקומען. דער רוסישער אַרבעטער איז גע־וואָרן דער איינציגער בעל־הבית פונם לאַנד, און קודם כּל האָט ער זיך גענומען טאַקע די אַקטיאָרישע מאַסקעס

אַראָפּרייסן, אָבער ניט „סימבאָליש“, נאָר רעאַליסטיש מיטן גאַנצן פלייש פונם פּנים און אָפּט אַפילו אינאיינעם מיטן קאָפּ...

פלעכאַנאָוו האָט עס דערזעהן און איז פּאַרציטערט געוואָרן. אָנגעהויבן איינצוזעענען מיט די אַרבעטער, אַז ניט דאָס האָט ער געמיינט, און אַז דער מענשליכער ישוב איז גאָר אין דער ווירקליכקייט צעטיילט ניט בלויז אויף „פאַרבלענדעניש-פלעצער“, וואו פאַרשטעלטע צבועה־פאַרשווינען דרייען זיך אַרום, און פאַבריק־הויפן, וואו כשרע מענשן שטייען און האָרעווען מיט שווייס, — נאָר אויך אויף לענדער, און אַז אָט די לענדער פאַר־מאָגן אויך פעלקער, וואָס דאַרפן זיי היטן און באַשיצן, און אַז „דאָרטן“ בכלל טראַכט מען אויך וועגן ערליכע זאַכן און ניט נאָר בלויז וועגן אָפּנאַרן און אויסנאַרן, — האָט אים אָבער איצט קיינער אַפילו אויסהערן ניט געוואָלט, און ווי אַ תשובה אויף זיינע נייע און לעצטע חרטה־טענות, האָט ער עס באַקומען דעמאָלט דעם „מוסר“ פונם פרייליכן מאַטראָסל...

און אָט אין דער חרטה טאַקע שטעקט עס פלע־כאַנאָווס טראַגעדיע, וואָס איז, אַגב, ווי מיר דוכט, כמעט ווי אויסטערליש פאַרן פויערשן רוסלאַנד.

דער פויער, לויט זיין טבע, קאָן קיינמאָל ניט אַריבער־שפּרינגען העכער פון אַזוינע שאלות, ווי גוט און שלעכט, ריכטיג און פאַלש נאָר בנוגע צו גאָט און צו מענשן. פלעכאַנאָווס טראַגעדיע, ווי די טראַגעדיע פון זיינע תלמידים, אָבער איז דאָך די טראַגעדיע פונם דיינקער,

וואָס האָט אפשר פיל מער עגמת־נפש פון דעם, וואָס די עצם געדאַנקען גופא זיינען צעשעריגט געוואָרן, איידער פון די שאָרנס, וואָס זיי האָבן ווען עס איז געבראַכט, ווי גרויס זיי, אָט די שאָרנס, זאָלן ניט זיין. דער אינטעלעקט, דער ריינער פאַרשטאַנד איז דאָך פאַר אים, פאַרן ריינקער, להיפוך צו דעם פויער אפשר העכער סיי פון גאָט און סיי פון מענשן...

די לעצטע מאַרקיזן
(דער רוסישער ליבעראַליזם)

אין אָוונט, ערב יענעם טאָג, וואָס די ערשטע רוסלענדישע „רומע" האָט זיך געעפנט, האָט עס פּאַסירט אין פּעטערבורג.

די חשובסטע געלערנטע, די אָנגעזעהענסטע קינסטלער און די „טובי־העיר" בכלל פון דער רעזידענץ האָבן זיך עס צונויפגעזאַמלט אין אָט דעם אָוונט אינם אַלטן אוניווערסיטעט־זאַל מקבל־פּנים זיין און באַגריסן די ערשטע פאָלקס־אויסדערוויילטע און ווינשן זיי, אַז די שווערע שליחות זייערע זאָל זיך ענדיגן מיט הצלחה, און די פיל־געפּלאָגטע מדינה זאָל שוין טאַקע מער פון קיין יסורים ניט וויסן.

אַ וואונדערבאַרער אָוונט איז עס געווען. בעת מעשה האָט זיך געדוכט, אַז דאָ קומט פאָר ניט סתם אַזוי זיך עפּעס אַן אַסיפה פון מענשן, ווי אַלע מענשן, נאָר עפּעס אַ מין עבודה־אָפּריכטונג פון אַ מאָדערנער קינסטלעריש־רעליגיעזער סעקטע. אַלע עפּעס ווי לויט איין פאַסאָן געקליידעט — אין לאַנגע שוואַרצע סורדוטן מיט צוגעשפּיליעטע כריזאַנטעמעס אויף די לאַצן, און די פּנימער ס'רוב עפּעס משפּחהדיג געראָטן איינע אין

די אַנדערע: בּערדיגע, גרויע מיט פינקלדיג־גאָלדענע האָלאָבּלעריגע שפּאַקולן אויף די נעז, גאָר אַזוינע ציכטיג־לויטערע, שיינענדיגע, עפּעס ווי אָקאָרשט אויסגעבּאָדענע אין דער דרויסנדיגער ווייסער פּעטערבּורגער פריהלינג־נאַכט. צו דעם אַלע אַזוינע ערנסטע: עפּעס אַ קליינינג־קייט צו זאָגן — מאָרגן וועט דאָך דאָס פאַרקנעכטעטע לאַנד פאַר אַלעמען אין די אויגן בּאַפרייט ווערן און, ווי אַלע מדינות פון דער וועלט, אַן אמתן מלוכה־אָנבּליק בּאַקומען...

נאָר אָט טאַקע אינם סאַמע ריכטן בּרען פון אָט דער „עבודה“, בּעת אַלע האָבּן זיך עפּעס ווי געטוקעט אין שטילן עקסטאַז, האָט זיך פלוצלינג עפּעס ווי פון דער העלער הויט אויפגעהויבּן אַ פּשוטער פּריסטאַוו פון די צאַרישע צייטן, אויף אַ בּענקל אַרויפגעקראָכן און התראהדיג בּאַפוילן אָט דעם יום־טובדיג אויפגעלעגטן עולם ניט מאַכן קיין שהיות און טאַקע גלייך נעמען פון דאַנען דעם וועג... דאָס איז פאָרגעקומען עפּעס אַזוי ראַש, אומגעריכט: אָט דער פּריסטאַוו האָט זיך פריהער גאָר ניט אָנגעזעהן.

צעטומלט האָבּן אַלע די קעפּ אַראָפּגעלאָזן, עפּעס ווי שעמענדיג זיך צו טרעפן איינער מיט דעם אַנדערן אויג אויף אויג. דאָך האָט זיך קיינער פון אָרט ניט גערירט: עס האָט זיך אויף עפּעס געוואַרט... און אָט אינם מאָמענט פון פאַרלעגנהייט, בּאַליידיגונג און סתּם וואַרטן אויף עפּעס, האָט זיך אַנידערגעשטעלט דער בּאַוואוסטער ראָדיטשעוו, מיט שטאָלץ זיינע סוטולע

פּלייצעס אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן די רעכטע האַנט מיט אַ שבועה־זשעסט און מיט אַ נערוועז־ציטערנדיגער שטים לאַקאָניש אויסגערופן:

— איך, ווי אַ פאָלקס־שליח פונם באַגייטן רוסלאַנד, פאָדער אומבאַדינגט פונם פּריסטאַוו, ער זאָל זיין נאָמען מיט דער פאַמיליע זיינער אָנרופן, כּדי די געשיכטע זאָל אים געדיינקען!...

דער פּריסטאַוו אָבער איז פון ראָטישעווס אַזהרהדיגן אויסגעשריי, אַפּנים, קנאַפּ וואָס נתפּעל געוואָרן: אַזש צעחכמהט זיך עפּעס מיט אַ דורכגעדרונגענער הנאה־דיגער גדלות:

— עס מאַכט נישט... די געשיכטע איז ניט קיין פּראָטאָקאָל: עס לאָזט זיך פאַרשרייבן.. .מען דאַרף זיך אָבער אַביסעלע צ ו א י ל ן...

און נאָך אָט דער תשובה איז שוין אייגנטליך אַלץ געווען פאַרענדיגט. עמיצער האָט זיך עפּעס צעלאַכט פונם פּריסטאַווס ווערטער, און אין דער אָקאָרשט שטריינ־גער לופט פונם אוניווערסיטעט־זאַל האָט זיך אַזש אַ לוסטיגע שטימונג דערשפּירט... די חשובע געלערנטע, די קינסטלער און די „טובי־העיר" פון דער רעזידענץ מיט די גרויע בערד, אין די לאַנגע שוואַרצע סורדוטן מיט די כריזאַנטעמעס אויף די לאַצן, האָבן טאַקע נאָכדעם קיין לאַנגע מחזוקות ניט געמאַכט, און האַלטנדיג זיך נעבן די פאָלעס פון די פאָלקס־אויסדערוויילטע — שורותווייז שטיל, טרויעריג און איינגעהויקערט פון דער טיר אַרויסגעמאַכט זיך.

די אָקאָרשטע „כּהנים־גדולים“ און שטאָלצע מענער זיינען פּלוצלינג אין איין רגע ממש עפּעס ווי אין פאַר־זינדיגטע עופהלאַך פאַרוואַנדלט געוואָרן.

...אָט דער עצם פאַקט גופא האָט דעמאָלט אין רוסלאַנד קיין איבעריגן רושם ניט געמאַכט: מה רעש?... „רוסלאַנד איז דאָך ניט ענגלאַנד“, האָט דאָך שוין נאָך מיט יאָרן צוריק געזאָגט איינער פון די קליגסטע רוסישע שריפטשטעלער... די „מעשה“ אָבער ווי אַ „מעשה“ האָט דעמאָלט יאָ שטאַרק אויסגענומען: ראַדיטשעווס המצאהדיגע רעפּליקע האָט זיך איבערן גאַנצן לאַנד פאַרשפּרייט: אינם פאָלק עפּעס ווי אַ נייטאָרישער קופּלעט, וואָס טראָגט זיך פון די זינגענדיגע בעטלערס אויף די הויפן ביז די נאַכטיגע דראָזשקאַרעס, וואָס פאַרטומלען מיט אים די גאַסן, כּדי ניט איינצושלאָפן, זיצנדיג אויף דער קעלניע — און צווישן דער אינטע־ליגענץ — עפּעס ווי אַ פּיקאַנטער אַנעקדאָט פונם איי־ראָפּייאישן אַכצענטן יאָרהונדערט, אויסגעליינט פון אַ מאַרקיזן־כראָניק... און אַלע האָבן זיך דעמאָלט ממש געקייקלט פון געלעכטער:

— געהערט אַן איינפאַל?

אַ דערוואַקסענער מענש, דערצו נאָך אַן אַלטער קאָנסטיטוציאָנאַליסט, און אַן אָנגעזעהענער פּאַרלאַ־מענטאַריער, דראָהט גאַנץ ערנסט אַ רוסישן פּריסטאַוו מיטן שוואַרצן צעטל פון דער געשיכטע. איז עס דען טאַקע ניט עפּעס אַן אָנשטעל פון די פאַרצייטיגע קאַר־נאַוואַל־העלדן און מאַסקן־פיגורן?.. .דאָרטן פלעגן

זקנים מיט זקנות, שפּילנדיק אין זשמורקעס און באַהעל־
טערלאַך אין אַ פינסטערן אַלקער, שמועסן אין אַ
פאסטאָראַל־שפּראַך פון גרינע פריהלינגדיקע לאָנקעס און
פון לעמעלאַך מיט גלעקעלאַך, און דאָ, מוסרנדיק אַ
רוסישן פּאָליציי־מאַן, ווענדט מען זיך צו אים מיט דעם
לשון כּמעט פון אַ סאָקראַטעס צו זיינע שופטים... אות
באות: טאַקע אַ מאַרקיזן־אָנשטעל, הגם דער נוסח אַן
אַנדערער... איז עס דען ניט אַ מעשה צום לאַכן?...

עס וואָלט אָבער זיין אַ גרויסער טעות צו זעהן אין
אָט דעם אָנשטעל פון ראָדיטשעוון בלויז נאָר אַ פּער־
זענליכן געלעכטערישן כאַראַקטער־שטריך און מער גאָר־
נישט: אין אָט דעם אַלט־פרענקישן אָנשטעל האָט זיך
גאָר בעצם אַנטפּלעקט פאַר אונז די גאַנצע געשטאַלט
פונם רוסלענדישן פּראָפעסאָרן־ליבעראַליזם בכלל. דער
גאַנצער רוסלענדישער ליבעראַליזם, לויט דעם, ווי מיר
האָבן אים געזעהן און נאָהענט באַקאַנט זיך מיט אים אין
משך פון זיין הונדערט־יאָריקע געשיכטע, איז דאָך אייגנט־
ליך טאַקע געווען נאָר אַ גלגול בלויז פון יענער פּאָזע־
דיגער, אָהנבלוטיגער עפּאָכע אין מערב־אייראָפּע בעת
פאַריקן, פּיזשמעס, קרינאָלינעס, טאַטעס אין קינדערשע
מייטקעלאַך, קאַרנאַוואַל־מאַסקעס און פאַרשיידענע גריי־
מירונגען זיינען גאַנץ ערנסט פאַרוואַנדלט געוואָרן, אַפילו
אינם טאָג־טעגליכן געברויך, אין די נויטיגסטע שטוב־
און־גאַס חפצים, און אַרטיסטישע חנדלאַך — אַפילו
אין נאַטירליכסטע תּנועות...

באמת: דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנער, למשל,
וואָס פאַר שפּאָגל נייע אידייען ער זאָל ניט פאַרמאָגן

און ווי אַלטוועלטליך און ווי אַלמענשליך ער זאָל ניט זיין, איז דאָך תּמיד איינגנטליך בעצם געווען, לויט זיינע אויסערליכע מאַנערן, לגמרי אַ שטובינער און אייגענער מענש, סיי אינם איצטיגן רוסישן לעבן און סיי אַפילו אין דער רוסישער געשיכטע: דער זשאַנדאַרם פלעגט נאָכשפירן דעם רעוואָלוציאָנער און נאָכדעם אויפהייגען אים, און דער רעוואָלוציאָנער פלעגט נאָכשפירן דעם זשאַנדאַרם און נאָכדעם וואַרפן אין אים אַ באָמבע.

ביידע האָבן דאָך כּמעט אויף איין און דעם זעלבינן לשון גערעדט, און דער זייטיגער עולם האָט טאַקע ביידנס שפּראַך אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען: דאָס איז געווען אַ היימישער שמועס... און דעריבער טאַקע האָבן אַפילו די פאַרביטערטסטע שונאים פונם רעוואָלוציאָנער דאָך געמוזט מודה זיין, אַז דער רוסישער רעוואָלוציאָנער איז פּונקט אַזאַ רעאַלער פאַקט, ווי דער רוסישער זשאַנדאַרם גופא, און ניט עפּעס פונם פינגער אויסגעזויגן: זיי זיינען ביידע דער רעוואָלוציאָנער און דער זשאַנדאַרם געווען אַזוי פאַרקניפּלט צווישן אַנאַנד, אַז איינער אָהן דעם צווייטן האָט טאַקע ממש ניט געקאָנט אויסקומען, ווי אָהן לופט צו עטעמען. זיי האָבן זיך אַזש ווי גענויטיגט איינער אינם צווייטן, כּדי דאָס לעבן זאָל זיין פול און האַרמאָניש.

אָבער דער רוסישער ליבעראַלער פּראָפעסאָר?

עפּעס אין אַן אומגליקליכער און פינסטערער שעה איז ער געבוירן געוואָרן, אָט דער רוסישער ליבעראַל. פונם ערשטן טאָג אָן, וואָס ער האָט די ליכטיגע שיין פון דער וועלט דערזעהן, איז ער געווען אַלעמען פרעמד

און אומפאַרשטענדליך, און כּדי צו האַלטן זיך ווי עס איז, האָט ער געמוזט כּסדר איננסצענירן און אַפילו אין די שטאַרק ערנסטע מאָמענטן גאָר שפּילן ראָליעס. און אַפילו אָט די ראָליעס, אַגב, פלעגן אויך גענומען ווערן ס׳רוב גאָר מן הצד, און דערצו נאָך עפּעס מאָדנע פאַנטאַסטישע און אויסטערלישע. אָט, למשל, דער שענסטער און דער בעסטער טאָג אין דער אומעטיגער און איינזאַמער געשיכטע פונם רוסישן ליבעראַליזם: דער פריהלינג־טאָג, וואָס די ערשטע ליבעראַלישע רומע האָט זיך געעפנט. דאָס איז דאָך טאַקע געווען עפּעס אַ פאַנטאַסטישער מאַסקן־באַל, וואָס מען האָט אפשר אַזוינס ניט געזעהן, אַפילו אין דער קלאַסישער צייט פון די מערב־אייראָפּייאישע מאַסקאַראַדן.

אין אַן אַלטן קיניגליכן פּאַלאַץ, געבויט לויט דעם מאַווריטאַנישן סטיל, באַוואַכט פון זשאַנדאַרמען, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט פינף הונדערט מענשן, אומבאַוואוסטע פויערים און באַרימטע געלערנטע, יעדער פון זיי אויף זיין שטייגער געקליידט, און אַן אַלטער פּראָפעסאָר מיט אַן אויסזעהן פון אַ רוימישן סענאַטאָר, פאַרשטעלט פאַר אַ ספּיקער פון ענגלישן פּאַרלאַמענט, האָט גערעדט רוהיג און זיכער „בפני קהל עם ועדה“ אינם צאַרישן רוסלאַנד וועגן די אייביגע יסודות פון מלוכה־געזעצן, פעלקער־פרייהייט און מענשן־רעכט, וואָס דאַרפן זיין אָפּגעהיט פון אַלעמען, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, כּדי דאָס איינקומעניש פון דער וועלט זאָל זיך קאָנען האַלטן... און הערנדיג האָט קיינער

דערביי, אַגב אַפילו קיין שמייכלדיגע מינע ניט באַוויזן, אַזוי אַרטיסטיש איז עס געווען דורכגעפירט די ראָליע.

צי, אַשטייגער, די צייט, אין וועלכער דער רוסישער פויער, וואָס איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אומזיסט און אומנישט אין דער פרעמדער מערב־אייראָפּייאישער מלחמה, כּדי סתּם אין דער וועלט אַריין מדינות און לענדער איינצונעמען, האָט זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן און ווילד און סעקטאַנטיש אַפילו די איינענע מלוכה חרוב געמאַכט: בעת רוסלאַנד האָט שוין געגוססט, און דער גאַנצער וועלט ממש איז געווען באַוואוסט, אַז עס איז שוין אַן אורחטע אויף דער ערד, האָט זיך אַ צווייטער פּראָפעסאָר פאַרגרימירט אין דער געשטאַלט פון אַ באַוועגליכן אַמעריקאַנישן פּרעזידענט און עפּעס ווי ניט איינמאַטרנדיג זיך געשמועסט אויף אַלע גאַסן און געמאַרקן וועגן דער גרויסער וויכטיגקייט פון אַרמייען און נייע לענדער־ערעאָבערונגען פאַרן פ אָ ל ק ס־ג ײ ס ט, אין אַזאַ מדינה, ווי דאָס געוועזענע רוסלאַנד, וואו דער איינציגער, וואָס האָט, רוכט זיך, אָקאָרשט געוועלטיגט און ווירקליך אַ דעה געהאַט, איז נאָר געווען עפּעס אַ דאָרפישער פויער אַ מכשף...

און אָט אַזוי כּסדר:

די גאַנצע פּאָליטישע געשיכטע פונם רוסישן פּראָפעסאָרן־ליבעראַליזם איז דאָך, אייגנטליך, אַ גרויסע סעריע פּראַכטיגע נאָוועלן, פּיקאַנטע אַנעקדאָטן און גלענצנדיגדעקאָראַטיווע א י נ אַ ק ט ע ר ס פון דעם לעבן און דיינקען פון די „לעצטע מאַרקיזן" אין אייראָפּע... און ממש נשתּומם צו ווערן, ווי שטאַרק מען האָט זיך עס

אײַנגעלעבט מיטן טעאַטראַלן לעבנס־שטײגער. שטײענדיק שוין אַפֿילו בײַם טויטן בעט פֿונם געװעזענעם רוסלאַנד און זעהענדיק מיט די אײגענע אויגן, װי פּײַנלעך עס ראַנגלט זיך מיטן טויט, האָט דאָך דער רוסישער ליבעראַלער פּראָפֿעסאָר ניט אויפֿגעהערט פֿונאַנדערצוטײלן פֿאַר זיך און פֿאַר אַנדערע סצענישע ראָליעס. אַ קאַזאַקן־גענעראַל פֿון די קובאַנער קאַלמיקן, געמאַכט פֿאַר אַ נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן, און באַװאָפֿנטע אינגושן, בוריאַטן און קירגיזן — פֿאַר יענע אומשטאַרבלעכע פֿראַנצויזישע גרענאַדערן, װאָס האָבן העכער װי מיט הונדערט יאָר צוריק אַזױ לעגענדאַריש גאַנץ אײראָפּע כמעט פֿון עק ביז עק דורכגעמאַרשירט, שיער טאַקע אַ נײַע װעלט ניט באַשאַפֿן, און װאָס האָבן געהאַט די גרױסע זכיה, אַפֿילו שוין אויף דער עלטער, פֿון הײַנע און בײראָן באַזונגען צו װערן.

ס׳פֿאַרשטײט זיך, אַז אָט דער רוסישער ליבעראַליזם פֿונם פּראָפֿעסאָרן־שניט האָט סוף כּל סוף געמוזט לגמרי אונטערגײן: מיט אַרטיסטישע אָנשטעלן — אמת שײנע, גראַציעזע — און מיט זשעסטן איבערגענומענע בירושה פֿון די פֿאַרצײַטיקע מאַרקיזן, האָט ער דאָך געהאַט ברעה, און גאַנץ ערנסט, אַזאַ סעקטאַנטיש פּויערים־לאַנד, װי רוסלאַנד, עפּעס אין אַ מין מאָדערן ענגלישער אָדער פֿראַנצויזישער מלוכה צו פֿאַרװאַנדלען, און עס האָט נאַטירלעך ניט געקאָנט אויסהאַלטן; אַפֿילו די, װאָס האָבן זיך פֿריִער ממש געקװיקט מיטן „שפּילן“ פֿון די רוסישע ליבעראַלע פּראָפֿעסאָרן, האָבן זײ אויך אינם לעצטן מאָמענט פּשוט מיט שטײנער פֿאַרװאָרפֿן.

און פֿאַרשעמטע און צעטראָטענע זײַנען זײ אומרער־בּאַרעמדיג אויף דער גאַס אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן, וואו זײער לעבּן איז געוואָרן הפקר... און ניט האָבּנדיג, וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, האָבּן זײ זיך אַוועקגעלאָזט וואָגלען און וואַלגערן פֿון אָנהויבּ צווישן די קאַזאַקישע מחנות אין די סטעפּן־סטאַניצעס פֿון די דאָנער, אָרענ־בּורגער און קובּאַנער שבטים, און נאָכדעם צווישן די כינעזער און מאָנגאָלן אינם ווײטן מזרח און וואו די וועלט האָט אַן עק, וואו זײ זײַנען אײנזאַם און פֿאַרוואָרפֿן בּיסלעכווײז אויסגעשטאָרבּן אין עלנט און אין פּײַן.

אָט אַזוי טראַגיש האָבּן עס געענדיגט די בּעצם אומ־טראַגישע רוסישע ליבּעראַלן, אָט די קלאַסישע קינסטלער און אַרטיסטן, וואָס האָבּן פֿון תּמיד אָן, ווי אויסגע־אײדלטע און וואוילדערצויגענע, ממש פיזיש קײן הויך קול אַפּילו ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן.

מיט זײ אינאײנעם, מיט אָט די רוסישע ליבּעראַלן איז דאָך אָבּער אויך אָפּגעשטאָרבּן די שײנקײט פֿונם סאַמע פֿײנעם לעצטן אָנשטעל—אפשר טאַקע פֿונם סאַמע לעצטן פֿײנעם אָנשטעל אין אײראָפּע, — און אָנשטאָט דער מאַסקע פֿונם פֿאַרשײדנפֿאַרבּיגן און לוסטיגן קאַרנאַוואַל און פֿונם חנעוודיגן, גראַציעזן און יום־טובדיגן „מאַרקיז“, וועט פֿאַרנעמען דעם אויבּן אָן דער קאָמעדיאַנט, דער פּאַיאַץ און דער קופּלעטיסט פֿונם שאַנטאַן און פֿונם קינעמאַטאָגראַף און בּכלל דער אָפּנהאַרציגער און דער בּעל־תּכלית, דער זאַטער און דער גרויער, פֿון וואַנען ער זאָל ניט שטאַמען: זײַנע שווערע און גענעגלטע טריט הערן מיר דאָך שוין...

אַ נייע רוסישע רעליגיעזע סעקטע
און אידישע אינטעליגענטן
(דער באָלשעוויזם)

איך געדיינק אַ בילד:

אַן אוקראַאינישע גובערניע־שטאָט אינם ערשטן פֿריה־מאָרגן, וואָס די רוסלענדישע קאָמוניסטן זיינען אין איר אַריין. אַוטאָמאָבילן און רייטער פֿליהען אום איבער די גאַסן; כסדר — ביקסן און באַגנעטן. אויף יעדער טראָט נישטערן און קוקן אויס גרופּעס באַוואָפֿנטע סאָלדאַטן מיט ברודיגע בענדלאַך אויף די אַרבל: דער צייכן פֿון דער רויטער גוואַרדיע. לויטן אויסזעהן ממש אַ ריכטיגע רויבער־באַנדע: מאַטראָסן־העמדלאַך, האַרטע קאַפּעלושן, טכוירענע פוטערס, שעפּסן־פּעלצלאַך, גענע־רעלישע שינעלן, ענגלישע שעוויאָטענע מאַנטלען; אויף די לענדן — ברייטע לעדערנע גאַרטלען; צווישן די גאַרטלען מעסער און שווערדן, ס׳רוב אָפּיצערישע: זילבערנע באָמבעלאַך נעבן די הענטלאַך... עס איז אַ ווינטער־טאָג, נאָר אויפֿן אוקראַאינישן שטייגער: וואַרעם, ליכטיג און פֿריהלינגדיג...

נעבן דער פּאָסט, וואָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אינם קאָמוניסטישן הויפּט־שטאַב, — אַ גאַנצע מחנה „גוואַרדייצעס“. עפּעס אַ מאָדנער לעבנס־סדר איז דאָ:

אין דער מיט פון גאַס — אַ געצעלט פון אַוטאָמאָבילן. רוהיג זיצט מען זיך אינם „געצעלט" און ניט געאיילט טרינקט מען טיי פון בוטלען און מען פאַרבייסט מיט געבראָטענע עופות, שאָקאָלאַד און זעמל. פון דער פולער האַנט איז מען אויך מכבד מיט אָט די אַלע גוטע זאַכן די רינסטן און די בעטלערס, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום... פּלוצלינג לאָזט מען זיך לויפן מיט בוטלען און מיט שטיקער פליייש אין די הענט אָניאָגן אַן אָפיציר, כדי אַראָפּצורייסן בּאַ אים די עפּאָלעטן פון די אַקסלען. בעתן „קריעה" שרייען די בעטלער „אוראַ", די רינסטן טאַנצן און פּלעסקען מיט די הענט, און די גוואַרדייצעס גופא העצן אונטער עפּעס מיט מאָרנע אויסרופן און קולות.

איך בין בעת מעשה געשטאַנען און האָב אויף אָט דעם בילד געקוקט. און קוקנדיג אַזוי, האָב איך פּלוצלינג דערזעהן צווישן דער מחנה אַ סאָלדאַט, וואָס איז עפּעס לויט זיין גאַנצן אויסזעהן און פירן זיך ניט געווען געראָטן אין זיינע איבעריגע חברים: אַ הויכער בלאָנדין מיט בלויע אויגן, אַ ברייט און קאַנטיג בערדל מיט אַ שפּעלטעלע אין דער מיט, און דאָס פּנים אַזאַ אומעטיגס, בלייכס און פאַרטראַכטס. ער איז געווען געקליידט אין אַ צעריסענעם שינעל מיט אַ ציוויל וועליסאָפּעדן היטל אויפן קאָפּ. און בייסנדיג די נעגל פון די פינגער מיט די ציין, האָט ער געהאַלטן זיך עפּעס ווי אָפּגעזונדערט פון אַלעמען.

פאַראינטערעסירט, בין איך נעהענטער צוגעגאַנגען און מיט אָט דעם מאָרנעם סאָלדאַט פאַרפירט אַ שמועס.

ער האָט זיך געלאָזט ריידן, און שמועסנדיג פון אָנהויב סתם אין דער וועלט אַריין, האָבן מיר זיך אָט אַזוי פאַררעדט און פונם איבעריגן עולם אַביסל דערווייטערט. עפּעס שפּירנדיג אַן אינעווייניגסטן צוטרוי צו אָט דעם אומבאַקאַנטן, ווי צו אַן אייגענעם, האָב איך זיך ממש אַרויפגעוואָרפן אויף אים מיט טענות, ווי נאָר מיר זיינען אויג אויף אויג געבליבן:

— זאָגט מיר... — האָב איך זיך אַזש צעשריען — וואָס זענט איר אויסן?... צוליב וואָס האָט איר זיך עס אַריינגעריסן אין אָט דער פרידליכער שטאָט?...

עפּעס אַ מאָרגנער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפן פּנים פון אָט דעם בלאָנדן־סאָלדאַט, אַזוי שמייכלען חולי־נופל אין די גוטע מינוטן, און איך הער, ווי ער זאָגט צו מיר גאָר אין אידיש מיט אַזאַ ריינעם און האַרטן ליטווישן אַקצענט:

— איר פרעגט: „וואָס זיינען מיר אויסן?"... אפשר קאָנט איר מיר בעסער דערציילן, צוליב וואָס וואַלגער איך זיך עס דאָ?...

פון אומגעריכטקייט בין איך אַזש פונם אָרט אָפּגע־שפּרונגען... אַ איד גאָר. נאָר איידער איך האָב נאָך דערוויזן עפּעס ווי אַרומצוקוקן זיך, איז שוין אָט דער בלאָנדער יונגערמאַן צוריק צו זיין עולם אַוועקגעגאַנגען און אין אַ קאָמוניסטישן „געצעלט" אַריינגעקראָכן.

...איך האָב זיך שוין מער ניט געטראָפן מיט אָט דעם מאָרגעם יונגענמאַן. עפּעס אַן אָפּגלאַנץ האָט זיך דורכ־

געשאָטנט פאַרביי און פאַרשוואונדן... און עס רוכט זיך: אָט דער „אָפּגלאַנץ״, וואָס איך ווייס ניט, פון וואַנען ער איז געקומען און וואוהין ער איז נעלם געוואָרן, איז בעצם, אפשר, גאָר אַ מין סימבאָלישע פיגור, וואָס מיר איז באַשערט געווען צו זעהן. אָט דער אומבאַקאַנטער איז דאָך ניט דער איינציגער צווישן אידן. עס איז שוין איצט פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז די אידן, יערנפאַלס אידן־אינטעליגענטן, זיינען פונם ערשטן טאָג אָן, וואָס די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן, געווען געפּאַקט פול און פול אינם באָלשעוויזם, און ס׳רוב אַפילו ווי זיינע פירער און וועג־ווייזער. דאָס איז לדורות אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט. נאָר טאַקע אָט דער פאַקט איז דאָך בתוך עפּעס גאָר אַ שטיק רעטעניש, סיי אין דער געשיכטע פונם אידישן פאָלק בפרט, און סיי פאַר די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פעלקער־פּסיכאָלאָגיע בכלל.

— וואָס וואַלגערן זיי זיך עס דאָ?...

באמת: בנוגע צו די רוסן גופא איז דער גאַנצער באָלשעוויזם, ווי ער שטייט און גייט, מיט אַלע זיינע מדות און דרכים, חסרונות און מעלות בעצם גאָר ניט אַזאַ גוואַלדיגע אומגעהערטע נייס.

דער רוסישער באָלשעוויזם, לויט די אַלע סמנים זיינע, ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונז, איז דאָך, אייגנטליך, ניט אַ טייל פונם היינטיגן סאָציאַליזם אין אייראָפּע, וואָס האָט פיל רעיונות וועגן וועלט־תיקונים און פאַרשיידענע פּלענער וועגן מענשן־אויסבעסערונגען און

וואָס ווייסט, אגב, פונדעסטוועגן אויך, אַז „גליק" איז בכלל ניט פון די זאַכן, וואָס זיינען שטאַרק בנמצא אויף דער ערד און וועט מסתּמא גאָר קיינמאָל ניט זיין, נאָר אַן אויסגע־שפּראָכן־פּויערשע רעליגיעזע סעקטע, וואָס לויט איר איינגעווייניגסטער טבע און מהות, ווייסט זי ניט, ווי יעדע פּויערשע רעליגיעזע סעקטע אין אַלע צייטן און אומעטום, און קאָן גאָר ניט וויסן, דעם טעם פון וואָסערע עס איז זייטיגע מניעות און שטערענישן פון איבערטראַכטן און איבערלייגן זיך און שפּאַנט זיך גלייך מיטן אייגענעם וועג, ניט אַרומקוקנדיג זיך אַפילו. אָט דאָס אָבער זיינען דאָך טאַקע אויך יענע כּשרע סמנים, לויט וועלכע מען קאָן דערקענען, אויסערליך לכל־הפּחות, בכלל די רוסישע געשיכטע און דאָס רוסישע לעבן, ניט בלויז פונם נעכטינגן טאָג אָן, נאָר בעצם שטענדיג און כּסדר.

אָט, למשל, נאָך מיט אַ פּאָר צענדליג יאָר פריהער, איידער דער קאָמוניסטישער באָלשעוויזם האָט אַזוי האַרציג אונטערגעשטיצט, באַגריסט און אויפגענומען די פיל־מיליאָנענדיגע רוסישע אַרמיי, וואָס האָט די שפּיזן אין דער ערד אַריינגעשטעקט און אויף הפקר דאָס אייגענע לאַנד איבערגעלאָזט, — האָט דאָך שוין פונקט אָט אַזאַ שפּיצל אָפּגעטאָן — הגם מיט אַן אַנדער כּונה און צוליב אַנדערע צוועקן — די „דוכאָבאָרן"־סעקטע: איבער אַ סכסוך מיט דער צ ע ר ק ו ו ע פאַרלאָזט די מ ד י נ ה, דאָס פאָטערלאַנד, מיט דער פאַרגאַנגענהייט און מיט דעם להבא און אַוועק פאַקוטעווען אַזש אין קאַנאַדע... איז עס ניט בתּוך ריין באָלשעוויסטיש טאַקע מיט אַלע הירורים?...

צי, אַשטייגער, דער פאַקט, וואָס אַזאַ אָפּגעזונדערט און אַזאַ אָפּגעצוימט פּויערים־פאָלק, ווי דאָס רוסישע, וואָס פּאַקטיש האָט עס מיט דער וועלט נאָר אַ קנאַפּע מגע־ומשאָ און ווערט, דוכט זיך, ממש מבולבל פון יעדן נייעם פּנים, וואָס עס דערזעהט, — נעמט אויף פונדעסטוועגן יעדן דורכוואַנדערער פאַר אַ שופט און פאַר אַן עלטסטן אויף זיך, ניט גריבלענדיג אַפילו אין זיין אָפּשטאַמונג. נאָך נאָר פון קדמונים אָן, בעת, צום ביישפּיל, דער האַלב־לעגענדאַרישער אידישער עובר־ושב זכריה האָט שיער כמעט גאַנץ רוסלאַנד ניט מגייר געווען, איבערלאָזנדיג, אַגב, אַזוינע טיפע שפּורן אינם רוסישן פאָלק, ביז די אַלע העלדן פון דער איצטיגער צייט, טרעפן מיר זיך דאָך, בעצם, מיט אָט דעם פאַקט אויף יעדן טראָט פון דער רוסישער געשיכטע, און ניט בלויז אינם איינקומעניש פון די „פינסטערע און דערשלאָגענע״. אָט דער פאַקט חזרט זיך איבער כסדר און תמיד כמעט אין אַלע צייטן און דורות אויך באַ די העכערע קלאַסן פון רוסלאַנד, אַפילו באַ די געבילדעטע און באַ די רעגירנדיגע. מען דאַרף זיך נאָר דערמאָנען די גוואַלדיגע ראָליע, וואָס עס האָבן — זינט דעם פּעטערבורגער פּעריאָד אָן — געשפּילט די עלעגאַנטע פראַנצויזישע און איטאַליענישע קאַטוילישע אַבאַטן־אַוואַנטוריסטן אין די אַריסטאָקראַטישע הויפן, קייזערליכע פּאַלאַצן, און די וואַנדערנדע בעל־הבתיש מיושבדיגע און באַבערדלטע פּראָטעסטאַנטישע פּאַסטאָרן מיט די צירכטיגע פּנימלאַך אין לופטיגע כאַלאַטלאַך אין

די האַמעטנע אָנגערונצלטע סוחרישע הייזער פון מאָסקווע...

אַפילו פּיאָטר דעם גרויסנס אויפקלערונגס־צייט, אָט דער וואונדערליכער פריהלינגדיגער ערב־באַגינען פון דער גייסטער רוסישער געשיכטע, בעת מען האָט ממש געקאָנט פאַרבלענדט ווערן פונם מאָרגנעם פאַרבן־שפּיל — איז אויך געקומען צום פאָלק עפּעס אין דער גע־שטאַלט פון אַן אויסערליכער סעקטע — אַ מערב־אייראָ־פּייאישער — מיט אַן אייגענעם ריטואַל, מיט אייגענע כהנים און אַפילו מיט אַן אייגענעם טעמפּל: פּעטערבורג, אָט די נייע רוסישע רעזידענץ, וואָס האָט, דוכט זיך, ניט קיין גלייכן צו זיך אין דער גאַנצער וועלט, און דער קיסר אַלס כהן גדול...

דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק איז ממש כמעט היס־טאָריש עפּעס פּויעריש־סעקטאַנטיש.

אָט דאָס אָבער איז דאָך טאַקע דאָס כאַראַקטערים־טישע פונם פּויער־סעקטאַנט: דער פּויער־סעקטאַנט, לויט זיין טבע, נויטיגט זיך תמיד אין אַן אַנטפּלעקער, וואָס זאָל פּלוצלינג קומען צו אים אין דאָרף אַריין און אים, דעם איינגעשפּאַנטן אינם אַקער־אייזן און אָפּגע־ריסענעם פון דער וועלט און פון דער מענשהייט, די „אויגן עפענען", און וואָס זאָל נאָך נעמען אויף זיך די התחיבות צו פירן אים אין „וואונדערלאַנד, וואו עס פליסט מילך און האָניג". עס קימערט אים, דעם פּויער בעצם גאַנץ ווינציג דער נאַציאָנאַלער יחוס פון אָט דעם "אַנטפּלעקער", ווי אויך זיין פּערזענליכע מאָראַלישקייט, אַבי ער זאָל נאָר זיין שליחות אויספירן און וואוהין

ראָס האַרץ געלוסט דערפֿירן. און גענוג: מער פֿאָדערט ער ניט.

און דעריבער טאַקע איז עס אויך זעהר נאַטירליך, וואָס דער קאָמוניזם האָט זיך אין רוסלאַנד אַזוי נאָהענט צונויפֿגעקנעפּלט אומעטום מיט די נידעריגע און מיט די פֿאַרבּרעכערישע עלעמענטן פֿונם לאַנד. דאָס איז שוין אַ מין נאַטור־געזעץ, כּמעט זינט די וועלט שטייט, פֿאַר אַלע נייע רעליגיעזע סעקטעס, וואָס וואַקסן און בליהען, אַגב, אַזוי געראָטן בּכלל אין די פּויערים־לענדער. די ערשטע קריסטן, ווי עס איז באַוואוסט, זיינען געווען די אויסוואָרפֿן פֿונם גליל, די פֿישערס, די עמי־הארצים, די צינשמאָנער און די, וואָס „שטאָלצירן ניט מיט גייסט". די זעלבּיגע געשיכטע, כּמעט אות־בּאות טאַקע, אויך מיט די ערשטע בּוריסטן, וואָס זיינען אין אינדיע אַרויס־געטראָטן קעגן דער הויכער קולטור פֿון די ראַפֿינירטע קאַסטעס, און, אַגב, אויך מיט די פֿראַנקיסטן און מיט די תּלמידים פֿון ר׳ ישראל בּעל־שם־טובס שיטה, וואָס האָבּן ממש אויסראָטן געוואָלט די גדולים, חריפֿים און תּלמידי חכמים — בּעת דער קלאַסישער צייט פֿונם אידישן גלות־פּויערטום פֿון די אַרענדאַרן און פֿון די ראָרף־שיינקערס אין פּאָראָליע, וואָלין און פּוילן... אַפֿילו די משונהדיגע אכזריות, די ווילדקייט און די בּלוטיגע רציחות פֿונם רוסישן קאָמוניזם איז דאָך אויך גאָר ניט קיין חידוש־מעשה: רעליגיעזע סעקטעס זיינען בּכלל ניט שטאַרק בּאַהבנט אינם ענין פֿון וואָג און פֿון מאָס. רעליגיעזע סעקטעס קאָנען סוף כּל סוף עטעמען אָדער אין פּרושים־געצעלטן אָדער אין באַנדיטן־

נעסטן. זיי זיינען אָבער קיין מאָל ניט ביכולת תּכליתדיק און באַטראַכט דורכצושטופּן דאָס לעבן אין בעלי־הבתּישע הייזער אונטער ירושה־דעכער.

היינט בפרט נאָך אַ נייע סעקטע באַ אַזאַ מין פאָלק, וואָס ווייסט אַפילו איצט, אין אונזערע טעג, אַזוי פיל צו דערציילן וועגן אַזוינע מנהגים און דינים, ווי פאַר־וואַנדלען זיך אין סריסים בכּיון, אָדער פאַרבּרענען זיך לעבעדיגערהייט משפּחותווייז, כּדי „טאַנצנדיג“ און מיט וואָלקנס־רויך באַרעקט אָנצוקומען אויף יענער וועלט פאַרן כּסא־הכּבוד, און נאָך אַזוינע מאָוימדיגע איינפאַלן.

מחמת דעם אַלעמען איז אייגנטליך דער באָלשעוויזם, וואָס איז שייך די רוסן גופא, נאַטירליך, לאָגיש און פאַרשטענדליך פונם אָנהויב ביזן סוף. דער באָלשעוויזם איז, אָהן שום ספק, אַ סעקטע מיט אַלע הידורים, און דאָס איז דאָך טאַקע דער תּמצית פון דער רוסי־שער געשיכטע אין אַלע צייטן. עס איז, אַגב, דוכט מיר, אפשר אויך גאָר ניט קיין צופאַל, וואָס איינער פון די באָלשעוויסטישע רעגירונגס־לייט, איינער פון די אָנגעזעהענסטע, פון די האַרטנאַקיגסטע און פאַרביסנ־סטע, איז אַלע זיינע יאָרן געווען דער פאָרשער און דער „דברי־הימים“־שרייבער פון די פאַרשיידענע רוסישע סעקטעס אין אַלע זייערע געשטאַלטן... דאָ איז, לגמרי, ניטאָ וואָס צו וואונדערן זיך: באַ זיך אין דער היים טאַקע.

אָבער אַ וואונדער איז און אַ שטאַרקער וואונדער, וואָס די באָלשעוויסטישע ריין רוסישע סעקטע פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל אידן און נאָך אַפילו ווי די עלטסטע אָנפירער — „וואָס וואַלגערן זיי זיך עס דאָ?“...

געבּוירענע שטאָט־מענשן זיינען זיי ראָך און שטענדיגע וועלט־רייזנדער, וואָס פּילן אָן תּמיד — ס׳רוב פון קינדרווייז אָן — די ווייטסטע און די באַהאַלטנסטע ווינ־קעלאַך פונם כּדור־הארץ, און ווייסן מחמת דעם אויס־געצייכנט, טאַקע ווי גענית־שטובּיגע מענשן, ראָרטן ממש פון יערער האָר, וואו אוים און וואו איין, וואו עס ליגט און וואו עס שטייט. אין פלוג גענומען, האָבּן זיי, דוכט זיך, ניט געקאָנט פּלוצלינג, אין מיטן דערינען, גאָר אָנהויבּן גלויבּן בּאמונה שלמה אין אַנטפּלעקערס און אַנטפּלעקונגען, פון וואַנען זיי זאָלן ניט קומען, אַשטייגער, ווי די דאָרפישע תּמימים מיט די פויערשע כּשרע אויסגעגלאָצטע אויגן. צו דעם נאָך זיינען זיי ראָך עפּעס ס׳רוב געטרייע זין פון סוחרישע עלטערן. פונם ווינעלע אָן ממש כּסדר אויפגעהאָרעוועט זיך אויף ריכטיגער בּוכהאַלטעריע און אויף קלאָרע חשבּונות, און אָהן אַ וואָג־בּעזמענדל, עפּעס ווי אַ קמיע־שמירה נאָך פון דער עלטער באָבּען, קיינמאָל, דוכט זיך, פּשוט פון אָרט ניט גערירט זיך... און ועל־כּולם זיינען זיי ראָך לייבּליכע קינדער פון אַזאַ אַלט פאָלק, וואָס זינט עס לעבּט, האָט עס ממש אַפילו ניט אָנגעקוקט קיין בּלוט־קאָלירן, קיין שפיכות־דמים־סעקטעס קיינמאָל ניט געהאַט און אַ קהלת־בּוך, ווי אַ סגולה קעגן פאַר־בּלענדעניש, נאָך מיט עטליכע טויזנטער יאָרן צוריק דוקאָ פאַרמאָגט.

אַלץ אַזוינע קלאָרע אמתן. און פונדעסטוועגן נאָך אָט די אַלע קלאָרע אמתן, און עפּעס ווי אויף להכעיס אָט דעם אַלעם, איז דער רוסישער בּאָלשעוויזם פאָרט

ממש געפּאַקט מיט אידישע אינטעליגענטן, וואו ער זאָל זיך ניט קערן און ווענדן, טאַקע אויף יעדן טראָט: איז עס דען ניט אַן אמתע רעטעניש, וואָס זוכט פּשוט, ווי מיט ליכט, אַ ריכטיגע באַשיידונג?...

און מיר דוכט, אַז די באַשיידונג פון אָט דער רעטעניש דאַרף מען זוכן דערהויפּט אינם באַוואוסטן פּאַקט, וואָס קיינמאָל ניט און ערגעץ ניט איז ס׳רוב אידישע אינטעליגענטן ניט געווען, בתוך, אַזוי אָפּגעריסן און אַזוי איינזאַם פאַרלאָזט פונם אייגענעם פאָלק, און ממילא שוין דעריבער אין אַזאַ גייסטיגן צושטאַנד פון וואַלגערן זיך, ווי אינם געוועזענעם רוסלאַנד. אָט, למשל, אין מערב־אייראָפּע זיינען אויך ס׳רוב אידישע אינטעליגענטן פון די לעצטע הונדערט יאָר פּאַקטיש נאָך גאָר קליינערהייט אַרויסגעשפּרונגען פון אונטער דער פאָלקס־השגחה. דאָרטן אָבער זיינען זיי דאָך פאָרט אויף דער גאַס ניט פאַרבליבן. אמת טאַקע, אָפּט ווי לאַס־טיגע שטיפקינדער, ניט געוואונשענע און ניט געבעטענע אין פרעמדע הייזער און באַ פרעמדע טישן, ממש מיט געוואַלד אַריינגעכאַפּט זיך, אָבער לפּנים מיט אָט די פרעמדע הייזער איינגעלעבט זיך, אַפילו איין לשון גערעדט און ס׳האָבן געטראָפן טאַקע אַזוינע פאַלן, וואָס אַזש אין די גרעסטע און אין די ביטערסטע צייטן פון אָט די פרעמדע, זיינען זיי, די שטיפקינדער, בצוואה אויך ווי יורשים פאַרצייכנט געוואָרן. די אידן אין מערב־אייראָפּע האָבן דאָך עפּעס היינען פאַרמאָגט... אינם געוועזענעם רוסלאַנד אָבער זיינען ס׳רוב אידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך פון דער „היים" אַרויסגעמאַכט,

פאַרבליבן לגמרי טאַקע אויף הפקר: אָהן אַ שום אַחריות־אויג פון אַ קרוב אָדער אַ גואל, וואָס זאָל אַכטונג געבן, און אַפילו אָהן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אָט שוין צענדליגער יאָרן, אַז זיי ווערן טאָג־טעגליך מחנות־ווייז אויף פאַרשיידענע אופנים אַנטרינען צווישן די רוסן, אין אַלע ווינקעלאַך, דוכט זיך, פאַרקראָכן, און פונדעסטוועגן אין דער גאַנצער צייט אַפילו קיין איין באַדייטנדן קינסטלער פון זיך ניט אַרויסגעגעבן. די קונסט אָבער איז דאָך פון אייביג אָן באַ אַלע פעלקער טאַקע דער הויפּט־סימן פונם סדר, פון אַיינגעפונדרעוועטער שטוביגקייט און אַיינגעזעסנקייט. איז עס דען ניט דער־ריבער טאַקע דער בעסטער באַווייז, אַז אָט די אַנטרונענע זיינען, בעצם, גאַס־פאַרשוינען פאַרבליבן... פון אירן אָפּגעשטאַנען און צו רוסלאַנד ניט צוגעשטאַנען. געבלאָנקעט און געוואַלגערט זיך: אָט דאָס אָבער איז דאָך שוין די טבע פונם בלאָנקעדיגן גאַס־פאַרשוין נאָך פון קדמונים, וואָס אים ציהט כּסדר בלויז צו דעם, וואָס פאַרשיכּורט, צו פאַרשרייענדיגער הפקרות און צו אַלעם, וואָס איז סכּנהדיג פאַר די, וועלכע עטעמען מיט ישוב־לופט. נאָר ניט צו פאַרבלייבן מיט זיך אַליין אינם נע־ונד.

אַזוי איז עס שוין: אָט דער מין פאַרשוין, אַגב, איז דאָך בכלל אַ קנאַפּער מפונק און ניט קיין שטאַרקער אויסקלייבער: איר קאָנט אים טרעפן צווישן פילם־שפּילערס, צווישן מעקסיקאַנישע אינסורגענטן און פאַר־שיידענע צייטונגס־רעדאַקציעס, צווישן אַרגענטינישע אַנאַרכיסטן און רוסישע סעקטאַנטן און אומעטום, וואו

עס איז נאָר מאַלעריש־פּאַרביג און וואו עס איז טומלדיג. אין אַט די אומרוהיגע ערטער איז זיין מקום־מנוחה. ווי אַן אויסגעריבענער און דורכגעטריבענער נע־ונדניק אָבער ווערט ער, אַט דער פּאַרשוין, נאַטירליך, ס׳רוב נאָך דער פירער און דער וועג־וויזער — אַ פּאַקט, וואָס חזרט זיך כּסדר איבער. און אַט אין דעם פּאַקט, דוכט מיר, שטעקט עס טאַקע די סיבה, וואָס אַזאַ טיפּישע ריין רוסישע סעקטע, ווי דער באָלשעוויזם, האָט דאָך פונדעסטוועגן געקאָנט אַריינשלעפּן אין זיך אַזוי פיל אידישע אינטעליגענטן, און אָהן זיי ממש אַפילו אַ טראָט ניט מאַכן, פּונקט עפּעס ווי זיי וואָלטן פון קינדרוויז אָן פון איין ברוסט געזויגן און אין איינעם אויפגעהאָדעוועט זיך... ווי באמת טראַגיש אָבער עס איז אַט דער פּאַקט! דער רוסישער פּויער־סעקטאַנט, אַט דער גרויסער תּם, גלויבט לכל הפּחות באמונה שלמה סיי אין דער גוטסקייט און סיי אין דער פרומקייט פון זיינע מעשים. אָבער דער אידישער אינטעליגענט, וואָס איז אויך אינם באָלשעוויזם אַריינגעקראָכן?... אַט פּאַסירט דאָך, אַז ער שטעלט זיך גאָר אָפּ פּלוצלינג, און שמייכלענדיג, ווי אַ חולה־נופל, פרעגט ער באַ דעם ערשטן בעסטן:

— וואָס וואַלגער א י ך זיך עס דאָ?..

געטער-קריגן

(חורבן-רוסלאנד)

אין ווינטער פון יאָר 1918 האָט עס פּאַסירט, אָט די געשיכטע, אינם געוועזענעם רוסלאַנד, צווישן די קאַלמיקן־סטעפּעס:

אַ באַוואָפנטע רייטער־מחנה פון די רוסלענדישע רויטע קאָמוניסטישע חילות, וואָס האָבן רעמאָלט חדשים נאָכאַנאַנד אומגעמאַרשירט מיט פייער און מיט שווערד איבער די שטעט און אַאולן פון קובאַנער געגנט, פירנדיג אַ בלוטיגע און האַרטנאַקיגע מלחמה מיט אַן אָרטיגן קאַזאַקן־שבט, — איז גאַנץ צופעליג בלאָנדזשענדיג פאַרקראָכן אין אַ קאַלמיקישן אָן־אַ־זייט רערפל. אָט דאָס רערפל אָבער איז ניט געווען קיין פשוטער ישוב: נאָך גאָר פון קרמונים אָן איז עס געווען דאָס אויסדערוויילטע הייליגע אָרט, וואו עס האָט גערוהט אין אַ מירמלשטייגענעם משכן דער קאַלמיקישער הויפּט־גאָט, דער עלטסטער ממונה און העכסטער באַשיצער פון פאָלקסגעזונטקייט, פון לאַנר־גערעטעניש און פרוכפּערקייט פון די פלינק־בליצנדיגע סטעפּן־פערדלאַך, און די איינוואוינער פונם רערפל זיינען געווען בלויז די נאָהענטסטע כהנים פון אָט דעם גאָט. אמת, אָט דער גאָט גופאָ

איז אַפילו געווען לויט זיין וואוקס אַ קליינער, טאַקע נאָר אַ פּיצינקער, — סך הכל אפשר צוויי פינגער די הייך, מיט אַ פלאַטשיג, קאַלמיקיש פּנימל, מאָנ־ צינקע פאַרשוואומענע אייגעלאַך און שיטער און שפּיציג־ בערדעלע, — דערפאַר אָבער פון לויטער גין־גאָלר, און מחמת זיין גוואַלדיגער חשיבות האָט קיין שום ילוד־אשה, אַ חוץ די עטליכע געציילטע כהנים־גדולים, מיט אים קיינמאָל פּנים אל פּנים ניט געטאָרט אָנקוקן זיך. אַגב, לויט די דינים און געבאָטן פונם גאָלדענעם קאַל־ מיקישן הערשער, איז אין אַלע צייטן פונם יאָר, שטענדיג און כּסדר, דער משכּן פראַנק און פריי מיט אָפענע טירן געשטאַנען, און נעבן דעם משכּן האָט טאָג ווי נאַכט אַ לאַנגער שטורקאַץ, ווי אַ נר־תּמיד, געברענט, כּדי יעדער פאַרבייגייער זאָל וויסן און געדיינקען, אַז ער טרעט בעת מעשה אויף הייליגער ערד, און דער־ ריבער די שיך אַראָפּציהען פון די פיס און דעם וועג־ שטויב אָפּטרייסלען פון זיך.

בעת די באַוואָפנטע רוסלענדישע רייטער־מחנה איז אינם דערפל אַריינגעטראָטן, זיינען אָט די כּהנים, לויט זייער ירושה־שטייגער, אַנטקעגן אַרויסגעגאַנגען מיט ברויט און מיט זאַלץ, פאַררויכערט־געבראָטן שעפּסן־ פלייש, לאָגלען פול מיט וואַסער, ברכות אָהן צאָל, און הכנסת־אורחימדיג אָפּגעפירט די מידע און פונם וועג אויסגעמאַטערטע קאָמוניסטן אין אַ געצעלט, זייערע ביינער אויסצוגלייכן... צופרידן פון אַזאַ פיינעם קבלת־פּנים און פונם אומגעריכטן כּל־טוב, זיינען זיי דאָ עטליכע שעה אָפּגעשטאַנען, און באַגינען, בעת די

קאַלמיקישע כּהנים־גדולים האָבּן זיך רוהיג נאָכן פּלוצ־לינדיגן טומל גערדרעמלט, ראָס דערפל פאַרלאָזט. פונקט ווי קיינער פון ראַגנען האָט ניט געוואוסט, צוליב וואָס און פון וואַנען אָט די רייטער האָבּן זיך אָנגעטראָגן, אָט אַזוי האָט מען דאָ אויך קיין שום השגה ניט געהאַט, וואוהין, אַשטייגער, זיי האָבּן זיך עס אָפּגע־טראָגן, בעת זיי זיינען עפּעס ווי בּשתיקה נעלם געוואָרן פון ראַגנען.

און אין דער היילגער רעזידענץ פונם קאַלמיקישן הויפּט־גאָט איז ווידער געוואָרן גנאָדיג־שטיל און עפּעס אַזוי שקיעהדיג־פאַרטראַכט, ווי עס איז געווען פריהער און תּמיד.

נאָר אָט ממש טאַקע אַ מעשה־נוראָ: שוין אַרויס־טרעטנדיג פונם דאָרף, האָבּן די פאַרבּלאָנדזשעטע רוס־לענדישע קאָמוניסטן גאָר אומגערן אָן דעם פלאַקערדיגן נר־תּמיד אָנגעשטויסן זיך. מחמת פּשוטער נייגעריגקייט אינם משכּן אינעווייניג אַריינגעשטופּט זיך. און, איבּער־טאַפּנדיג דאָ פאַרשיידענע מאָרנע חפצים, דעם נסיון ניט געקאָנט בּיישטיין, און דאָס גין־גאָלדענע געטעלע מיטן פּלאַטשיג פּנימל צווישן די כּלי־זין און פּראָוויאַנט־חפצים אַריינגעשטעקט... עטליכע טעג האָט מען זיך אינם דערפל גאָר ניט געכאַפּט צו אָט דער אבדה: ווינ־טער זיינען מתפּללים זעהר ווינציג און די כּהנים־גדולים בּאַווייזן זיך זעהר זעלטן פאַר גאָט. נאָר אָט איז פּלוצלינג עפּעס קראַנק געוואָרן איינער פון די חשובסטע קאַלמיקישע שופטים און מען האָט נעגעבּן צו וויסן די עלטסטע דינער פונם קאַלמיקישן בּאַשיצער, זיי

זאָלן שטאַרק בעטן פאַרן געזונט פון אָט דעם שופט...
אין ווייס־לײַנענע קליידער און מיט אַש די קעפּ באַ־דעקט זײַנען די כהנים אינם משכּן אַריין אָט די שליחות אויסצופירן. ווי אָבער זיי האָבן נאָר דעם שוועל אַריבער־געטראָטן, האָבן זיי תּיכּף טאַקע דערזעהן, וואָס דאָ האָט געטראָפן: דער אַלמעכטיגער גאָט איז פאַרשוואונדן פון זײַן אייביגער רוה... ווער אָבער איז עס אָט די זינד באַגאַנגען?... מסתּמא, יענע באַוואָפנטע לײַט, וואָס זײַנען פונם צפון־לאַנד געקומען!...

און שליחים מיט טרוימייטערס זײַנען אַוועק איבער אַלע אַאולן, סטעפּעס און מדבריות, אָנזאָגן אין אַלע ווינקעלאַך פונם געריכט־גראָזיגן לאַנד אָט די אימה־ריגע בשורה.

אויסגעהערט האָט דאָס קאַלמיקן־פאָלק אָט דעם טרויעריגן אָנזאָג און, ניט טראַכטנדיג לאַנג, אַלע ווי איין מענש די צעשפּרייטע טאַבונעס צונויפגערופן, אַרויפגע־זעצט זיך אויף די קליינוואוקסיגע שפּרינגענדיגע סטעפּן־פערדלאַך און אַוועקגעלאָזט זיך — וואוהין די אויגן וועלן טראָגן — אויפזוכן און באַפרייען פון די רוצחישע הענט דעם דערלייזער און באַשיצער. ווי פיל פון בויגן געטראָגן זיך איבער די גלאַטע לאָנקעס, ביז זיי האָבן זיך לסוף באַגעגנט הינטער דער שטאָט יעקאַטערי־נאָדאַר מיט די רוסלענדישע קאָמוניסטן.

און אָט דאָ איז עס פאָרגעקומען אפשר די שרעק־ליכסטע בלוטפאַרגיסונג, וואָס רוסלאַנד האָט נאָר געזעהן אינם לעצטן צאַפּלען זיך, און וואָס וועט נאָך

אפשר דורות־לאַנג דערציילט ווערן אין די פּעטערבּור־נער און מאָסקווער אַרבּעטער־קוואַרטאַלן און אין די דאָנער שאַכטעס, ווי אַ שוואַרצע מגפה־לעגענדע פון פאַר־צייטן. טויזנטער מענשן זיינען פון בּיידע צדדים, ווי פליגן, געפאַלן. כּמעט קיינער פון זיי האָט זיך ניט אומגעקערט לעבּעדיגערהייט פונם שלאַכט פעלד... דאָס גאָלדענע געטעלע אָבּער האָט זיך פונדעסטוועגן פאָרט ניט געפונען — פאַרפאַלן!

...אָט די אויסטערלישע געשיכטע איז אַ געשעהע־נער פאַקט. און דוקאָ אָט דער פאַקט איז, דוכט מיר, דער וויכטיגסטער דאָקומענט אינם גאַנצן פּעקל „כּתבים", וואָס רוסלאַנד, ווי אַ מרינה, האָט איבּער־געלאָזט פאַרן טויט. עס קומט פאַר אַ בּלוטיגע מלחמה צווישן קאַלמיקן און קאָמוניסטן. פאַר וואָס אָבּער?... פאַרשטייט זיך, ניט מחמת רעם, וואָס זיי זאָלן פירן צווישן זיך אַ מחלוקת עפּעס פאַר אַ ירושה־חלק: דוקאָ אַזאַ האַלבּ־ווילדער נאָמאַדן־שבט, ווי דאָס קאַלמיקישע פאָלק, וואָס ציהט זיין חיונה פונם הפקר־סטעפּ און פון פערד־טאַבּונעס, וואָלט מסתּמא, בּ ת ו ך, זעהר גרינג איינגעגאַנגען אויף אַלע פאַרלאַנגען פון די רוסלענדישע קאָמוניסטן... די קאַלמיקן זיינען בּעצם אַרויסגעגאַנגען שלאָגן זיך בּלויז דערפאַר, ווייל אַ בּאַוואָפנטע רייטער־מחנה פונם צפון־לאַנד האָט זייער ג אָ ט אין געפאַנגענשאַפט צוגענומען. פ אַ ק ט י ש, הייסט עס, איז דאָ פאָרגעקומען ניט סתּם עפּעס אַ מלחמה, נאָר אַ ג ע ט ע ר־ק ר י ג. בּנוגע אָבּער צו

דער געוועזענער רוסישער מדינה, ווי אַ מלוכה, איז דאָך דאָס ניט גלאַט עפּעס אַן אויסטערליש, עקזאָטיש מעשהלע, נאָר טאַקע דאָס געוויינטליכע, דאָס טאָג־טעגליכע, פון איר געשיכטע, זינט מאָסקווע האָט אָנגעהויבן אויף פרעמדע פעלקער און לענדער צו קיניגן ביזן היינטיגן טאָג. כסדר און אָהן אַן אויפהער־געטער־קריגן: אָט צוליב וואָס, אַשטייגער, האָט זיך דאָס געוועזענע רוסלאַנד געיאָגט צו באַהערשן די וועלט?

באמת: מערב־אייראָפּע פאַרמאָגט אויך אַזוינע מדינות, וואָס זיינען, פונקט טאַקע ווי דאָס געוועזענע רוסלאַנד, אַרויסגעטראָטן מיטן שווערד נייע לענדער צו פאַרנעמען. אָבער געטאָן האָבן זיי דאָס ניט סתם אַזוי זיך, און ניט עפּעס כּדי אַ העלדיש גבורה־שפּיצל צו באַווייזן: די היסטאָרישע נויט און די שטופּיגע רחקות האָט זיי דערצו געטריבן מיט גוואַלד... באַ זיך גופא אין דערהיים איז ממש ניט געווען וואו אַהין צו טון זיך פון איינגשאַפט, און זיי האָבן געמוזט אַריינשפּאַרן זיך אין דער פרעמדער מיט גוטן צי מיט בייזן. אָט די ענגלענדער — אַגב, אפשר די מיושבדיגסטע מענטשן פון דער וועלט — פלעגן דאָך נאָך אַזש מיט הונדערטער יאָרן צוריק זייער היימישן, איינגעפונדרעוועטן און פאַרוואָלקנטן אינזל פאַרלאָזן און עפּעס ווי נע־ונדניקעס אומוואַנדערן איבער אַלע ימים, זוכן יבשה־ערטער, וואו רעם פאַרוואָגלטן קאָפּ אָנצושפּאַרן. צי די דייטשן — בכלל אַ פאָלק, וואָס רייבט זיך כסדר, רוקט זיך, נעבן דער איינענער שטוב און פונדעסטוועגן שוין גאָר טאַקע

פון לאַנג אָן נאָך די נאָהענטסטע און ווייטסטע טיילן פונם כדור־הארץ מיט אייגענע ישובים פאַרפלייצט, פונקט ווי די אייראָפּייאישע רעזידענץ־שטעט מיט מלכים און מלכות...

אָט דאָס אָבער איז דאָך טאַקע די סיבה, וואָס אָט די מדינות, פאַרכאַפּנדיג עפּעס אַ נײַ לאַנד, פלעגן תּיכּף ממש מיט לײַב און לעבן אין דעם אַרײַנקריכן, בויען און פלאַנצן, ווי אין אַן אייגענעם איינקומעניש, פאַרוואַנדלען עס ממש עפּעס אין אַ געבוירענער מלוכה. דײַטשן און ענגלענדער האָבן פּשוט אין ערד זיך גע־נויטיגט, אין ממשותדיגער ערד, און כדי טאַקע אָט די ערד, וואָס איז מיט בלוט אָנגעקומען, זאָל זײַן פּרוכטבאַר, פלעגן זיי זיך אַזוי שטאַרק פאַרקניפּלען פון אַלע זײַטן מיט די פריהערדיגע תּושבים, אַז עס איז געוואָרן כמעט ווי אוממעגליך זיי פונאַנדערצופלאָנטערן. און מיר זעהען אויך טאַקע: ווי בייז פאַרביסן עס זאָלן ניט זײַן די פעלקער פון אָט די מערב־אייראָפּייאישע מדינות איינע אויף די אַנדערע, פונדעסטוועגן, אַז עס קומט אַ שווערע מינוט, ריידן זיי זיך בעצם פאָרט ווי עס איז צונויף אָרער זיי צעשיירן זיך ניט, לכל־הפּחות, אַזוי לייכט. אָט דאָס איז דאָך שוין די טבע פונם לעבן מיט אַנאַנד, וואָס עס טרײַבט ממש מיט בייטשן צו זוכן כּסדר אויסוועגן... אָט אַזוי האָט זיך עס צונויפגעקייטלט די געשיכטע אין אָט די מערב־אייראָ־פּייאישע מדינות, און מחמת דעם, אַגב, האָט זיך עס דאָרטן טאַקע אויסגעשיילט אַזאַ מאָדנע־קונציגער מלוכה־סדר.

אָבער דאָס יאָגעניש נאָך נייע לענדער אינם געוועזענעם רוסלאַנד?

פּונקט ווי די אַראַבּישע נאָמאַדן־שבטים, וואָס זיינען מיט 13 הונדערט יאָר צוריק אַרויסגעקראָכן פון צווישן די מדבריות פון ערב און איין מאָל עפּעס ווי אין מיטן דער נאַכט, געפירט פון די הימל־שטערן, כמעט אַ האַלבע וועלט פאַרכאַפּט, — האָט אויך דאָס רוסישע פאָלק אַיינגענומען פרעמדע לענדער פאַקטיש ניט מחמת דעם, וואָס עס זאָל פלוצלינג עפּעס דערשפּירן אַ מאַנגל אין ערד גופא: אַרום און אַרום איז דאָך געווען טאַקע שוין צופיל רחבותדיג. אָט די נייע לענדער האָבן זיך ס׳רוב גאָר באַקומען בהיסח־הדעת... אָט, אַשטייגער, אַזאַ פאַקט: עפּעס אַ רויבער־באַנדע, וואָס איז מיט איר עלטסטן פון אונטער דער תליה אַנטלאָפן, האָט זיך בלאָנדזשענדיג און אויסגעהונגערט אין אַ גרויסער און ווילדער מדינה פאַרשלעפּט, און כדי אומצוקערן זיך אומבאַשטראָפט צוריק אין די היימישע וועלדער, האָט די רויבער־באַנדע אָט די ווייטע און ווילדע מדינה אין די הענט אַריינגענומען און געשיינקט זי פאַר אַ מתנה, אָנשטאָט מחילה־געלט, דעם אייגענעם קיסר. ניט געגוויטיגט זיך אין „נייער" ערד, איז דאָס רוסישע פאָלק טאַקע קיינמאָל ניט געגאַנגען כמעט מיטן גוטן ווילן צו באַזעצן זיך היימיש אין אָט די פרעמדע לענדער. די צוגעקומענע פעלקער זיינען בתוך, ווי פריהער, געבליבן פאַר זיך און אָפּגעזונדערט. און כדי אָט די צעשפּליטערטע און צעוואָרפענע מדינה, וואָס האָט אַזש ביז אַ זעקסטל פון דער וועלט דער־

גרייכט, זאָל ניט אומקומען, האָט זיך אָפּגעשטעלט בעצם נאָר איין תּרופה: די גטער פון די איינגע־נומענע לענדער אויסצוראָטן און אַנשטאָט זיי אָפּן און הויך אַנידערשטעלן, ווי אַ הערשער, דעם אייגענעם גאָט, וואָס זאָל אַלעמען האַלטן אין דער מוראָ... קיין אַנדער תּרופה האָט דאָ טאַקע גאָר ניט געקאָנט זיין: דאָ איז דאָך ניט געווען דאָס פאָלק, גופא דאָס לעבע־דיגע פאָלק, וואָס זאָל באַוואַכן די נצחונות פון דער מדינה... און אָט אין דעם פאַקט, אַגב, שטעקט עס טאַקע, דוכט מיר, די סיבה, וואָס דאָס געוועזענע רוסלאַנד האָט זיך אין אַ משך פון דורות בשום אופן ניט געקאָנט דערהויבן אָדער אפשר גאָר אַראָפּלאָזן צו דער מדרגה פון אַ מאָדערנער אייראָפּייאישער מלוכה. ווי באַלד די פּראַוואָסלאַוונע צערקווע געוועלטיגט איבער אַלע אַנדערע געבעט־הייזער, און ניט דאָס רוסישע פאָלק איבער די באַזיגטע אומות, — מוז שוין טאַקע דער הייליגער סינאָד זיין פאַר אַלעמען אויך דער איינציגער געזעצגעבער פונם לעבן בכלל... דאָס איז לאָגיש און אויסגעהאַלטן, פּונקט ווי עס איז לאָגיש און אויסגעהאַלטן, למשל, וואָס אינם געוועזענעם רוסלאַנד פלעגט מען פאַרן אָפּזאָגן זיך פונם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן משפּטן, ווי פאַר פעלשונג אַנטקעגן דער גאַנצקייט פון דער מדינה. די פּראַוואָסלאַווע אמונה איז דאָך פאַקטיש טאַקע געווען די איינציגע, וואָס האָט באַשיצט אָט די מדינה־גאַנצקייט... און דעריבער איז עס אויך ווי אָנגעמאָסטן פאַרן געוועזענעם רוסלאַנד, וואָס מען פלעגט דאָ אָפּט אַזוי הויך דערהויבן משומדים פון

אַלע גלויבנס, און די פּוילישע קאָסטיועלס פאַרוואַנדלען אין צערקוועס, די קסיאָנדזן פאַרשיקן אין געפענגעניש פאַרן אַריינוואַרפן בפרהסיא עפּעס אַ קאַטוילישע וואָרט, די אַרמענישע קלויסטערס פאַרחתמענען און דאָס הייליגע געלט פאַרנעמען אינם „אוצר־המלך“, די אוניאַטן אין ווייס־רוסלאַנד און אין אוקראַינע, ווי אַלע איבעריגע אמונות, רודפן ביזן בלוט, און די אידן האַלטן מחוץ־למחנה. דאָס אַלץ איז געווען ווי אָנגע־מאָסטן און אַנדערש האָט עס גאָרניט געקאָנט זיין. דאָס געוועזענע רוסלאַנד האָט דאָך געפירט געטער־קריגן, און אַ מדינה, וואָס פירט געטער־קריגן, מוז אויך רעגירט ווערן לויט געטער־ראַנגען. געטער אָבער לויט זייער טבע גייען ניט אויף „אויסוועגן“, געטער מאַכן ניט קיין פּאַרלאַמענטן, געטער פרעגן ניט קיין עצות, און מענשן קאָנען פאַר זיי קיין פּשרות און געזעצן ניט אויסטראַכטן און ניט אָנשרייבן: געטער רעגירן אַליינהערשעריש.

...כמעט עטליכע הונדערט יאָר האָט זיך עס אָט אַזוי געצויגן — אפשר טאַקע די לעצטע „געטער־קריגן“ אין אייראָפּע — און פּלוצלינג איז ממש עפּעס אַ וואונדער געשען: דער גרויסער אַלמעכטיגער און אַל־הערשנדיגער פּראַוואָסלאַוונער רוסישער גאָט איז גע־פאַלן און מיט אים אינאיינעם איז טאַקע אויך די גרויסע מדינה צעשאָטן געוואָרן — נאָר אויף אים אַליין האָט זי זיך דאָך סוף כל סוף געהאַלטן — און די אַלע לענדער, וואָס זיינען געווען אָנגעזאַפּט מיט דער

גליהענדיגער און מיט דער שווערער לופט פון די רויכיגע געטער־מזבחות, האָבן זיך דערשפּירט עפּעס ווי באַשפּריצט מיט פריהלינג־טוי און אויף גרינגע לאָנקעס...

אָט אויף אַזאַ אופן, דוכט מיר, האָט עס דער גרויסער חורבן־רוסלאַנד פּאַסירט.

דער איינפאַל אָבער מיטן פאַרשוואונדענעם קאַל־מיקישן גאָלדענעם געטעלע, וואָס דערמאָנט די ביבלישע „תרפים־מעשה", איז דאָך טאַקע אַ סימבאָלישער צייכן פון דער רוסישער געשיכטע: אַפילו די רוסישע קאָמוניסטן האָבן אויך עפּעס ווי ניט געקאָנט אויסמיידן פאַקטיש קיין געטער־קריג. נאָר אָט דער פאַקט האָט דאָך אַ גוואַלדיגן זינען. באמת: ניט די ליבעראַלע אייראָ־פּייאיש־אַפּיקורסישע רעפּובליקאַנישע אידייע איז דאָך בכח ווידערצושטעלן דאָס חרובע רוסלאַנד. כּדי צו פאַראייניגן דאָס געוועזענע רוסלאַנד, מוז דאָס רוסיש פאָלק פאַרמאָגן ניט קיין פּאַרלאַמענט, נאָר אַ גאָט, וואָס זאָל אויך רעגירן גע ט ל י ך, דאָס הייסט דיקטאַ־טאָריש איבער די פאַרשיידענע פעלקער און מדינות, וואָס זיינען סיי פיזיש און סיי גייסטיג אַזוי אָפּגעזונדערט און ווייט. אָט די עובֿדה אָבער קאָן אויף זיך נעמען נאָר דער אַלטער רוסישער גאָט — די פּראַוואָסלאַוויע און איר ממונה אויף דער ערד — דער צאַר, אָדער די נ ייע רוסיש־פּויערשע רעליגיעזע סעקטע — דער קאָמוניזם און זיין שליח אין דער וועלט — די רויטע אַרמיי. בעת עס האַנדלט זיך וועגן אַ גאַנצן און גרויסן רוסלאַנד,

ווי עס איז געווען פאַרצייטן, איז קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ. און אָט דעריבער טאַקע, דוכט עס מיר, אַז די מלחמה צווישן די קאַלמיקן און די רוסישע קאָמוניסטן פאַר די געגנבטע „תרפים" איז ממש טאַקע אַ סימ־באָלישער צייכן פון דער רוסישער געשיכטע: ווי נאָר די רוסישע קאָמוניסטן האָבן אויף זיך איבערגענומען די מרינה, זיינען זיי גלייך אַרויסגעטראָטן און האָבן געמוזט אַרויסטרעטן אין אַ קריג פאַר און קעגן געטער. און ווי זשע אַנדערש?...